ייִדישע
פֿאָלקס ביבליאָטעק
מאָנטרעאַל
JEWISH PUBLIC LIBRARY

ספריה עממית בטורונטו
אידישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

6.

ספריה עממית בטורונטו
יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

ארבייטער-לעבען

ז. מלאכי 1927
Frant
ספריה עממית בטורונטו
אידישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

די אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק.

דוד פינסקי

ערצעהלונגען

אין צוויי בענד

צווייטער באנד.

ארויסגעגעבען פון
די אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק פערלאג קא.,
23 דואיין סטריט, ניו יארק.

ספריה עממית בטורונטו
אידישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

ספריה עממית בטורנטו
יודישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

Copyright, 1907,
By the International Library Publishing Co.

JEWISH PUBLIC LIBRARY

א מעשה מיט א הונגריגען.

איציע האָט צוויי טעג נאָך אנאנד גאָרנישט אין מויל געהאַט, דאָס הייסט — געהונגערט. אָבער אויפ'ן דריטען טאָג אין דער פריה האָט ער ביי א חדר־אינגעל, וואָס האָט געלערענט אין הויף אין חדר, אויסגענאַרט פאַר דריי מעשענע קנעפּלעך דאָס אָנבייסען — צוויי קליינע קיכלעך מיט פּוטער — און אויפגעגעסען. דאַן איז ער גע־וואָרען בייז. די קיכלעך זיינען איהם געוועזען אויף א צאָן, אָבער דאָך האָט ער יעצט געהאַט א ביסעל כח בייז צו זיין, און עס האָט זיך איהם פערגלוסט צו טון שלעכטס. עס האָבען איהם נעביסען די הענד. די ערשטע זאַך האָט ער געגעבען א זעץ מיט'ן פוס זשוטש־קען, דעם קליינעם הינטעל, וואָס די בעל־הבית'טע פון הויז האָט גע־האַלטען טייערער פאַר איהרע אייגענע קינדער. זשוטשקע האָט זיך געלאָזען לויפען מיט א קוויטשעריי פאַר וועהטאָג, אָבער איציען איז דאָס געוועזען ווייניג. ער האָט אויסגעריסען איין איינגעפּראָ־רענעם שטיין און א שליידער געטאָן מיט אַלע זיינע כחות נאָך זשוטשקען. ער האָט נישט געטראָפען אין דעם הונד, נור אין די טיר פון סימקין דעם אדוואָקאַטס וואָהנונג. עס האָט געגעבען א שטאַר־קען קלאַפּ, און ער איז געוועזען צופריעדען, ווייל איהם וואָלט לחלוטין נישט געאַרט, ווען דער שטיין וואָלט געטראָפען סימקינען אָדער סימקיניכען אין קאָפּ.

נור מיט דעם אַלעם האָט ער אפילו אויף א האָר נישט געשטילט זיין בייזקייט, אויף דאָס קלענסטע ביסעל נישט בערוהיגט זיין פער־קאָכט הארץ. ער איז נאָך בייזער געוואָרען, ווייל ער האָט גע־פיהלט, אז דאָס זיינען קלייניגקייטען, אז מיט דעם האָט ער גאָר נישט אויפגעטאָן. ער איז ארויס פון טויער, האָט א וואָרף געטאָן

מיט די אויגען אין אַלע זייטען פון דער גאַס און געפּיהלט, אז ער איז א דם שונא אַלע פאַרבייגעהער און דער עיקר אַלע פאַרבייפאָהרער. ער האָט זיי געשאָלטען מיט ביטערע קללות און וואָלט מיט פערגניגען אויסגעפיהרט אויף זיי מיט זיינע אייגענע הענד די אַלע פּרעניות. — —

צום טויער איז צוגעגאנגען נאָך א חדר־אינגעל, איינגעוויקעלט אין א גרויסען טוך, און אין גרויסע שיך פון א דערוואַקסענעם מענשען. די הענד האָט ער געהאַלטען פעררוקט אין טוך און קיין חשק נישט געהאַט אָדער פאַר קעלט נישט געקאָנט ארויסנעמען זיי פון דאָרטען און אויסווישען זיך די נאָז, פון וועלכער עס האָט גערונען ביז צום מויל. פון זיין קעשענע האָט ארויסגעקוקט א שטיקעל ברויט. איציע האָט לוסט בעקומען צום שטיקעל ברויט, נור דאָס אויסזעהן פון דעם ארמען קינד האָט איהם אָבגעהאַלטען. ער האָט זיך אָבער געמאַכט, אז ער איז בייז אויף דאָס קינד, ווי אויף די גאַנצע וועלט, אז ער קאָן איהם געבען א זעץ מיט'ן פוס, ווי פריער זשוטשקען. ער האָט אָנגעכאַפּט דאָס קינד פאַר די נאָז, דערנאָך אַ קלאַפּ געטאָן איהם איבער דאָס היטעל און אויסגעשיפּעט: „סמאַרקאַטש, דיר רינט דאָך אין מויל!“ דאָס קינד האָט זיך דערשראָקען, א פּיהר געטאָן מיט'ן עלענבויגען, פערשטעלט די נאָז און אָבגעלאָפען. נור באַלד האָט עס זיך אומגעדרעהט, א קוק געטאָן אויף דעם אונערוואַרטעטען שונא און אויסגעשריען: „רשע, רשע, איציע דער רשע!“ און איז נעלם געוואָרען אין טויער. איציע האָט זיך אפילו נישט א קעהר געטאָן אין זיין זייט.

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אן טויער. צו וואָס? דאָס האָט ער אליין נישט געוואוסט. אַלעמפּאַלס, ער איז געוועזען מיד. בייז און מיד. די צוויי קיכלעך האָבען איהם נור צורייצט. עסען, עסען! עס שטעלט זיך איהם פאַר פאַר די אויגען דאָס שטיקעל ברויט אין דער אָבגעריסענער קעשענע פון דעם ארמען קינד. דאָס וואָלט איהם זעהר צו נוץ געקומען. עס פערדריסט איהם, פאַר וואָס ער האָט עס נישט אָבגענומען. א גאַנץ גרויס שטיקעל ברויט — — —

ער האָט זיך נאָך שטאַרקער צוגעדריקט צום טויער, נישט ווי־

סענדיג צו וואָס און נישט וויסענדיג, וואָס וועט ווייטער זיין, וואָס וועט אַרויסקומען פון זיין שטעהן. דער פּראָסט איז געוועזען שטאַרק. נור איציע האָט איהם נישט געפיהלט, ווייל ער איז געוועזען בייז און האָט זיך נישט אויסגעמאַכט פון דעם פּראָסט. אגב האָט ער נישט געהאַט, וואו צו בעהאַלטען זיך פון איהם. אויבען, אין זיין דאַך־שטיבעל, איז נאָך קעלטער געוועזען. דערצו זיינען דאָרטין נישט געוועזען קיין מענשען און ער האָט נישט געהאַט, אויף וועמען בייז צו זיין.

ער איז געשטאַנען און האָט וועגען גאָרנישט געקלערט. ער האָט נישט געקאָנט קלערען. ער האָט מעהר נישט גענוי געוואוסט, אז ער איז בייז, און עס האָט זיך איהם געדאַכט, אז ער וועט היינט אָבטון זעהר א קלוגע רשעות. ער האָט נישט געוואוסט פון דינאַמיט, אז נישט וואָלט ער זיכער געטראַכט אָהן איין אויפהער וועגען באָמבעס און וואָלט זיך געמאָלט אנגענעמע בילדער, ווי ער לאָזט אין די לופט די גאַנצע שטאָדט, די גאַנצע מדינה, די גאַנצע וועלט. נור יעצט האָט ער גאָרנישט אָבגעקלערט. ער איז געוועזען זיכער, אז ער וועט שוין עפּיס אָבטון. ער האָט עס געפיהלט.

צוויי אַרבייטער זיינען פאַרבייגעגאַנגען און האָבען גערעדט וועגען זוכען אַרבייט. ביי איהם איז דורכגעפלויגען אין קאָפּ, אז ער וועט נישט געהן מעהר זוכען אַרבייט, זיי מעגען אַלע אפילו א מיתה משונה איינגעמען! און דערביי פיהלט ער, אז עס איז גלאַט איין עברה זיין טרחה. ער וועט היינט קיין אַרבייט נישט קריעגען, ווי נעכטען און עהער־נעכטען און עהער־עהער־נעכטען און די גאַנצע זיעבען און צוואַנציג טעג, אין וועלכע ער זוכט אַרבייט.

אין מח האָט זיך איהם בעוויזען דער „מאָרגען“, א שווע־רער, כמאַרנער טאָג, וואו ער וועט זיין גאַנץ אָהן כחות פאַר הונגער. אָבער ער וויל נישט קלערען וועגען מאָרגען. נור „היינט“... היינט דאַרף ער עפּיס אָבטון און דאַן וועט ער וויסען, וואָס עס וועט זיין מאָרגען און איבערמאָרגען און אַלע טאָג. דערפאַר איז ער געבליע־בען שטעהן נעבען טויער און געקוקט אין גאַס אַריין מיט א שטע־כעדיגען שמייכעל אויף די בלייכע ליפּען און אין די מידע, מאַטע

אויגען, אָהן א שום געדאנק אין קאָפּף. ער האָט אפילו אויפגעהערט צו זידלען און שעלטען. —

אין גיכען האָט ער זיך אָבגעריסען פון טויער און אָנגעהויבען צו געהן. ער האָט אליין נישט געמערקט, וואָס ער טוט. ער האָט פערלאָזען זיין אָרט אונבעוואוסט; ער איז געגאנגען, נישט וויסענ־דיג, אז ער געהט. די פיס זיינען איהם געוועזען ווי קלעצער און ער האָט זיי קוים געהויבען. דערפאר האָט ער זיך דאָס באלד געכאפּט, אז ער שטעהט שוין נישט ביים טויער און געהט גאָר אום אין גאס איבער׳ן טראטואר. דאן האָט זיך איהם נעדאכט, אז ער האָט גע־וואָלט און בעשלאָסען דורכצוגעהן זיך א ביסעל, נור ער האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, ווען ער האָט וועגען דעם געטראכט. עס איז גוט, וואָס ער וועט זיך יעצט דורכגעהן — מען דארף אָנוואַרמען די פיס. נור ער מאכט זיך, אז עס ארען איהם נישט די פיס, ווי עס ארט איהם נישט דער גאנצער פראָסט, וועלכער נעמט איהם דורך יעדעס גליעד.

ער איז געגאנגען לאנגזאם, פּאמעליך, געלאסען. די גאָס, אי־בער וועלכער ער איז געגאנגען, האָט זיך געענדיגט מיט איין עק ביים שטאָדטמארק און מיט דעם אנדער עק ביים שטאָדטגארטען. ער האָט נישט געוואוסט, וואוהין ער געהט, נור וואָס נאָהנטער ער איז צוגעגאנגען צום מארק, אלץ הילכיגער און דייטליכער האָבען זיך געלאָזען הערען פון דאָרטין די קולות. דאן האָט ער בעגריפען, וואוהין די פיס האָבען איהם געבראכט, און ווידער האָט זיך איהם געדאכט, אז ער האָט עס אזוי געוואָלט און בעשלאָסען. דאָ נעמליך איז דער רעכטער אָרט, וואו ער קאָן עפּיס אָבטון. ער איז געבליע־בען שטעהן אויפ׳ן עק טראטואר.

אויפ׳ן גרויסען מארק־פּלאץ האָט געוויישט און געווימעלט פון מענשען. אין דער לופט איז געשטאנען דער רעש פון טויזענדער נפשות. די שרייענדיגע פערצווייפלונג פון דעם עלענדען נויטבע־דירפטיגען, די ברומענדיגע גלייכגילטיגקייט פון דעם זאטען רייכען און די קוויטשערנדיגע עזות פון דעם געלד־הונגריגען האָבען זיך דאָ אויסגעמישט און געטראָגען איבער די קעפּף, בערוישענדיג און בע־

טויבענדיג דעם נישט־געוועהנטען. ארום איציען זיינען געגאנגען, געאיילט, געלאָפען אלערליי מענשען, מיט געפּעק און אָהן געפּעק. כמעט יעדער פארבייגעהער האָט זיך אָנגעריהרט אָן איהם, א שטויס געטאָן איהם, אָבער ער איז געשטאַנען רוהיג, אָהן א בעוועגונג. עס האָט זיך איהם געדאכט, אז דאָס אליין איז שוין א גוטע זאַך, אז דערמיט אליין טוט ער שוין רשעות. יא, ער מוז דאָ שטעהן און שטערען אַלעמען אין וועג! נור מיט די אויגען פיהרט ער אום איבער׳ן פּלאַץ, גלייך ער וואָלט דאָרטין געזוכט דאָס, וואָס ער האָט אָבצוטון. זיי שטעלען זיך אָב אויף די ברויט־קראָמען און די וועק־סעל־געשעפטען, וואו עס ליעגט „ממון קרח“. עס וואָלט זעהר גוט געווען אַוועקצושלעפּען עפּיס פון דאָרטין. און ער העבט אָן צו פאַנטאַזירען, ווי און וואָס וואָלט געווען, ווען ער וואָלט אַוועקגע־שלעפּט א פּעקעל אסיגנאַציעס. — — —

א טרעגער מיט א גרויסען קאַסטען אויף די פּלייצעס האָט איהם א שטויס געטאָן, אז ער איז שיער נישט אומגעפאלען. ער האָט דערפיהלט א גרויסען וועהטאָג אין רוקען און איז געקומען צו זיך. ער איז רויט געוואָרען פאר כעס.

„דו, כאָליערע דו! וואו האָסט׳ע דיינע אויגען?“

דער טרעגער האָט אָבגעבורטשעט עפּיס פון אונטער זיין משא און מיט שווערע טריט איז ער געגאַנגען ווייטער זיין וועג.

אָבער איציען האָט וועה געטאָן, און ער האָט זיך געקראַצט דעם רוקען.

„איך בעגראָב דיך מיט׳ן קאַסטען צוזאַמען, נבלה!“

דער טרעגער האָט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ פון אונטער דעם קאַסטען און א קוק געטאָן אויף דעם שרייער. איציע׳ס אויסזעהן האָט ביי איהם אַרויסגערופען ווייניג דרך ארץ. ער האָט זיך אָבגע־שטעלט אויף א ווייל און אָנגעקוקט זיין געגנער מיט פעראַכטונג.

„האַלט דעם פּיסק דיינעם, אז נישט פערשטאָפּ איך דיר עס, אַז דו וועסט פערשטומען אַף אייביג. איך וועל דיר בעווייזען, וואָס „נבלה“ בעטייט, פּסיאַ קרעוו!“

דער טרעגער איז אַוועק זיין וועג, בורטשענדיג און זידלענדיג.

איציע האָט אויסגעברומט א פּאָר קללות און אוועקגעדרעהט דעם קאָפּף אין איין אַנדער זייט.

„וואָס האָסט זעך אוועקגעשטעלט און שטעהסט און לאָזט מענ־שען נישט געהן?" האָט ער דערהערט הינטער זיך א בייזען קול.

ער האָט זיך אומגעקוקט. קאַפּלון דער קרעמער איז געשטאַ־נען אין טיר פון זיין קראָם און בייז געקוקט אויף איהם. ער האָט גראָב אָבגעענטפערט.

„וואָס איז דאָס אייער דאגה?"

קאַפּלון איז אויפגעבראַכט געוואָרען.

„וועסט באַלד וויסען מיין דאגה!" און ער האָט געהייסען דעם איינגעל אין קראָם לויפען נאָך א גאָראָדאָוואָי.

פאַרביילויפענדיג פאַרביי איציען האָט דער איינגעל געזאָגט מיט שקאָצעוואַטע אויגען:

„וואַרט א ווייל, וועסט באַלד האָבען א באָד מיט אונטער־פיהרערס."

איציע איז געבליעבן שטעהן. אויף צו להכעיס. ער האָט אַלעמען אין ד'ר'ערד.

יא, וועגען וואָס האָט ער דאָס פריער געטראַכט? און זיין בליק האָט אָנגעהויבען בלאָנדזשען איבער מאַרק און מענשען, און ער האָט געוואָלט זיך דערמאָנען, וועגען וואָס ער האָט דאָס פריער געטראַכט. און אַז ער האָט דערזעהן דעם איינגעל מיט'ן גאָראָ־דאָוואָי, האָט ער גלייכגילטיג אוועקגעדרעהט דעם קאָפּף אין איין אַנדער זייט.

„וואָס שטעהסטו דאָ? מאַרש, אוועק!" האָט דער אָרדנונגס־היטער אויסגעקאָמאַנדעוועט.

איציע האָט לאַנגזאַם אויסגעדרעהט צו איהם דעם קאָפּף.

„א פערקויפטער אָרט, וואָס?"

„מאַרש, זאָגט מען דיר!"

איציע האָט צוריק אַוועקגעדרעהט דעם קאָפּף.

„מאַרש!"

16.

PUBLIC LIBRARY

דער גאָראָדאָוואָי איז שוין געווען אין כעס און האָט א העב געטאָן זיין שאשקע.

איציע האָט געפיהלט, אז ער דארף בלייבען שטעהן. נור עפּיס האָט א ריהר געטאָן די פּיס. דאָס איז געווען דער אינסטינקט, אז א גאָראָדאָוואָי מוז מען פאָלגען.

ער איז אוועק. צוריק אין זיין גאס. פּאמעליך, קוים ריה־רענדיג די פּיס, נישט קוקענדיג אין דעם גאָראָדאָוואָי׳ס זייט.

ער איז געווען גאנץ געפראָרען. די פּיס זיינען געווען ווי אָבגענומען. צוקומענדיג צו זיין טויער, האָט ער דערפיהלט, אז עס וואָלט גוט געווען אויסצוציהען זיך א ביסעל. ער האָט עס דערפיהלט געגען זיין ווילען. ער דארף און מוז זיין אין גאס, ווייל ער איז בייז און וויל עפּעס אָבטון. נור די שווערע, געפראָרענע פּיס, זיי ציעהען צו זיין דאך־שטיבעל, וואו עס איז שרעקליך קאלט, וואו עס רוישט און פייפט דער קאלטער ווינד, וועלכער לאָזט זיך אונטען נישט אזוי שטארק הערען. גלייך זיי וואָלטען געפיהלט, אז ער וועט דאָרטין אויסזוכען אלערליי אלטע טיכער און וועט זיך איינוויקלען און איינדעקען אין זיי.

און ער לאָזט זיך טראָגען פון די פּיס. אויפ׳ן וועג צום דאך־שטיבעל האָבען זיי איבערגעקערט א פּאָמויניצע און א זעץ געטאָן א קאץ. זיי אויך האָבען אויפגעעפענט די טיר פון דעם שטיבעל. די טיר האָט זיך א ריס געטאָן און אָנגעשלאָגען אָן עפּיס א ווייכע זאך. די ווייכע זאך איז געפאלען, און די פּיס האָבען געדארפט אריבערטרעטען איבער א קופּע לומפּען, פון וועלכע עס האָט ארויס־געקוקט א פּארמיט־גנלע, איינגעקנויטשטע, קליינטשינקע צורה פון איין אלטער איינגעהויקערטער אידענע.

„א־ווי, א־ווי, א־ווי!“ האָט זי אָנגעהויבען צו יאמערן, פּלאָנ־טערנדיג זיך אין די שמאטעס. דאָס איז געווען די טויב־שטומע בעל־הבית׳טע פון זיין דירה.

ער האָט גאָרנישט געענטפערט. די פּיס זיינען שוין געווען אין בעט.

ער איז אָבגעשלאָפען א היבשע צייט. עס איז שוין געוועזען פינסטער, ווען די פיס האָבען זיך צוריק אראָבגעלאָזען פון בעט. ער האָט זיך גלייך דערמאָנט, אז ער איז בייז, און דערפיהלט די בייזקייט. נור ער איז געוועזען מיד און שוואך. אזוי שוואך, אז ער וואָלט שוין גאָרנישט אויפשטעהן און ליגען. „א שטי־קעל ברויט!" איז איהם דורכגעפלויגען אין קאָפּ. איהם האָבען זיך פאָרגעשטעלט א סך זאטע הייזער, א סך קיכען, א סך לעבלעך ברויט. נור ער איז געבליעבען זיצען, ווייל ער האָט ניט גע־וואוסט, נישט אָנגעהויבען צו וויסען, ווי קומט מען צו דעם צו.

ענדליך האָט ער א טראַכט געטאָן: „ביי דער שטומער מכשפה!"

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון דעם דרייפיסיגען בעט און איז אריין צו דער בעל־הבית'טע אין צימער. די קופּע לומפּען איז גע־זעסען ביים טיש, פאר א קליינעם נאַכט־לעמפּעל אָהן א גלאָז, איבער א קוואָרט וואסער, אין וועלכען עס זיינען געוועזען אָנגעבראָקט שטיקלעך פערדאַרט ברויט.

ער איז צוגעגאנגען צו דער קופּע לומפּען און בעוויעזען איהר מיט די פינגער, אז ער איז שטארק הונגריג און וויל א שטיקעל ברויט. זי האָט שטארקער צוגעדריקט צו זיך די קוואָרט און אָנגע־הויבען בייז צו בילען. דאָס האָט געהייסען, אז זי האָט אליין נישט און גלאַט וויל זי איהם נישט געבען. ווייל ער האָט זי פריער א וואָרף געטאָן און איבערגעטראָטען איבער איהר און ווייל ער בעגעהט זיך נישט עהרליך און האָט איהר נישט בעצאָלט אָנדערטהאלבען רובעל דירה־געלד פאר צוויי חדשים. ער האָט גוט געוואוסט, וואָס בע־דייט איהר בילען, און געקוקט אויף איהר, ווי ער וואָלט זיך מישב זיין, וואָס צו טון מיט איהר. ער האָט גאַנץ קאַלטבלוטיג ארויסגע־ריסען די קוואָרט פון איהרע הענד, ארויסגענומען א שטיקעל ברויט און אריינגעשטופּט אין מויל. די לומפּען האָבען איהם ארומגע־כאַפּט מיט א שרעקליכען, יאמערליכען בילען און געצויגען זיך צו דער קוואָרט. ער האָט אויפגעהויבען די קוואָרט אין דער הויך און געקיים. דער ערשטער ביסען האָט איהם צורייצט. ער האָט אָנ־

געהויבען שנעלער צו עסען; ער האָט כמעט געשלונגען נישט גע־קייטערהייט. די אַלטע האָט געבּילט און געוואָיעט מיט אַלע כחות און געשלעפּט איהם די הענד. ער האָט זי א שטופּ געטאָן. זי איז געפאַלען אויף די קניע, האָט ארומגעכאַפּט זיינע פיס און מיט א ווילדען סאָפּען און כראָפּען איינגעגעסען זיך אין זיי מיט איהר מויל, אין וועלכען עס זיינען געשטאַנען נור צוויי זייטיגע ציינער. ער האָט זי צוגעדריקט מיט די קניע צו דער ערד און ארויפגעזעצט זיך אויף איהר. די אַלטע האָט זיך נישט געקאָנט א ריהר געבען.

יעטצט וועט ער רוהיג עסען.

נור ער האָט ארייגערוקט די האַנד אין קוואָרט און גאָר נישט געפונען. ער האָט שיער נישט אויסגעשריען פאַר ווילדקייט. דאָס הארץ האָט אָנגעהויבען צו שפּרינגען אין איהם, די אויגען האָבען ביי איהם אויפגעפינקעלט. עס האָט זיך איהם פערוואָלט עפּיס טון. ער איז אויפגעשפּרונגען פון דער אַלטער און האָט ווילד אויס־געשריען:

„נאָך ברויט, מכשפה!"

ער האָט זי דערביי א שטויס געטאָן מיט'ן פוס, אויסגעגאָסען אויף איהר די קוואָרט וואסער און גענומען זוכען ברויט. ער האָט גאָר נישט געפונען און גאָר נישט געקאָנט געפינען. אָבער ער האָט געהאַלטען אין איין זוכען. ער האָט איבערגעקערט דעם אַלטען קאַסטען, צוואָרפען דאָס בעט, צובראָכען דעם איינציגען שטול. ער איז געוועזען ווילד, ער האָט נישט געוואוסט, וואָס ער טוט. די אַלטע האָט איהם אָנגעכאַפּט און גענומען שלעפּען צו דער טיר מיט אימה'דיגע קולות. מיט'ן גאַנצען כח האָט ער זי אָבגעשטויסען פון זיך. די אַלטע איז געפאַלען מיט'ן קאָפּף אָן אויווען און האָט משונה'דיג אָבגעקרעכצט. איהר קרעכץ האָט איהם געבראַכט צו זיך. ער האָט זיך דערשראָקען און איינגעהאַלטען דעם אָטעם. ער האָט געמאַכט א טריט צו דער אַלטער — צו לעבט זי? די אַלטע האָט אָנגעהויבען אויפצוהעבען זיך. ער האָט פרייער אויפגעאָטעמט און איז אַרויסגעלאָפען פון שטוב.

ער איז געוועזען מיד און צורייטצט. עס האָט זיך איהם גע־

וואַלט וויינען, ביטער וויינען. ער האָט זיך געשעמט פאַר דעם גאַנצען פּאָרפאַל מיט דער אונגליקליכער טויב־שטומער. ער האָט ביי איהר אָבגענומען איהר עלענדע וועטשערע און שיער נישט געטויט זי. און דער הונגער איז נאָך גרעסער ווי געוועזען. „אַ־אַ־אַך!"

ער האָט צוגעשפּאַרט ביידע קולאַקעס צום מויל און אָנגעהויבען צו בייסען. דער וועהטאָג איז שוין געוועזען שטאַרק, און ער האָט נאָך געביסען. ער האָט געוואָלט „דערהערען דאָס האַרץ"...

עס האָט זיך אויפגעעפענט די טיר און עס האָט זיך בעוויזען די אַלטע. אויף די פינסטערע טרעפּ איז געפאַלען אַ קליינער שיין און צולעגט זיך ווי אַ גרויער פּאַס איבער איציע'ס רוקען. אָבער די אַלטע האָט איציען נישט געזעהן און זי האָט ארויסגעלאָזען נאָך דעם כלומרסט פערשוואונדענעם אַ פּאָר בייזע אויסגעשרייען, שניידענדיגער ווי די וויסטעסטע קללות. איציע האָט זיך אַ טרייסעל געטאָן, אויפגעהערט צו בייסען די הענד און געבליעבען שטעהן אָהן אַ בעוועגונג, איינהאַלטענדיג דעם אָטעם. די אַלטע איז צוריק אריין אין שטוב און האָט פערשפּאַרט די טיר. „אויפ'ן גאַס געבליעבען!" איז ביי איהם תיכף דורכגעפלויגען אין קאָפּף. עס איז איהם געוואָרען וואַרם אין מח. ער האָט געוואָלט בעגרייפען, וואָס וועט ווייטער זיין, נור ער האָט גאָר נישט געזעהען פאַר זיך. עס האָט זיך איהם פערוואָלט פערנאַנדערדרייסען די טיר, אריינגעהן אין שטוב, לעגען זיך און בלייבען ליגען. ער האָט שוין צונויפגעדריקט די פויסטען. נור ער האָט אַ שטאַרקען זעץ געטאָן אין טיר און געשווינד אראָבגעלאָפען די טרעפּ. ערשט אונטען האָט ער אַ קלער געטאָן: „צו וואָס איז געוועזען דער זעץ?"

עס האָט געשנייט און אַ שטאַרקער ווינד האָט געפייפט און געוואָיעט. איציען איז דורכגעגאַנגען אַ קעלט איבער'ן גאַנצען קערפּער, און עס האָט איהם אָנגעהויבען צו טרייסלען און צו וואַרפען אַ צאָן אָן אַ צאָן. ער האָט זיך צונאויפגעדרעהט און איינגעקאָרציעט אין זיין צוריסענעם וואַטאָווען פּאַלטאָ, פון וועלכען עס האָבען זיך געשלעפּט גאַנצע פרענז פון געוואַנד, אונטערשלאַג און וואַטע. ער האָט פערצווייפעלט אָבגעקרעכצט און אַ טראָט געטאָן

צוריק אין דעם אריינגאנג פון הויז. עס האָט איהם פערכאפּט דאָס הארץ און ווידער האָט זיך איהם פערוואָלט וויינען, וויינען. „וואָס וועט זיין, וואָס?“ נור ער זעהט קיין ענטפער נישט. ער וועט היינט פערפראָרען ווערען אָדער פון הונגער אויסגעהן. „אך, עסען! עסען, עסען, עסען!“

ער האָט זיך אומגעקוקט. ער איז געשטאנען נעבען א קעלער, אויף וועלכען עס איז געהאנגען א שווערער שלאָס. ער האָט אוועק־געלעגט די האנד אויפ'ן שלאָס, נישט טראַכטענדיג וועגען גנבה. נור דערפיהלענדיג דאָס קאַלטע אייזען, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז עס וואָלט גוט געווען אָבצוברעכען דעם שלאָס און אריינמאַכען זיך אין קעלער. ער האָט אַ ציה געטאָן דעם שלאָס. ניין, דאָס איז נישט פאר זיינע כחות. ער פּרובט נאָך א מאָל און ענדליך קלייבט ער צונויף אַלע זיינע כחות און גיט אַ ריס.

עס האָט נור געגעבען א שטאַרקען קלאַפּ און מעהר גאָר נישט. ער האָט זיך אָבער דערשראָקען פאר'ן קלאַפּ. ער האָט זיך אומ־געקוקט און אויף גיך פערלאָזען דעם אריינגאַנג פון הויז.

האָט ער דען טאַקי געוואָלט גנב'ענען? און אז ער וואָלט אָבגעריסען דעם שלאָס, וואָלט ער טאַקי אריינגעהן און גנב'ענען? ער האָט זיך דאָס נישט געקאָנט פאָרשטעלען. אין ארמקייט גע־באָרען, אויפגעוואַקסען אין אַ יתום־לעבען פון עלענד און רדיפות, האָט זיך ביי איהם דאָך קיינמאָל נישט אויפגעהויבען די האנד אויף פרעמדס. „סקאַנדאַליסט“ האָט מען איהם גערופען, און „רשע מרושע“ האָט מען איהם גערופען, ווייל ער האָט פיינד געהאַט צו פערשווייגען, ווען מען האָט איהם אָנגעריהרט, און אַלע זיינען איהם געווען שונאים. אָבער דאָך האָבען אַלע געזאָגט, אז מען מאָג אַוועקלעגען פאר איהם אפילו גאָלד. און יעטצט וואָלט ער אַריינגערוקט די האנד און געגנב'עט! אין דער פריה האָט ער אויך געטראַכט וועגען גנב'ענען. ווי? ער וואָלט טאַקי געגנב'עט? ! און אפשר יאָ. אך, ער וויל דאָך אַזוי עסען! „עסען, עסען, עסען!“

ווידער האָט ער זיך אומגעקוקט. ער איז גאָר אין גאַס! ער האָט אפילו נישט געמערקט, ווען איז ער אַרויס פון הויף. וואָס

וועט ער טון אין גאַס ? וואוהין וועט ער געהן ? „אַך, עסען !“ נור שטעהן אין גאַס איז דאָך אויך קיין סברא נישט. מען מוז געהן. „געהן, וואוהין די אויגען וועלען טראָגען, ביז פאַלען — פאַלען, און א פגירה איינגעמען ! “

ער איז וויעדער געוואָרען בייז. בייז אויף זיך אַליין און אויף דער גאַנצער וועלט. נור גלייך האָט ער דערפיהלט, אז ער האָט קיין כח נישט בייז צו זיין, אז דאָס הארץ איז איהם נאָך שוואכער געוואָרען. „עסען, עסען, עסען !“

און ער איז געגאַנגען און געוואָרפען בליקען אין אַלע זייטען און אָנגעשטרענגט זיין קוק צו דערזעהען עפּים דורך דעם געדיכטען שנעע. ער האָט נישט געוואוסט, וואוהין ער געהט, און דאָס האָט איהם נישט אינטערעסירט אויך. ער איז געגאַנגען, אום נישט צו שטעהן אויף איין אָרט. ער האָט אָנגעשטרענגט זיין קוק, כאָטש ער האָט געפיהלט, אז ער וועט גאָר נישט דערזעהן, אויסער גרויסע שנעע־שטערנדלעך. איין זאַך האָט ער נור דייטליך געוואוסט, אז ער וויל און מוז עסען, עס מעג זיך כאָטש איבערקערען די וועלט. „עסען, עסען, עסען ! “ האָט ער פערצווייפעלט געקרעכצט אין זיך.

ער איז צוגעגאַנגען צום שטאָדט־גאָרטען. דער גאָרטען איז געלעגען אויף אַ הויכען באַרג, אונטער וועלכען עס איז דורכגעגאַנגען דער ברייטער און טיעפער טייך. אויפ׳ן טייך גליטשט מען זיך געוועהנליך ווינטערצייט און אויבען, אין גאָרטען, זיינען שטענדיג דאָ אַ סך נייגיעריגע. נור יעטצט איז אין גאָרטען נישט געוועזען א פּוס פון א נפש. איבער דעם געדיכטען שנעע האָט מען אפילו די לאַטערנעס נישט געזעהן. זיי האָבען געלויכטען נור אויף איי־ניגע שריט אַרום זיך. איציע האָט נישט געוואוסט, צו זאָל איהם פערדריסען, וואָס ער האָט דאָ קיין מענשען נישט געפונען, אָדער נישט. ער האָט זיך נישט אומגעקערט צוריק און איז געגאַנגען ווייטער. ער איז צו צום ברעג באַרג און האָט א קוק געטאָן אויפ׳ן טייך. ער האָט גאָר נישט געקאָנט זעהן. צו זיין אויער האָבען נור דערגרייכט הילכיגע קלעפּ פון שווערע אייזענס. דאָס האָבען פּויערים געהאַקט איין אָפענעם אָרט אין טייך. און אין זייגע מידע

גערשאנקען האָט ער דערזעהן א ברייט, גרוים לאָך אין דעם אייז, און עס האָט איהם אָנגעהויבען צו ציעהען צום וואסער. איהם איז איינגעפאלען, אז ער דאַרף זיך אַראָבוואַרפען פון באַרג אין דאָס טיעפע וואסער. ער וועט נישט שרייען און נישט בעטען ראטעווען. ער וועט זיך גאַנץ רוהיג דערטרינקען. נור ער פיהלט, אז דאָס איז גלאַט אזוי א געדאַנק, און דער עיקר איז איהם דאָס האַרץ שוואַך און ער וויל עסען. „עסען, עסען, עסען!“ ער האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט וועלען דערזעהן אין דעם וויסטען גאָרטען עפּיס עסענ־ווארג. נור פאר איהם איז אַלץ דער אונענדליכער שנעע. שנעע אונטען, שנעע אויף די הוילע בוימער, שנעע אין דער לופט. די פיס ברעכען זיך איהם אונטער — אָט־אָט וועט ער פאַלען. נור ער וויל נישט פאַלען, ער וויל עסען, און ער קלייבט צונויף אַלע זיינע כחות און לאָזט זיך ווייטער אין וועג. און ווייטער געהט ער, נישט ווי־סענדיג וואוהין און וואצו. ער געהט אין א וויסטער אַלעע, אין טיע־פען שנעע, וועלכער קריעכט איהם אריין אין די צוריסענע שטיפעל, איינער אַליין, דאָס איינציגע לעבעדיגע וועזען אין דעם וויסטען און פינסטערן גאָרטען. נור ער הערט גאָר נישט און זעהט גאָר נישט. ער געהט, ווייל ער האָט נישט וואו אהין צו טון זיך און דער עיקר, ווייל ער וויל עסען, עסען, עסען. ער טראַכט וועגען גאָר נישט און קאָן וועגען גאָר נישט טראַכטען. עפּיס טרייבט איהם און ער געהט מיט דעם פערצווייפעלטען קרעכצען אין זיך: „עסען, עסען, עסען!....“

ער איז אַרוים אויפ'ן טעאַטער־פּלאַץ. דאָס העלע ליכט פון די עלעקטרישע לאָמפּען אויפ'ן פּלאַץ האָט איהם געבראַכט צו זיך. ער האָט זיך אָבגעשטעלט. און אז ער האָט זיך אָבגעשטעלט, איז ער שיער נישט געפאַלען. ער האָט געמאַכט א טריט און אָנגע־שפּאַרט זיך אָן וואַנד פון א מויער. און אז ער האָט געמאַכט דעם טריט, האָט ער דערפיהלט, אז די שטיפעל זיינען איהם פול מיט שנעע. אָבער דאָס האָט אויף איהם קיין שום איינדרוק נישט גע־מאַכט. שלעכט איז נור דאָס, וואָס ער האַלט זיך קוים אויף די פיס און דאָס האַרץ איז אימה'דיג שוואַך און עס ווילט זיך אָהן איין

אויפהער עסען. ער וועט שוין דאָ בלייבען שטעהן. וואוהין דען וועט ער געהן? דאָ איז לכל הפחות ליכטיג און באלד וועט ער דאָ דערזעהן מענשען. א סך מענשען, רייכע, גליקליכע מענשען. און וואָס וועט שוין זיין, אז ער וועט זעהן די זאטע מענשען? ער וועט גאָר בעטען א נדבה. ער וועט זאָגען, אז ער האָט שוין דריי טעג נישט געגעסען.

בעטען א נדבה! עס האָט איהם געשווידערט און עס האָט איהם געעקעלט. אָבער ער וויל דאָך עסען! אָט האָט ער געוואָלט גנב'ענען. וואָס איז בעסער, גנב'ענען אָדער בעטלען? און ער האָט זיך אָנגעשפּארט אָן וואנד, פערוואָרפען דעם קאָפּ, געקוקט מיט א מאטען בליק אין די שנעעדיגע ווייטקייט און געזוכט איין ענטפער מיט זיין מידען מארך.

דער נאכטוועכטער איז צוגעגאנגען און א שטויס געטאָן איהם.

„וואָס טוסטו דאָ?“

איציע האָט זיך קוים א ריהר געטאָן. ער האָט ניט געקאָנט אויפהעבען די פיס.

„ווילסט אין פּאליציע?“

איציע איז שיער נישט געפאלען און שטארק אויפגעבראכט גע־וואָרען. אָבער ער האָט זיך איינגעהאלטען און אָנגעשטרענגט אלע זיינע כחות און אָנגעהויבען צו געהן. אוף־ף־ף! ער האָט גאָר די פיס נישט געהערט. שטיקער אייז! ער האָט אָנגעהויבען צו קלאַ־פּען א פוס אָן א פוס.

„נו, גיכער, גיכער!“

איציע האָט ארויסגעשיפּעט מיט פערביסענע ציינער:

„זעהסט, דאכט זיך, אז קוים וואָס איך געה! וואָס טרייבסטו פרעג בעסער, צו בין איך נישט הונגריג!“

ער איז אריבער אויף איין אנדער טראטואר. דאָ זיינען נאָך געוועזען עטליכע קראָמען אָפען. זאָל ער אפשר אריין בעטען א נדבה? ער האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען א פענסטער. ער האָט געוואָלט בעטראכטען, וואָס צו טון.

„איך זעה דיך! איך זעה דיך!“ האָט ער דערהערט דעם שומר'ס קול.

ער איז אוועקגעגאַנגען ווייטער, טיעף אין גאַס, וואו עס איז שוין ווידער געוועזען שטארק פינסטער. דאָרטין האָט ער זיך אויף א ווײַלע אָבגעשטעלט און גוט אָנגעקלאַפּט א פוס אָן א פוס. און דאַן ווייטער געגאַנגען. ער האָט געמאַכט א קרייז אַרום דעם טעאַטער און אָבגעשטעלט זיך נעבען דעם אַריינגאַנג. די פּאָליציי-לייט האָבען געפּעהלט. זיי האָבען זיך בעהאַלטען אין טעאַטער פאַר דעם שנעע און ווינד. ער איז געשטאַנען און געשפּרונגען פון איין פוס אויף דעם אַנדערן. אָהן בעשטימטע געדאַנקען, אָהן קיין שום ציעל. ער איז דאָ געשטאַנען, ווייל דאָ איז ליכטיג, ווייל אינוועניג זיטצען רייכע און זאַטע מענשען, וועלכע עס איז יעטצט זעהר פרעהליך. ער דערמאָנט זיך, אַז ער איז קיינמאָל נישט געוועזען אין א טעאַטער. ער האָט קיינמאָל קיין געלד נישט געהאַט דערצו. אין טעאַטער מוז זעהר פרעהליך זיין, ווען מענשען קאָכען זיך אַזוי אין דעם. חברה טראַכט זיך אויס אַלערליי פערגניגענס. און ער דאַרף שטעהן נעבען טעאַטער, א פערשאָטענער מיט שנעע, א פערפראָרענער, א הונגריגער, און וואָלט געוועזען גליקליך, ווען ער וואָלט געפונען א שטיקעל ברויט! ער האָט ווידער אָנגעהויבען אַריינצוגעהן אין כעס. און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין דער פריה האָט ער גע־וואָלט עפּיס אויפטון, אָבטון... וואָס האָט ער אַזוינס געוואָלט? ער האָט אָנגעקנויטשט די שטערן. וואָס האָט ער אַזוינס געוואָלט?

„אַך, וואָס איך קאָן שוין דאָרטין אויסטראַכטען!“

ער האָט עס אויסגעשריען מיט פעראַכטונג צו זיך אַליין. ער האָט זיך אין פלוג דערשראָקען פאַר זיין שטימע און א קוק געטאָן אויף די גרויסע גלעזערנע טיר. קיינער האָט נישט אַרויסגעקוקט, קיינער האָט איהם נישט געהערט. דאַן איז איהם געפעלען געוואָרען דאָס רעדען מיט זיך אַליין. ער האָט געפונען אין דעם א צושטרויי־אונג. און ער האָט אָנגעהויבען צו רעדען. אָבגעהאַקטע פראַזען, שטיקלעך פון זיינע מידע, צופלאָנטערטע געדאַנקען.

„איך וועל עפּיס אויסטראַכטען!... געדאַרפט מיט א מעסער...

אונטערצינדען... אַט דאָס איז עפּיס אנדערע ווערטער !... זאָלען זיי אַלע ברענען אויפ'ן פייער !... וואָס שטעה איך דאָ ?... וואָס וואַרט איך דאָ ?... געבען ווילען זיי !... זאָלען זיי דאָס האָבען אויף זייערע ביינער !... דעם גאַראַדאָוואָי ווילען זיי באַלד צורופען !... קאַפּלונקע, אַ בראַנד איהם אין אַלע ביינער !..."

ער האָט נישט אויפגעהערט צו רעדען. און וואָס מעהר ער האָט גערעדט, אַלץ בייזער איז ער געוואָרען. ער האָט פערגעסען דעם הונגער, ער האָט דערהערט דאָס האַרץ. ער האָט געשאָלטען מיט טויט־ביטערע קללות און געפּיהלט, אַז ער איז זיך מחיה. ער האָט אויפגעוואָרפען אַלערליי עולות דעם עולם, וואָס זיטצט אין טעאַטער, וואָס עסט זיך אָן און טרינקט זיך אָן, און וואָס פערגינט זיך אַלערליי פערגניגענס.

„גנב'ענען, גזל'ענען, הרג'ענען די חברה איז קיין שום עברה נישט !" האָט ער פילאָזאָפירט. ער האָט געפּיהלט, אַז ער איז יעטצט גרייט אויף אַלץ, אַז ער וועט יעטצט אַלץ טון מיט אַ לייכטען האַר־צען. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער האָט גענוג כח אויף אַלץ, אַ ריעזען־כח.

די טיר האָט זיך פערנאַנדערגעעפענט. עס האָבען זיך בעווי־זען די זשאַנדאַרמען, און באַלד האָט אָנגעהויבען צו שיטען דער עולם. איציע איז געבליעבען רוהיג שטעהן. ער איז אפילו נישט ענטשוויגען געוואָרען און גערעדט זיך זיינס. די זשאַנדאַרמען האָ־בען איהם נישט בעמערקט. זיי זיינען געוועזען בעשעפטיגט מיט די שליטענס. איציע האָט געקאָנט רוהיג רעדען.

„זיי זיינען שוין דאָ !" האָט ער גערעדט. „אָנגעלאַכט און אָנ־געזויפט זיך, פּסיאַ קרעוו ! אין גוטינקע פוטערקעס, מיט די ווייבערעס געאַרמט, אָדער אַזוי מיט נאַפקעס..."

איינציגע פאַרבייגעהער האָבען זיך איינגעקוקט אין דעם מיט שנעע פערדעקטען מאַן.

„שכור אָדער משוגע," האָט איינער פון זיי געזאָגט. זיי זיינען אוועקגעגאַנגען זייער וועג. און איציע האָט זיי נאָכגעשריען :

„איהר זייט אַליין שכור ! נישט איך בין שכור, פּסיאַ וואַשאַ

דושא: הונגריג בין איך, הורענשלעפּער! האָב אָבגענומען ביי א הונגריגער אַלטער אידענע איהר פּינסטערע וועטשערע, הולטייעס!... איך בין שכור, פּסיאַ וואַשאַ דושאַ!... א חדש, אז איך זוך ארבייט, כאַליערניקעס! דריי טעג גאָר נישט געגעסען, פּסיא קרעוו!..."

א זשאַנדאַרם האָט דערהערט זיין קול און איז צוגעגאַנגען א קוק צו טון, ווער קאָן דאָס שרייען און זידלען זיך.

„דו, וואָס שרייסטו דאָ? אוועק!"

און דער זשאַנדאַרם האָט איהם געגעבען א שטאַרקען שטויס.

„נו, וואָס שטויסטו זיך?" האָט איציע אויסגעשריען און — ער האָט א העב געטאָן די האַנד אויף דעם זשאַנדאַרם. ער האָט דערפּיהלט, אז ער וועט זיך מחיה זיין, אויב ער וועט אראָבלאָזען א פּאַטש, אָבער א פייערדיגע פּאַטש. ער האָט געוואַרט אויף נאָך א שטויס.

דער זשאַנדאַרם האָט בעמערקט זיין בעוועגונג.

„אָך, טי זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ!"

איציע'ס האַנד האָט זיך אראָבגעלאָזען. עס האָט שטאַרק אָבגעקלונגען. דער עולם איז געבליעבען שטעהן. איציע האָט גע־וואָלט נאָך א מאָל אויפהעבען די האַנד. ער איז שוין געוועזען ווילד. ער האָט געוואָלט שלאָגען און ווערגען און בייסען. נור ער האָט בעקומען א שטאַרקען זעץ אין קאָפּ. עס האָט איהם פער־שווינדעלט אין די אויגען און ער איז געפאַלען. יעטצט האָט ער געפיהלט פיס אויף זיך. ער האָט געוואוסט, אז מען טרעט איהם דאָס מיט די פיס, נור ער האָט די אויגען נישט געקאָנט עפענען און נישט געקאָנט א ריהר טון זיך מיט קיין אבר. באַלד האָט מען איהם אויפגעהויבען און גענומען ערגיץ שלעפּען. מיט קלעפּ אין רוקען און אויפ'ן קאָפּף און אין בויךּ און מיט די העסליכסטע זידלע־רייען. ער האָט זיך נישט געקאָנט וועהרען, ער האָט אפילו נישט געקאָנט רעדען. נור געראָוועט האָט ער און שוידערליך גע־קרעכצט.

— — — שטילער און לאַנגזאַמער איז געוואָרען זיין ראָוועןאון קרעכצען און ענדליך איז ער געבליעבען ליעגען שטיל, אָהן א בעוועגונג. די דיקע פינסטערנים איז געלעגען איבער איהם, ארומ־גענומען איהם, פערטרונקען איהם. ער האָט געהאַלטען צוגעמאכט די אויגען, אָבער ער האָט געפיהלט די פינסטערנים. ווי א שווערע משא האָט זי געדריקט אויף איהם. ער האָט דונקעל געוואוסט, אז ער האָט געשלאָגען און איז שטאַרק געשלאָגען געוואָרען, און יעטצט איז עס שטיל און רוהיג, און עס האָט איהם געוואונדערט די רוהיג־קייט. ער האָט אָנגעהויבען צו שאַרען ארום זיך מיט דער האנד, צוגעמאַכטערהייט די אויגען. ער האָט אָנגעטאַפּט א האַרטע, שטוי־ביגע פּאָדלאָגע. וואו איז ער דאָס? גאַנץ נישט דייטליך איז עס דורכגעפלויגען דורך זיין גאַנץ וועזען. ער האָט שווער אויפגעהוי־בען זיינע ברעמען. די דיקע פינסטערנים האָט זיך אוועקגעלעגט אויף זיינע אָפענע אויגען. ער האָט גאָר נישט געזעהן און זיינע אוי־גען האָבען זיך שווער צוגעמאַכט צוריק. דאַן האָט ער ווידער גע־שאַרט מיט די הענד ארום זיך און ווידער פערנאַנדערגעעפענט די אויגען. ווייטער, ברייטער. עפּיס האָט איהם א בליאסק געטאָן. אויבען אויפ׳ן באַלקען איז געלעגען א קליינער, גרויער שיין. פון דעם איינציגען פענסטער איז ער אריינגעדרונגען, וואָס איז געווען הויך איבער דער ערד. איציג האָט אָנגעשטעלט זיין בליק צוערשט אויפ׳ן שיין און דאַן אויף דאָס קליינע פענסטער מיט די אייזערנע שטאַנגען. לאַנג האָט ער געקוקט אָהין. ווי איינער, וועלכער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון א חלום און איז נאָך נישט ביי זיך.

פּלוצלינג האָט איהם דאָס בלוט א שלאָג געטאָן אין קאָפּף, און ער האָט זיך שנעל אויפגעזעטצט. ער האָט דערקאָנט די שטאַנ־גען און בעגריפען, אז ער איז אין פּאָליציע. מען האָט איהם גוט אָנגעשלאָגען און אריינגעוואָרפען אין א פינסטער לאָך. עס איז איהם געוואָרען אזוי מאָדנע ווארם. אין איין מאָמענט האָט ער דורכגעלעבט, וואָס איהם שטעהט פאָר. די קלעפּ, וועלכע ער וועט נאָך דאָ קריעגען, דעם סוד און דעם פּסק, דעם אסטראָג און די אַרעסטאַנטסקי ראָטעס. ער האָט אויסגעקרעכצט אין שווערער

פערצווייפלונג. אָי! יעטצט אויך האָט ער דערפיהלט, אז דער קאָפּף טוט איהם זעהר וועה, און דאָס גאַנצע געזיכט און דער גאַנ־צער קערפּער. ער האָט האסטיג אָנגעטאַפּט דעם קאָפּף און דאָס געזיכט. זיין היטעל איז נישט געוועזען אויף איהם. דאָס האָר איז געוועזען פייכט און קלעבעדיג. ער האָט אָנגעריהרט אָן איין אָפּענע וואונד. ער איז געגאַנגען מיט די פינגער נאָך דער קלעבע־דיגקייט. אומעדום בלוט. אויפ׳ן קאָפּף, איבער׳ן גאַנצען געזיכט און אויף דער פערנאַנדערגעעפענטער ברוסט.

עס האָט זיך איהם פערוואָלט וויינען אויף זיין גרויס עלענד און זיין גרויסע פערצווייפלונג. „טאַטע!“ האָט ער געוואָלט שרייען, און „מאַמעניו!“ און „גאָט!“ ווערטער, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געברויכט, ווערטער, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט. עס האָט איהם ביטער שווער פערקוועטשט דאָס האַרץ, און ער האָט זיך אויסגעצויגען מיט׳ן געזיכט צו דער ערד, און זיין קערפּער האָט זיך קאָנוואולסיוו געוואָרפען פון דעם גרויסען יאַמער.

צום ערשטען מאָל אין זיין עלענדען לעבען האָט ער אזוי גע־וויינט. ער איז געוועזען אַ פערביסענער, און וויפיעל מאָל ער איז געבראַכט געוואָרען אין זיין לעבען צו גרויסע טרערען, האָט ער זיי דאָך שטענדיג אַראָבגעשלונגען. ער האָט געוואוסט, אז זיינע טרע־רען וועלען קיינעם נישט דערווייכען, אז זיי וועלען איהם נור לעכער־ליך מאַכען. זיי וואָלטען איהם געמאַכט פאַר א „צוקראָכענע נשמה“ און פאַר א טרום, און דאָס האָט ער נישט געטאָרט זיין. מיט פערביסענע ציינער איז דער עלענדער יתום געגאַנגען דורך דאָס לע־בען, אין איבינגער פיינדשאַפט מיט די ארומיגע מענשען. זיינע אויי־גען זיינען אָפט פערלאָפען געוועזען מיט בלוט, אָבער קיינמאָל נישט מיט טרערען.

יעצט אָבער האָט ער נישט געקאָנט און נישט געוואָלט מעהר איינהאַלטען זיך. און ער האָט לאַנג געוויינט. ער האָט געוויינט, ביז די טרערען האָבען זיך ביי איהם אויסגענומען. דאַן האָט ער דערפיהלט אַ מין חלשות־געפיהל, און אַ טראַכט געטאָן, אז ער וועט גאָר שטאַרבען. אָט ווי ער ליעגט אזוי, וועט ער שטאַרבען. ער

האָט זיך אויסגעצויגען, צוגעמאַכט די אויגען און געוואַרט אויפ'ן טויט. עפּים אַזוי ליעגען און איינשלאָפען אויף אייביג און נישט זיין מעהר. איינמאָל פאַר אַלע מאָל בעפרייט ווערען פון די וויסטע טעג הינטער זיך און פון דעם גאַנצען עלענדען לעבען פאַר זיך.

ער האָט געביינקט נאָך דעם טויט.

„אַך, שטאַרבען!“

פאַר זיינע אויגען האָבען אָנגעהויבען ארויסצושווימען טויטע קערפּער, וועלכע ער האָט זיך אָנגעזעהן אין זיין לעבען. אַזוי האָט ער געוואָלט יעטצט ווערען. דאַן האָט ער אויך דערזעהן פאַר זיך דעם היינגענדיגען וואַסער־טרעגער קירילאַ.

ער האָט זיך אויפגעזעטצט. אַ בעשטימטער געדאַנק האָט איהם אויפגעהויבען: ער וועט זיך אויך אויפהיינגען. פון וואַרטען אויפ'ן טויט וועט גאָר נישט ארויסקומען. אַזוי וועט ער דאָך נישט שטאַרבען. ער האָט געקוקט אין די דיקע פינסטערנים און געטראַכט. דער איינדרוק פון די אָבגעלעבטע יאָהרען איז אויפגעשטאַנען פאַר איהם. קיין איינציגער פרעהליכער טאָג, קיין בערוהטע מינוט. יאָהרען פון נישט אויפהערענדיגע פּרעניות און פון שטענדיגען קאמפּף, פון האַרטער ארבייט און אָפטען הונגער. און וואָס איהם שטעהט פאַר איז נאָך ערגער. פינסטער ווי די דיקע פינסטערנים ארום איהם. לאַנגע יאָהרען אַסטראָג און ארעסטאַנטסקי ראָטעס, און דאַן ווידער הונגער.

ער האָט אויפגעהויבען די אויגען צו די אייזערנע שטאַנגען אין פענסטער און אָנגעטאַפּט דאָס דיקע שטריקעל, מיט וועלכען ער האָט געהאַלטען ארומגעבונדען זיינע הויזען. דאַן האָט ער זיך ארומגעקוקט און אָנגעשטעלט זיינע אויערן. צו איז דאָ נישטאָ ווער? אָבער ער האָט גאָר נישט געהערט. מיט מיה האָט ער זיך אויפגעהויבען. ער האָט זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס און אין קאָפּף האָט איהם געשווינדעלט. ער האָט אָנגעטאַפּט אַ וואַנד און אָנגעשפּאַרט זיך אַ ווײַלע. דאַן האָט ער מיט שטילע טריט דורכגעזוכט דאָס צימער, מיט די הענד שאַרענדיג ארום זיך. קיינער איז דאָ נישט געוועזען. נור עטליכע מייז האָט ער דערשראָקען און גע־

הערט דאָס קלאַפּען פון זייערע ענטלויפענדיגע פּיסלעך. ער איז געבליבען שטעהן ביים פענסטער און אויסגעשטרעקט די האַנד ארויף. ער האָט נישט געקאָנט דערלאַנגען די שטאַנגען. אָבער ביי איין וואַנד איז געשטאַנען אַ באַנק, אָן וועלכער ער האָט זיך אָנגע־שלאָגען ביים דורכזוכען דאָס צימער. מיט מיה האָט ער זי צוגע־שלעפּט צום פענסטער. ער איז געוואָרען אַזוי מיד, אַז ער האָט זיך געמוזט צוזעטצען. און לאַנגזאַם האָט ער אָבגעבונדען דאָס שטרי־קעל פון די הויזען. ער האָט אָנגעהויבען צו מאַכען אַ פּעטליע און געטראַכט. ווידער אַריינגעקוקט אין די עלענדע פערגאַנגענהייט און אין די פינסטערע צוקונפט. און ווידער זעהט ער נישט קיין ליכטיגען פּונקט נישט הינטער זיך און נישט פאַר זיך. און מיט פער־ביסענע ציינער האָט ער צוגעצויגען דאָס קניפּעל און געשאָלטען דאָס לעבען, און זיין הארץ האָט פערשפּירט איין אונענדליכען האַס צו אַלע מענשען. ווי ער מאַכט יעטצט די פּעטליע, וואָלט ער אַרומ־גענומען אַלע קעפּ און וואָלט זיי אַלעמען דערוואָרגען. אָט אַזוי, אָט אַזוי, אָט אַזוי! — —

די פּעטליע איז שוין לאַנג פאַרטיג געוואָרען, און ער איז נאָך אַלץ געזעסען און האָט געטראַכט. ער האָט געשאָלטען און געפלוכט און געוואונשען די מענשען אַלע אונגליקען. אך, וואָלט ער זיי עפּיס אָבגעטאָן!

און ביסלעכוויים ווערט איהם עפּיס קלאָר. זיין טויט אַליין איז דאָך שוין אַ גוטער אָבטו. ווען דער טאָג וועט אָנקומען און מען וועט זיך וועלען נעמען צו איהם, וועט מען איהם געפינען אַ טויטען. בע־ע־ע, אַ מגפה אויף אייך אַלעמען! אויס איציע, ניטאָ איציע! ניטאָ מעהר וועמען צו מוטשען, צו רודפ'ן, צו לאָזען הונ־גערן! ווי די אָבגעשמיסענע וועלען זיי בלייבען, מיט אַראָבגעלאָ־זענע נעזער, און אַ בייזע קללה וועט אויסדריקען זייער גרויסע אונ־צופריעדענהייט. אך, דאָס איז אַ טייערער געדאַנק!

ער איז האַסטיג אויפגעשפּרונגען, ארויף אויף די באַנק, צוגע־דראַפּעט זיך צו די שטאַנגען און אָנגעבונדען דאָס שטריקעל. די הענד האָבען זיך איהם געטרייסעלט, עס האָט איהם געפיעבערט. ער

האָט אַריינגערוקט דעם קאָפּף אין די פּעטליע און אומגעוואָרפען די באַנק.

און אַז דאָס שטריקעל האָט זיך צונויפגעצויגען, האָט זיך איהם פערוואָלט לאַכען. לאַכען ווי אַ ז׳עגער, ווי אַ שטאַרקערער. נור ער האָט אויסגעגלאָצט די אויגען, אויסגעשטעלט די צונג און איז בלייך און בלוי געוואָרען.

אָבער די אַרויסגעשטעלטע צונג האָט געהייסען:

„בע־ע־ע, אוים איציע, ניטאָ איציע!...“

.1897

[library stamp]

די מלחמה מיט גאָט.

ער האָט זיך געשטאַרקט און געשטאַרקט און נישט אויס־געהאַלטען.

ער האָט אויפגעעפענט זיין מויל געגען גאָט, געלאַכט פון זיין גערעכטיגקייט, געשאָלטען איהם.

ער איז געוועזען צו מיד, ער זאָל קאָנען ווייטער אויסהאַלטען. וואָס איז איהם גאָט? וואָס איז איהם „מען טאָר נישט"? וואָס איז איהם מורא אָדער ליעבע? ער קאָן נישט מעהר אריבער־טראָגען.

ער איז שוין מיד, צו מיד.

ער קאָן דאָך נישט גערעכטיג זיין, וואו עס איז נישטאָ קיין שפור פון גערעכטיגקייט. ער קאָן דאָך נישט ליעבען, וואו עס איז נישטאָ קיין אָטעם פון ליעבע. ער קאָן דאָך נישט לויבען און דאַנ־קען, וואו מען דארף פערקלאָגען און זידלען און שעלטען און פלוכען.

און ער האָט פערקלאָגט, געזידעלט, געשאָלטען און געפלוכט.

„גאָט, וואָס האָסטו צו מיר, וואָס האָסטו דיך אויף מיר אָנ־געזעטצט?

„וואָס ווילסטו פון מיר? וואָס ווילסטו דוקא אויף מיר בעווייזען דיין כח און דיין גבורה און דיין גרויסקייט? וואָס האָסטו אויס־געלאָזען דוקא צו מיר דיין גאַנצען גרימצאָרן?

„גאָט, דו האָסט קיין יושר נישט, דו האָסט אין זיך נישט די מידה פון רחמנות, דו ביזט נישט קיין רחום וחנון, קיין אל מלא רחמים!

„ווער עס פערלאָזט זיך אויף דיר, איז דער אונגליקליכסטער מענש. ווער עס פערלאָזט זיך אויף דיר, איז א נאַר!"

און ע ר איז געווען אזא נאר. כל ימיו איז ער אָבגעוועזען **אזא נאר.**

יעטצט איז ער אַלט, געבראָכען, ערשט ניין טעג פון קראַנקען־הויז. און די גאַנצע ניין טעג זוכט ער ארבייט און געפינט נישט. ער איז זיך שוין די פיס אָבגעגאַנגען.

ניין, ער האָט שוין מעהר קיין כח נישט. דאָס איז שוין אריבער און אריבער, אזוי שטראָפט מען דאָך נישט. אַלץ דאַרף דאָך האָבען א שיעור.

און פאַר וואָס שטראָפען? „ניין, איך פרעג דיך מעהר נישט, פאַר וואָס שטראָפסטו מיך אזוי?!"

ער בלייבט שטעהן אויף א מינוט, די אויגען אויפגעהויבען צום הימעל און אין די ליפען־ווינקלען זיטצט איין ערנסטע ביטערקייט. ווי ער וואָלט געוואַרט אויף איין ענטפער.

דאָס איז א וויכטיגע מינוט. בעקומט ער יעטצט איין ענטפער, מאַכט ער שלום מיט גאָט, וואַרפט זיך פאַר איהם אויף די קניע און לאָזט זיך שלאָגען מלקות און וועט חרטה האָבען מיט דער גרעסטער תשובה און מיט די ביטערסטע טרערען.

אָבער גלייך גיט ער זיך א רוק און העבט אָן צו לויפען אין כעס און בייז. אומזיסט וועט ער וואַרטען אויף איין ענטפער. און עס איז גאַר אונמעגליך צו בעקומען איין ענטפער, ווייל עס איז נישטאָ קיין ענטפער.

ווארום אין דער אמת'ן, פאַר וואָס שטראָפט ער איהם אזוי? וועלכע שווערע עברות איז ער בעגאַנגען? צו האָט ער דען כאָטש איין מאָל געזינדיגט — אפילו מיט'ן געדאַנק? אדרבא, זאָל מען עס איהם בעווייזען!

און ווען שוין?! איז מען דאָך דארויף נישט מעהר ווי א מענש, נישט מעהר ווי א פראָסטער בשר ודם. דאַרף מען דען אזוי אונבאַרמהערציג שטראָפען א גאַנץ לעבען, אָהן איין אויפהער, אָהן א בערוהטע מינוט? און ווי נאָך שטראָפען? שווער שטראָפען, מיט די האַרבסטע שטראָפען שטראָפען!

פאַר וואָס קומט עס איהם? פאַר וואָס?!

דאָס גאַנצע לעבען — דריי און זעכציג יאָהר — אַ קייט פון אונגליקען. איין אונגליק נאָך דעם אַנדערן, און איינס שווערער פאַר דאָס אַנדערע.

אין איין רגע בעוויזען זיך פאַר זיין בליק ווי אין אַ גרויסער ווייטקייט אַלע זיינע אונגליקען. ער פיהלט און לעבט זיי אַלע איי־בער און עס שוידערט איהם ביז אין דעם לעצטעטען טראָפּען מאַרך. —

אַ גוסס איז ער געלעגען אין קראַנקענהויז. וואָלט ער כאָטש געשטאָרבען און אַ מעשה מיט אַ סוף. ניין, דאַרף ער געזונד ווערען און אַרומשלעפּען זיך ניין טעג נאָך אַרבייט און נישט געפינען זיי און לאַנגזאַם שטאַרבען פון הונגער און נאָך צוזעהן, ווי זיין אַלטע פּער־געהט און אַרבייט זיך אָב מיט די לעטצטע קרעפטען און ווי זיין איי־ניקעל מיט די אָבגעשניטענע פיסעלעך...

איז אין דעם פאַראַן כאָטש אַ האָר פון גערעכטיגקייט און ליעבע?

אַ שטיין וואָלט ער געכאַפּט און געוואָרפען איהם צום הימעל. שרייען וואָלט ער מיט אַלע כחות.

און עס דריקט איהם, און ציעהט, און קיטצעלט, און בייסט.

ער וויל זיך שלאָגען מיט גאָט! ער מוז זיך שלאָגען מיט גאָט!

עס ווערט איהם שיער נישט צוריסען דאָס האַרץ.

„דו... דו... דו, רצחן! דו, גזלן! דו... דו... דו, קנא ונוקם!“ —

און עס פאַלט איהם איין. ער וועט לויפען אין דאָס גרויסע, פרייע פעלד הינטער דעם קליינעם וועלדעל. דאָרטין וועט ער וואַר־פען שטיינער אין הימעל און זידלען און שעלטען, אַז גאָט זאָל זיך דערשרעקען, דערפיהלען אַ וועהטאָג, אויפשרייען פאַר וועהטאָג, דער־פיהלען זיך פאַר פערניכטעט און פערטיליגט, פאַר אויס־גאָט.

ער האָט געאיילט, ווי ער האָט נור געקאָנט. ער זעהט גאָט פאַר זיך. די גאַנצע לופט איז פול מיט זיין ביטערסטען פיינד, מיט גאָט. אָבער ער וויל אין דאָס פרייע פעלד. ער וויל מיט איהם זיין

אויג אויף אויג, ער וויל זיך מיט איהם שלאָגען, וואו זיי וועלען נור ביידע אליין זיין.

און ער פיהלט, אז ער וועט זיעגען. ווייל ער איז גערעכט און יענער איז אונגערעכט. ווייל ער האָט גאָר נישט אויף זיך און יע־נער איז בעגאַנגען די גרעסטע און שווערסטע פערברעכען. ווייל ער איז ריין און יענעמס הענד זיינען פול מיט זיין בלוט.

ער ווייס, אז ער וועט זיעגען. איהם וועלען ביישטעהן אלע שווערע אונגליקען, וועלכע ער איז זיך אומזיסט אויסגעשטאַנען אויף זיין לעבען.

זיין טאָכטער, זיין טאָכטער וועט איהם ביישטעהן! זיין אונ־גליקליכע, ריינע, עדעלע טאָכטער, זיין טייער קינד!

נאָס, איין אויפגעבלאָזענע, מיט אָבגעגעסענע פינגער פון די פיס, ווי מען האָט זי ארויסגענומען פון טייך, וועט זי זיך שטעלען פאר גאָט. זי וועט גאָר נישט דאַרפען רעדען, נור שטעהן און קו־קען אויף איהם...

און א הוילע זאָל זי זיך שטעלען פאר איהם. זאָל זי זיך נישט שעמען צו בעווייזען איהם איהר ריינעם כשר'ן לייב, ווייל איהר לייב איז ריין און כשר, כאָטש זי האָט איהם פערקויפט. א שיינע, א ריינע, א כשר'ע איז זיין טאָכטער!

זי וועט איהם ביישטעהן און זיין אייניקעל... זיינע פיסלעך... און אלע זיינע שווערע אונגליקען וועלען איהם ביישטעהן.

ער ווייס, אז ער וועט זיעגען. ער קלייבט נור אוים די שווער־סטע ווערטער. יעדעס וואָרט זאָל זיין א פייל, יעדעס וואָרט זאָל זיין א דונער, יעדעס וואָרט — א בליץ.

פאר די בוימער זאָל זיך דער גרויסער גאָט שעמען און פאר דאָס גראָז, פאר די פויזענדיגע ווערים און פאר די קלענסטע פלי־געלעך.

און די גרויסע זון זאָל פינסטער ווערען, אויסגעלאָשען ווערען פאר בושה, וואָס פאר א גאָט זי האָט.

און אלע מלאכים זאָלען זיך כאַפּען פאר די קעפּ און מורא

האָבען מיט זייערע ריינע פליגלען צו צוגעהן צו איהם, ווייל ער וועט זיי בעשמוצען.

און אַלע צדיקים, וועלכע זיטצען אַרום איהם און הערען פון איהם תורה, זאָלען זיך פערשעמען און רויט ווערען און פיהלען זיך פערלעגען, וואָס זיי האָבען נאָר געהערט פון איהם תורה...

ער וועט זיעגען, ער וועט זיעגען. איהם וועלען העלפען אַלע בוימער און אַלע גרעזעלעך, אַלע ווערימלעך און אַלע פליגעלעך און די ברענענדיגע זון און די פייערדיגע מלאכים און די הייליגע צדיקים, ווייל זיי זיינען אַלע גערעכטיגער, ריינער, בעסער פאר גאָט!

ער איז געלאָפען, געלאָפען. —

די פיס ברעכען זיך איהם אונטער, דאָס האַרץ ווערט איהם מאָדנע שוואַך, די צונג טרוקען, די ליפען פערשמאַכט און די הענד בלייבען היינגען ווי די קלעטצער. אין די אויגען האָט אָנגעהויבען צו שווינדלען, און עס האָבען זיך צומישט לופט און מענשען און הייזער און דאָס פרייע פעלד הינטער דעם קליינעם וועלדעל, וואָס ער האָט געטראָגען אין זיין קאָפּ, און גאָט, וועלכער האָט אָנגע־פילט די גאַנצע לופט. און די רויטע, ברענענדיגע, אונטערגעהענ־דיגע קויל איז צופלאַטצט געוואָרען און ארומגענומען אַלץ מיט אַ פייער — מיט אַ העלרויטען ביז אַ געדיכט שווארצען פייער. ער איז נאָך אָבער געלאָפען. געלאָפען, געלאָפען און — געפאַלען.

ער האָט נישט געפיהלט אין זיך קיין גליעד, אָבער ער האָט נישט געוואָלט ליעגען. ער האָט געוואָלט לויפען, קומען צו זיין ציעל, קעמפפען און זיעגען. ער האָט געמאַכט גרויסע אויגען, גע־וואָלט אריינגעמען אין זיך אַ סך לופט, קומען צו זיך. נור דער קאָפּ איז איהם געוואָרען אַלץ שווערער און שווערער. ער איז געבליעבען ליעגען אָהן אַ בעוועגונג. —

מענשען זיינען זיך צונויפגעלאָפען. איבערראשטע, דערשראָ־קענע, באַרמהערציגע מענשען. זיי האָבען אַלע גלייך דערזעהן אין איהם, אַז דאָס איז אַ פרומער איד, אַז דאָס איז נישט קיין שיכור, נור גיכער אַ הונגריגער, אַז דאָס טויטבלייכע געזיכט מיט די איינ־געפאַלענע באַקען און איינגעגראָבענע אויגען געהערט צו איין אַל־

טען מאַן, וועלכער האָט בעסער געדאַרפט זיך אויסרוהען אין דער היים און גוט צוזעהן זיך, ווי אַרומשלעפּען זיך אין די גאַסען אין אַזאַ הייסען טאָג.

די מענשען האָבען עס גלייך דערזעהן און אָבגעשטעלט זיך, צו העלפען איהם. קיינער איז נישט פאַראיבערגעגאַנגען אָהן אַ רחמנות־וואָרט. אַלע האָבען געוואָלט העלפען. וער עס האָט געזאָגט, וואָס מען האָט צו טון, און ווער עס האָט טאַקי געטאָן. מען האָט אָנגע־ווענדעט אַלע מיטלען אויף ברייננגען איהם צו זיך. מיט קאַלטען וואַ־סער האָט מען איהם בעשפּריטצט, געריבען האָט מען איהם, און באַלד האָט עמיץ געבראַכט ווייַן און געגאָסען איהם אין מויל.

אַלע האָבען זיך אָבגעשטעלט. רייך און אָרם, איילענדיגע און לויפענדיגע. און אַ גאָר רייכער מאַן האָט אויפגעהאַלטען זיינע פערד און נאָכגעפרעגט, וואָס איז אַזוינס געשעהן. און אַז ער האָט זיך דערוואוסט, איז ער אַוועקגעפאָהרען ווייטער זיין וועג אַ פער־שעמטער. אַלע מענשען זיינען „מענשליך" געוואָרען. —

ער איז שוין לאַנג געקומען צו זיך, לאַנג געוואוסט, וואָס עס טוט זיך אַרום איהם און מיט איהם, אָבער ער האָט זיך געפיהלט מיד, ווי נאָך אַ שווערער אַרבייט, און נישט אַ ריהר געטאָן מיט קיין אבר.

דאָס אַרומטאַנצען פון די מענשען אַרום איהם איז איהם אנגענעם געוועזען, זייער רחמנות האָט איהם הנאה געטאָן. די גוטע מענשען האָבען פערמשפּט דעם בייזען גאָט. ער האָט געפיהלט, אַז ער האָט מנצח געוועזען, אַז גאָט איז אויס גאָט.

אויף דעם פרייען פעלד הינטער דעם קליינעם וואַלד ליעגט אַ גרויסער, ברייטער ריעז, ליעגט אָהן כח, ניעדערגעשלאָגען, בעשעמט. און דער גרויסער, ברייטער ריעז איז גאָט. אַרום איהם און אויף איהם פויזען קליינע ווערימלעך און נאָך קלענערע פליגעלעך און זיי ברומען און זשוזשען און פייפען — דאָס זידלען זיי איהם, דאָס צעהלען זיי איהם אויס די אונצעהליגע פערברעכען, וועלכע ער האָט בעגאַנגען זינד ער איז אַ גאָט. און די בוימער בויגען אַוועק די קעפּ־פעף טיעף אין וואַלד אַריין, ווייל זיי ווילען דעם אונגערעכטען גאָט נישט אָנקוקען.

און ער זעהט זיך דאָרטין אויף דעם פרייעם פעלד נעבען דעם גרויסען, ברייטען ריעז. ער איז מיד עפּיס צו טון איהם, אָבער ער טראָגט הויך דעם קאָפּף, ווי עס פּאַסט פאר א זיעגער, און אויף זיינע ליפּען ליעגט א שטעכעדיגער שמייכעל. און נעבען איהם שטעהט נאַקיט זיין טייער קינד מיט די אָבגעביסענע פוספינגער און עס ליעגען צוויי קינדערשע פיסעלעך און עס שטעהט געבויגען זיין איינגעקאָרציעטע אַלטע — — —

א שפּריץ קאַלט וואַסער האָט פערטריבען דאָס גרויסע, פרייע פעלד מיט דעם גרויסען, ברייטען ריעז, און דער אַלטער פיהלט זיך אָנגעשפּאַרט אָן א קיהלע וואַנד און ארומגערינגעלט פון א סך מענשען, וועלכע מיינען, אז ער איז נאָך נישט געקומען צו זיך, און רייבען איהם און נעטצען איהם און געבען איהם ווייך און ווייסען נישט, ווי צו העלפען איהם.

די מענשען מיינען, אז דער אַלטער האָט דעם שטאַרקראַמפּף, און זיי ווענדען אָן אַלע מיטעל, וועלכע מען ווענדט אָן צום שטאַרקראַמפּף.

אָבער דער אַלטער ליעגט אָהן א בעוועגונג און פיהרט אַליין מלחמה מיט גאָט.

ער ווייס, אז גאָט איז נאָך אין הימעל אויף זיין כסא הכבוד. ער ווייס, אז גאָט האָט עס איהם אונטערגעשטעלט א פוס און א וואָרף געטאָן, ווייל ער האָט נישט געוואָלט און ווייל ער האָט מורא געהאַט טרעפען זיך מיט דעם אַלטען אויג אויף אויג אין דעם פרייען פעלד. אָבער דאָך איז ע ר דער זיעגער און וואָס לייגגער ער וועט אַזוי ליעגען אָהן א בעוועגונג, אַליין ערגער איז עס פאר גאָט, אַליין קלענער און שלעכטער און אונגערעכטיגער וועט גאָט ערשיינען.

דער שטעכעדיגער שמייכעל פון דעם זיעגער איז געלעגען אין די ווינקלען פון זיינע ליפּען. נור די מענשען האָבען עס נישט בעמערקט און געקעמפּפט מיט דעם שטאַרקראַמפּף. — —

צום רעדעל איז צוגעגאַנגען איין אַלטע איינגעהויקערטע פרוי — הויט און ביינער, א געל געקנויטשט פּנים — מיט א גרויסען פּאַק צייטונגען אונטער׳ן ארם — און דאָס איז געוועזען זיין ווייב.

זי האָט אַרויסגעלאָזען די צייטונגען פון אונטער׳ן אָרם מיט אַ ביטערען געשריי און פערבראָכען די הענד, אַ וואָרף געטאָן זיך צום מאַן, געגאָסען מיט ביטערע טרערען, געריסען אויף זיך דאָס האָר, געשריען און געטענ׳עט און אויסגעשאָטען איהר ביטערע האַרץ און גערופען צו גאָט.

ער האָט אויף איהר נישט אַ קוק געטאָן, נור ער האָט זי דער־קאָנט אַן איהרע טענות און איהר וויינען. עס האָט איהם אַ ריס געטאָן אין האַרצען. אָבער גלייך איז איהם אַ געפיהל פון שטאָלץ דורכגעפאָהרען אין אַלע זיינע גליעדער, אַ געפיהל פון פעסטינקייט. אויף אַזאַ קלאַפּ האָט זיך גאָט געוויס ניט געריכט, אַז נישט וואָלט ער איהם נישט אַ וואָרף געטאָן אין רעכטען מיטען גאַס, וואו ער קאָן זיך טרעפען מיט זיין ווייב.

די אַלטע האָט אויסגעקלאָגט איהר אונגליק. ערשט, דער־צעהלט זי, פון קראַנקענהויז. אין אַ פיעבער איז ער געלעגען. ער איז קראַנק געוואָרען, ווייל די איינציגע טאָכטער, אַ טייער, גאָלדען קינד איז דערטרונקען געוואָרען. מען האָט שוין נישט געהאַלטען פון זיין לעבען. איז ער אָבער געזונד געוואָרען, אויף צו פאַלען אין מיטען גאַס פאַר הונגער...

און דאָס קיצעלט איהם. זי האָט נאָך געדאַרפט דערצעהלען, פאַר וואָס האָט זיך דאָס קינד דערטרונקען. זי מאָג עס דער־צעהלען. זי האָט זיך נישט וואָס צו שעמען. זי האָט געוואָלט האַנדלען מיט זיך, ווייל זי האָט געוואָלט זיי פערהעלפען. זי האָט אָבער נישט געקאָנט אויסהאַלטען. זי איז געוועזען אַ ריינע, כשר׳ע נשמה. דאָס ערשטע פערדינטע געלד איז געוועזען דער שטיין אויף איהר האַלז, מיט וועלכען זי האָט זיך אַריינגעוואָרפען אין טייך. זאָל זי דערצעהלען. זאָל זי זיך נישט שעמען. און וועגען אייניקעל זאָל זי דערצעהלען, וועגען אייניקעל...

ער וואָלט איהר נאָך וועלען זאָגען, אַז זי זאָל נישט רופען צו גאָט, נישט בעטען זיך ביי איהם, נור פערקלאָגען זאָל זי איהם, פער־מסר׳ן, מאַכען איהם צו שאַנד און צו שפּאָט... אָט אַזוי, אָט אַזוי...

יעטצט רעדט זי גוט. זי וויל אויך וויסען, פאַר וואָס קומט עס איהר אזוי. יעצט רעדט זי גוט.

און עס קיצעלט איהם, קיצעלט איהם.

דאָס ווייב האָט אויך נישט בעמערקט די נצחנישע מינע אויף זיין געזיכט, ווייל זי האָט ביטער געוויינט, און די מענשען האָבען נאָך שטאַרקער געקעמפּפט מיט דעם שטאַרקראַמפּף. —

אַ גאָראָדאָוואָי איז צוגעגאַנגען, האָט אַ קוק געטאָן, פערנאַנ־דערגעפרעגט און געהייסען אוועקפיהרען דעם קראַנקען אהיים.

די גוטע מענשען האָבען זיך גענומען צו דער אַרבייט און די אַלטע האָט דערביי גערעדט — יערעס וואָרט אַ פייל, יעדעס וואָרט אַ דונער און בליץ, יעדעס וואָרט דער שווערסטער פּאָרוואורף גאָט, יעדעס וואָרט האָט ארויסגעריסען גאָט פון די גוטע מענשענס הערצער.

אין דער היים וועט דער אַלטער דאַרפען ליעגען אליין, ווארום זי מוז פערנאַנדערטראָגען די צייטונגען, מען וואַרט אויף זיי. אין דער היים האָט זי אַ קליינעם פינף־יעהריגען אייניקעל, וועלכער איז איהר געבליעבען פון דעם זוהן, אַ יתום׳ל אָהן אַ טאַטען און מאַמען. ער פלעגט איהר העלפען פערנאַנדערטראָגען די צייטונגען, האָט מען איהם איבערגעפאָהרען און ער ליעגט יעצט אָהן פּיס. וואָס וועט פון דעם אַלטען ווערען, ביז זי וועט קומען? ער וועט דאָך שטאַרבען!

און דער אַלטער פיהלט אַלץ שטאַרקער זיין זיעג.

וואָס זאָגט יעטצט גאָט? זיטצט ער נאָך און לערנט תורה פאַר זיינע צדיקים? קאָנען זיי נאָך אַ וואָרט פון איהם הערען? און די אַלע גוטע מענשען, וועלען זיי אין איהם נאָך גלויבען?

ער וואָלט זיך צולאַכט פון גאַנצען האַרצען. נור ער האָט זיך איינגעהאַלטען, און די מענשען האָבען גאָרנישט בעמערקט און אריינגעלעגט איהם זעהר אָבגעהיט אין וואָגען.

דער וואָגען האָט זיך געריהרט און די אַלטע איז אוועק איהר וועג, קלאָגענדיג און פערקלאָגענדיג.

הא, טויזענדער קללות האָבען זיך געווים אויפגעהויבען צום

הימעל ! טויזענדער הערצער האָבען זיך געוויס אָבגעקעהרט פון גאָט, ווי די קעפּף פון די בוימער אין דעם פרייען פעלד פון דעם גרויסען, ברייטען ריעז.

ער האָט געזיעגט.

פּערניכטעט איז גאָט, דערשלאָגען איז גאָט, אויסגאָט איז גאָט !

און מיט צוגעמאַכטע אויגען זעהט ער גאָט׳ס מפּלה. ער פיהלט זי מיט יעדעם אבר.

די וועלט איז געוואָרען שטילער און רוהיגער. שטילער און שטילער. גלייך אַלע רעדער וואָלטען געוועזען בעלעגט מיט גומי, און אַלע מענשען וואָלטען געקריעגט ווייכע, סאַמעטענע שטימען. און ער פיהלט זיך גוט, בערוהיגט. ער שוועבט אין דער לופט, ער וויעגט זיך און עס ברומט אין איהם און ארום איהם, ווי דאָס שענסטע וויעגענליעד. ער וועט איינשלאָפען און וועט שלאָפען דעם געשמאַקסטען שלאָף.

דאָס איז גאָט׳ס מפּלה.

נור אויף דער אַלטער איז א ביטערע רחמנות. זי דאַרף יעטצט ארומלויפען א טרעפּ ארויף, אַ טרעפּ אראָב, און איהר איז נעביך אזוי שלעכט, און זי וויים נישט, אז איהם איז אזוי גוט. זי האָט גע־דאַרפט זיין יעטצט נעבען איהם, מיט איהם, צוזאַמען שוועבען, צו־זאַמען וויעגען זיך. און זי וואָלט געהאָלפען זינגען דאָס וויעגענליעד. זי מוז נעביך לויפען א טרעפּ ארויף, א טרעפּ אראָב.

הא הא, זי שוועבט ! זי לויפט נייטט, נור זי שוועבט, זי פליהט. און אַלץ שוועבט און פליהט. אַלץ איז אַזוי רוהיג, אזוי רוהיג.

גאָט׳ס מפּלה !

ער זיצט ערגיץ אין א ווינקעל אין הימעל, פערניכטעט און דער־שלאָגען, צוזאַמענגעקאָרציעט און פערבאָרגען דעם קאָפּף. די צדיקים קומען נישט הערען זיין תורה און די ריינע, ווייסע מלאכים ווייכען איהם אוים, זיי זאָלען נישט בעשמוצען זייער ריינקייט. און די

תורה זיצט בעדעקט מיט א זאק, ווי א יונגפרוי טרויערט איבער איהר מאַן.

ער זעהט דעם ווינקעל, ער זעהט גאָט, ער זעהט די צדיקים, ער זעהט די מלאכים, ער זעהט די תורה.

גאָט איז נישט מעהר גרויס, נור קליין, גאַנץ קליין, און פון אַ שמוציגער פאַרב. די צדיקים זיינען אַלע מיט גרויסע, ווייסע בערד, אין ריינע, שיינע טליתים, אין עטרות און מיט תפילין אויף די קעפּ. און די מלאכים זיינען אַלע יונג און שטאַרק. און די תורה, גרויס און ברייט, פערוויקעלט אויף די עץ חיים׳ס...

נור אָט האָט גאָט אויף איהם א קוק געטאָן — א בייזען קוק — און גענומען וואַקסען, וואַקסען, וואַקסען. אָבער דאָס איז נישט גאָט, נור עפּים שרעקליכעס, שוואַרצעס, שטיקענדעס.

ער האָט זיך דערשראָקען און אויפגעעפענט די אויגען.

נאַכט. דער הימעל קוקט אויף איהם מיט טויזענדער אויגען. דער הימעל איז טיעף־בלוי און איבער איהם הייננט א שלייער פון אַ דורכזיכטיגען גרויליכען נעבעל. אָבער דאָס איז נישט דער הימעל. דאָס איז דער מלאך־המות מיט זיינע אויגען. און דער מלאך־המות פליהט צו איהם, ווערט אַלץ נעהנטער און נעהנטער. און וואָס נעהנטער ער ווערט, ווערט ער אַלץ שוואַרצער און דונקלער, שוואַר־צער און דונקלער, און די אויגען ווערען קלענער, ווי זיי וואָלטען זיך געוואָלט צומאַכען, און פליעהען אַזוי מאָדנע אום און דרעהען זיך. און עפּים שטיקט איהם אַזוי, און ווערגט איהם און לאָזט איהם ניט בעקלערען, וואָס ער וויל. א רים טון זיך, א העב טון זיך... „הא, ווער האלט עס מיך?... ווער דריקט עס מיך?... דו... דו... דו, רצחן! דו, גזלן! דו... דו... דו, קנא ונוקם!...“

ער איז ענטשוויגען געוואָרען אויף אייביג.

.1899

א פערפאלענער.

שמעון האָט קיינמאָל קיין רויטע נאָז נישט געהאַט און די אויגען זיינען ביי איהם נישט פערצויגען געווען מיט א רויטליכער פליסיגקייט. פערקערט אפילו! זיינע בלויע אויגען האָבען שטענדיג געפינקעלט אַזוי ריין, אַזוי קלאָר, אז דער בלויער הימעל האָט זיך אָבגעשפּיעגעלט אין זיי; די געטאָקטע נאָז האָט זיך נישט אָבגעשיידט מיט'ן קאָליער פון דעם גאַנצען פּנים, וואָס איז געווען שוואַרצ'חנ'עוודיג. דערפאַר האָט איהם דאָך די שיינע גיטעל ליעב בעקומען און אַוועקגעגעבען איהם איהר האַרץ, איהר האַנד און ק"ן רובעל נדן.

נישט דערפאַר אליין, נאַטירליך. שמעון איז געווען אַ בחור מיט אַ סך מעלות. ער איז געווען אַ גוטער שניידער, און בעלי־בתים פלעגען זיך שלאָגען איבער איהם און האָבען געצאָלט איהם גאַנץ גוט. ער איז געווען „אַ מענש אָהן אַ גאַל" און אַ טייערער זוהן. דערפאַר האָט ער קיין געלד נישט געקאָנט אָנקלייבען, כאָטש אויף זיך האָט ער ווענ׳יג וואָס פערלעבט. ער איז נישט געווען קיין „פּראָסטאַק" און האָט ליעב געהאַט אין א לעדיגער שעה אַריינצוקוקען אין א ספר און צוצוהערען, ווען מען לייענט עפּים. ער איז געווען איין אַריסטאָקראַט צווישען אַרבייטער, האָט זיך געקאָנט נור מיט די עדעלסטע פון זיי, כאָטש ער איז קיין בעל־גאוה נישט געווען. זיין מאַמע האָט זיך גערעכענט פון יחוס און געוויינט, ווען זי האָט „נעביך" געמוזט אָבגעבען איהם צו א בעל־מלאכה, אבי בריינגען איהם צו עפּים אַ תכלית. אָבער שמעון האָט נישט געקלערט וועגען יחוס און איז געווען איבערגעגעבען זיין אַרבייט.

און דערפאַר אַליין האָט איהם די שיינע גיטעל ליעב בעקומען. און זי איז איהם ווערט געווען. „קיין בעסערען שדוך," האָט מען

גערעדט, „האָט נאָך גאָט קיינמאָל נישט אויסגעפיהרט.“ א חוץ איהר שיינהייט, וואָס „האָט געפּאסט פאר דעם גרעסטען גביר׳ס טאָכטער“, האָט זי געהאט אין זיך נאָך א סך מעלות. זי איז געווען א פּאַ־ריקמאכערין, נור אויסער דעם האָט זי נאָך אַלץ געקאָנט: נייהען, אויסנייהען, וואשען... און אין קיך־זאכען איז זי געווען א בריה — איינע אין דער וועלט: פון דעם בעסטען און געשמאקסטען הגזט זי געקאָנט קאָכען און באקען. מען האָט זי גערעכענט פאר א זעהר קלוגע, פאר א גרויסען קאָפּף־מענש — עצות צו פרעגען ביי איהר! זי האָט אויך געקאָנט שרייבען און לייענען און ליעב געהאט צו לייענען. א שטילע, א גוטע...

א פרעהליכע חתונה איז געווען ביי שמעון׳ען מיט גיטלען. זיי זיינען געווען מעהר ווי בעגליבט, אז זייער לעבען וועט זיין זעהר גליקליך.

„א, וועלען מיר לעבען!“ האָט שמעון אויסגעשריען ענטציקט, ווען זיי האָבען די אויגען אויפגעעפענט דעם ערשטען פריהמאָרגען נאָך דער חופה, און די זון האָט אריינגעשיינט זיי גלייך אין די אויגען, און ער האָט ארומגעארמט דאָס יונגע ווייבעל.

„ליעבינקער!“ האָט זי געענטפערט און צוגעדריקט זיך צו איהם מיט א שטארקער ליעבע און זיי האָבען זיך צוקוסט. און שטארקער האָבען געקלאפּט זייערע הערצער.

„מיר וועלען זיין גליקליך!“

„שמעוניו!“

„ווייסט, מיר וועלען זיין גבירים!“

„הלואי, טייערינקער!“

„ווערסט זעהן!“ שמייכעלט ער.

און זי דריקט איהם ווייטער צו שטארק־שטארק צו זיך.

„מיך ארט נישט, אז מיר וועלען נישט זיין קיין גבירים,“ רעדט זי א ווײַלע שפּעטער, „נור מיר זאָלען האָבען אויף וואָס מיר דאַר־פען און שטענדיג זיין אין איינעם.“

זיי האָבען געדונגען א דירה — צוויי צימער מיט א קיך אין א בעזונדער הייזעל אין א הויף—אריינגעפיהרט גאנץ פיינע מעבעל,

געקויפט א מאשין, און שמעון איז געוואָרען פאר זיך. גיטעל האָט געוואָרפען איהר ארבייט און בעשעפטיגט זיך מיט בעל־הביתישקייט — א מענש זאָל קאָנען אריינגעהן אין שטוב. און עס איז טאקי געוועזען א פערגניגען אריינצוגעהן צו זיי אין שטוב: שטענדיג ריין, ציכטיג, קיין שטויבעל; עס האָט געלויכטען אין אלע ווינקעלעך, אונטען און אויבען. און ארבייט איז אויך געוועזען.

„מיר וואקסען!" פלעגט שמעון פלוצלינג אריינברומען גיטלען אין אויער.

דאָס האָט געהאט א צווייענדיגע בעדייטונג. ערשטענס, פלעגט שמעון אָבלעגען אלע וואָך צו דעם עפּיס, וואָס איז געבליעבען פון נדן; צווייטענס... גיטעל איז טראָגעדיג געוועזען. דאָס קינד, וואָס האָט געזאָלט אין גיכען בעווייזען זיך, האָט זיי געפרייט.

„אונזערע קינדער וועלען קיין שניידער נישט זיין," פלעגט ער זאָגען, קוקענדיג אויף איהר מיט א ווארמער ליעבע.

„וואָס זיי וועלען זיין, וועלען זיי שוין זיין, נור דערהויפּט זאָלען זיי זיין עהרליכע מענשען," פלעגט זי ענטפערן און איהרע אויגען האָבען אויסגעדריקט געבעט און האָפנונג.

„זיי וועלען אלע שטודירען," האָט ער גערעדט זיינס. „איך וועל זיי אוועקגעבען אין גימנאזיום."

און גליקליך און פרעהליך האָבען זיך געשלאָגען זייערע הערצער.

און אין איינעם מיט'ן בכור איז אָנגעקומען אין שטאָדט א שניידער, וועלכער האָט א צייט געארבייט אין ווארשוי — ער איז געוואָרען א שטאָדטישער איידעם.

און דער ווארשעווער שניידער האָט אזוי שטארק אויסגענומען, אז אין א חדש ארום נאָך זיין אריינפאָהר האָט מען גערעדט פון איהם אין אלע ערטער, וואו די שטעדטישע שניידער האָבען ביז אהער פערדיענט.

די שטעדטישע שניידער זיינען געבליעבען כמעט אָהן ארבייט.

און שמעון אויך.

אין גיכען האָט שמעון אָנגעהויבען צו שלעפּען פון גרייטען.

און באַלד איז שוין נישט געוועזן פון וואַנען צו שלעפּן.

און נאָכ'ן בכור איז ביי איהם געבאָרען געוואָרען א „מוזי־ניטשקע", און נאָך דער „מוזיניטשקע" — א „מוזיניקעל", און נאָכ'ן „מוזיניקעל"... און אזוי ווייטער.

איין אַלטע געשיכטע!

און שמעון האָט בעקומען אַ רויטע נאָז, פערגאָסענע אויגען...

גיטעל איז מיט אַ מאָל אַלט און חשך געוואָרען...

דאָס איז ווידער איין אַלטע געשיכטע.

אָנגעהויבען האָט זיך עס מיט איהם פון א פּורים.

שמעון האָט געהאַט א ביטער'ן ווינטער: ער, גיטעל און די פיער קינדערליך האָבען אַלע איבערגעקריינקט. און א חוץ דעם איז עס געוואָרען א צייט, וועלכע דער וואַרשעווער שניידער אַליין האָט געשאָלטען. אין שטאָדט זיינען אָנגעפאָהרען ארויסגעטריבענע אידען פון מאָסקווע און האָבען אויפגעעפענט קראָמען פון פאַרטיגע קליידער. די קראָמען פלעגען געבען אפילו אויף אויסצאָלען און אין שווערע צייטען איז דאָס אַ גוטער פּלאַן פאַר'ן עולם. עס איז געוואָרען נאָך ווייניגער מלאכה ביי די שניידער און אַכּאָליגע בעלי־בתים זיינען געוואָרען איינפאַכע פּועלים ביי די קרעמער. שמעונ'ען איז אויך בעשערט געוועזן צו ווערען א טאַנדעטניק—ער האָט שוין פערקויפט די מאַשין און געאַרבייט אין ווערקשטאַט ביי איינעם פון די קרעמער. ער האָט זעהר ווייניג פערדיענט און איז געוואָרען א שרעקליכער בעל־חוב — דער קצב, די קרעמערין, די בעקערין האָ־בען געריסען פאַר די פּאָלעס. דאַרף מען נאָך דערמאָנען, אז פון יום־טוב איז גאָר נישט געוואָרען, אַז אַליז איז אריבער אין לייַ־קאַסע און צו אָשר דעם וואָכערניק? און דאָ געהט נאָך צו פּסח. שמעון האָט שוין מעהר קיין אויסזעהע נישט געהאַט, מיט וואָס די חובות צו בעצאָלען, ווי אויסצוקוקען זיך, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט פאַר'ן פּורים.

ער איז אַוועק אין פּורים־שפּיעלער.

דער געדאַנק איז איהם אַרויפגעקומען נאָך אַ געשפּרעך אין ווערקשטאַט. אַלע אַרבייטער האָבען זיך געקלאָגט.

„ביי אַזעלכע פּרנסות,“ האָבען זיי בעשטימט, „האָט מען שוין נישט וואָס צו קלערען וועגען יום־טוב־מאַכען.“

„סיידען דער פּורים וועט עפּיס מאַכען,“ האָט געזאָגט יחיאל דער לאַנגער. „פאַר אַ יאָהרען האָב איך טאַקי געהאַט דערפון אויף יום־טוב: אַ פינפער'ל איז מיר אַריינגעפאַלען.“

„נו?“ האָט שמעון געברומט, בעטראַכטענדיג דעם אַרבעל, וועלכען ער האָט גענייהט, און וועגען גאָר נישט קלערענדיג.

„ה־הום! פערשטעהט זיך, אַ פינפער'ל! מיר זיינען געגאַנגען זאַלבע־דריט איך און לייזער און יענקעל, וואָס אַרבייטען ביי דאָניען — איך האָב אויך פאַר אַ יאָהרען געאַרבייט ביי איהם — האָט אונז געמאַכט אַ שטיק געלד. אַט אַ מאָדנער!“ האָט יחיאל פערדראָסיג געזאָגט, בעמערקענדיג, ווי שמעון האָט עפּיס אונגלויביג אַ פּיהר געטאָן מיט די אַקסלען. „ביי אברהם ברוך קאַפּלאַנ'ען אַליין האָבען מיר געכאַפּט אַ דרייער'ל. וואָס זאָגט מען אויף איהם? איך דאַרף איהם עפּיס דאָ ליינען!“

נור שמעון האָט אפילו נישט געקלערט נישט גלויבען איהם, אפילו נישט גוט געהערט, וואָס יחיאל דערצעהלט איהם, ווייל ער האָט גאָר געטראַכט, וואו נעמט מען אויף אָבצאָלען דעם קצב, דער קרעמערין, דער בעקערין און דער־צו האָט ער נישט געקאָנט אויסקומען מיט'ן אַרבעל, וועלכען מען האָט פערשמעלט. און אויפ'ן האַרצען איז איהם געוועזען אַזוי אומעטיג, אַזוי ביטער...

„הלואי זאָל דער פּורים נישט ערגער זיין,“ האָט זיך ווייטער גערעדט יחיאל. „מען דאַרף זעהן קריגען גוטע חברה. מיט לייזער'ן און יענקלען וועל איך פערזאָגען אַ צעהנטען צו געהן. דער לייזער איז געוועזען אַ מרדכי, אַ צום חלש'ן! און יענקעל האָט זיך איינגעשכורט, אַז מען האָט איהם געדאַרפט שלעפּען אונטער די הענד. גוט, וואָס ער האָט געשפּיעלט אחשורוש'ן — אחשורוש דאַרף דאָך זיין שכור, האָט מען געזאָגט, אַז יענקעל שפּיעלט זיין

ראַליע אויסגעצייכענט, כאַ, כאַ, כאַ! צום לאַכען איז עס געוועזען..."

„און קאַפּלאַן האָט דאָס געגעבען אַ דרייער'ל?" איז איהם שמעון אַריינגעפּאַלען אין די רעד, נישט טראַכטענדיג אייגענטליך וועגען דעם, וואָס ער האָט געפּרעגט.

„אָך, הלואי זאָל איך אַזוי האָבען אַל'דאָס גוטס, ווי ער האָט געגעבען אַ דרייער'ל!"

און שמעון האָט זיך געוואונדערט.

„הם!"

דאָס האָט בייז געמאַכט יחיאל'ן און ער האָט זיך צוהיטצט.

„נישט ער אַליין האָט דאָס געלד געגעבען, מאָדנער מענש! באַ! מיט אייך קאָן מען דאָך נישט רעדען! עס זיינען ביי איהם געזעסען אַ סך געסט, איז געוואָרען אַ דרייער'ל. אַ קלייניגקייט, וואָס ביי איהם צו טוט זיך אַ פּורים! ער האָט דאָך אונז נישט אָבגעלאָזען, מיר האָבען געמוזט פערברייננגען ביי איהם ביז אַ שטיק אין דער נאַכט. וואָס ער האָט מיט אונז אַ ביסעל די וועלט צוקערט!..."

נור שמעון האָט נישט געוואוסט, נישט וואָס ער האָט געפּרעגט און נישט וואָס יחיאל ענטפערט. ער האָט גאָר געטראַכט בשעת מעשה, ווי ווערט מען פּטור פון טאַנדעט מיט די פערשמעלטע ארבעל און ווי צאָלט מען אָב דעם און דעם.

ביי נאַכט, ווען ער האָט געדאַרפט, געהענדיג אַהיים, דורכגעהן פאַרביי דער קרעמערין און דער בעקערין, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז אַ פינף־רובעלדיגע וואָלט איהם יעטצט מחיה געוועזען, און גלייך אויף דעם האָט ער זיך דערמאָנט אויף יחיאל'ס רעד.

„טאָמער אויך אַוועק אין פּורים־שפּיעלער!" איז איהם דורכגעפלויגען אין קאָפּ, און אַ ביטער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף זיינע ליפּען. נור באַלד אויף דער שטעל האָט ער דערפיהלט, אַז איהם עקעלט; אַ קעלט איז איהם דורך איבער'ן גאַנצען לייב און אין קאָפּ איז איהם וואַרם געוואָרען. ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקען פאַר זיין געדאַנק. יחיאל — אַ פּורים־שפּיעלער און ער — אַ פּורים־שפּיעלער! יחיאל איז כל ימיו געוועזען אַ פּועל, האָט קיין

שטאט נישט געפיהרט, איין עם־הארץ, די מאמע — א דיענסט, דאס ווייב — א דיענסט, דער טאטע — א וועגעלפיהרער... יחיאל האט ליעב דעם טרונק; יחיאל ווייס נייטס, אז א מענש קאן האבען זיין אייגענע דעה, אז א מענש קאן זיין אויף זיך אליין א בעל־הבית; יחיאל איז דערשלאגען, פערקנעכטעט... פאר איהם פאסט צו זיין א פורים־שפיעלער. אבער ער, שמעון, זאל ווערען א פורים־שפיע־לער!... ער האט אנגעהויבען צו מאכען גרעסערע טריט, ער וואלט וועלען ענטלויפען פון זיין געדאנק.

אין דער היים האט ער געשטיפט, גערעדט, געשפרונגען. ער האט נישט געוואלט לעגען זיך שלאפען — ער האט מורא געהאט צו בלייבען אליין מיט׳ן געדאנק, וועלכער איז געזעסען ביי איהם טיעף אין קאפף און געעגבוירט דעם מח. ביי אלע שטיק האט איהם דער געדאנק אויף א מינוט נישט אבגעלאזען. געגען זיין ווילען קערען זיך איהם איבער אין מח אלערליי פלאנען און ער פיהלט, אז זיי טויגען נישט, אז דאס זיינען גאר קיין פלאנען נישט און גלייך אויף דעם שפרינגט ארוים עפים פון הינטער־קאפף, פון דער נאקען־געגענד די פורים־שפיעלעריי. ער וויל נישט טראכ־טען וועגען דעם און העבט אן שטארקער צו שטיעפען. נור ווידער געגען זיין ווילען, אונגערן, קומט איהם ארויף אויפ׳ן זין, אז ער וועט מאכען, קיינער זאל איהם נישט דערקענען און נישט דערוויסען, אז ער איז געגאנגען אין פורים־שפיעלער, ווייל ער וועט געהן מיט די אייגענע קינדער. פון דעם לעצטען געדאנק מיט די קינדער העבט איהם אן נאך שטארקער צו שוידערן און דאס האר שטעלט זיך איהם אויפ׳ן קאפף. נאך די קינדער מאכען פאר פורים־שפיעלער!... מיט אייז־קאלטע הענד האט ער געגלעט זיין אינגערן זוהן, הירשקען, איבער׳ן קאפ, בעטראכט מיט א מידען בליק דעם עלטערען, לייבקען, און געטראכט בשעת מעשה, אז אלץ איז שוין סיי־ווי־סיי פערפאלען, אז פון די קינדער וועט שוין נישט זיין דאס, וואס ער האט געוואלט. „עט, מילא!“ האט ער שווער אבגעקרעכצט און עס בלייבט ביי איהם צו געהן. ער האט זיך דערביי אומגעקוקט מיט א פערלארע־נעם בליק, גלייך ער וואלט וועלען זעהען, צו איז ניטא עמיץ אין

שטוב, וואָס האָט ביי איהם ארויסגעלייענט פון געדאנק... און ער האָט ווייטער געגלעט דעם קינד'ס קעפּעל און אַלץ פעסטער בע־שלאָסען זיך געהן, געהן, געהן. — —

אָבער וואָס וועט זאָגען גיטעל ?

זי איז געזעסען און פערריכט העמדלעך. ער האָט זיך צו איהר צוגעזעטצט און אָנגעהויבען גלעטען איהרע האָר.

„וואָס טוט מען ? וואָס טוט מען ?" זיפצט גיטעל, „די קרעמע־רין לאָזט נישט לעבען."

„מען דארף גאָר געהן אין פּורים־שפּיעלער און פערדיענען געלד," לאַכט ער און קוקט איהר אַריין אין די אויגען. ער וויל זעהען, וואָס פאר איין איינדרוק האָבען אויף איהר געמאַכט די ווערטער.

„סיידען," זיפצט זי אָב און טוט איהר'ס, נישט פערקלערענדיג אויף גאָר נישט.

„וואָס מיינסט דו, דאָס איז א גוטער פּלאַן," לאַכט ער ווייטער און וויל, זי זאָל איהם פערשטעהן, און האָט דאָך מורא דערפאַר.

„ווי דען !" מורמעלט זי.

„איך לאַך נישט — דאָס איז די איינציגע עצה," זאָגט ער שוין ערנסטער און שמייכעלט דאָך נאָך אונטער.

„געה שוין געה !" זי העבט אויף איהם אויף די אויגען פער־זאָרגט.

„און וואָס ווען״סטו אנדערש טון ? " שמייכעלט ער און ווייס עפּיס נישט, ווי העבט מען אָן ערנסטער צו רעדען.

„דו מיינסט עס ערנסט ?" עס קלאַפּט איהר שטאַרקער דאָס הארץ.

„גאנץ ערנסט. עס איז דאָך לית־ברירה, נאַרעלע." ער שטאַרקט זיך אַראָבצוטרייבען דעם שמייכעל און עס העבט איהם אָן צו שרעקען דאָס ווייטערע געשפּרעך.

„וואָס ביזט דו משגע צו חסר־דעה !" האָט גיטעל דערשראָקען אויסגעשריען און איז רויט געוואָרען.

„מאַך בעסער." ער האָט געדריקט מיט די אַקסלען און אָנגע־קנויטשט די שטערן.

„דו מאַכסט פון מיר חוזק, צו וואָס?" האָט גיטעל אויסגע־שריען מיט אַ גרעסערען שרעק. זי האָט געוואָרפען די ארבייט אויפ'ן טיש און אויסגעגלאָטצט די אויגען. עס האָט זי גע־שווידערט.

ער האָט אראָבגעלאָזען דעם קאָפּ און געצויגען אַ פּאָדעם אין דער האנד.

„פו, וואָס איהם קאָן איינפאַלען!"

„און איך זאָג, אז קיין אנדער מיטעל איז נישטאָ." ער האָט עס שוין ארויסגערעדט גאנץ ערנסט און איז אויפגעשטאַנען. מיט דעם אויפשטעהן איז ער שטארקער געוואָרען, געמאַכט זיך מעהר הארץ.

„זאָלסט בעסער אויפהערען מיט מיר וועגען דעם צו רעדען!" האָט גיטעל פערצווייפעלט אויסגעשריען.

זי איז בלייך געוואָרען און אַ שטראָם טרערען האָט זיך אַרויס־געגאָסען פון איהרע אויגען. איהר האָט זיך גאָר געוואָלט שרייען, זידלען, בייזערן זיך, נור זי האָט די טרערען נישט געקאָנט איינהאַל־טען. ער איז אַ ביסעל אָבהענדיג געוואָרען און גענומען בערוהיגען, פערזיכערען זי, אז ער האָט עס גאָר געלאכט, נישט געמיינט ערנסט. זי איז שטיל געוואָרען, נור געפיהלט, אז ער האָט נישט געלאַכט.

„אַך, דו נאַררעלע," זאָגט ער צו איהר הארציג־ווייך, ווילענדיג זי פאָרט איבעררעדען, „וואָס האָסט דו זיך דאָ צו־וויינט? און אפילו, אז איך וואָלט געגאַנגען אין פורים־שפּיעלער — איז מה רעש? ווער דאַרף דאָס עס וויסען?"

„אָי, הער אויף צו רעדען!" האָט זי איהם איבערגעריסען מיט אַ יסורים'דיגען פנים.

„ניין, איך רעד מיר גלאַט אַזוי," האָט ער זיינס גערעדט, — „איך וואָלט געקאָנט געהן אין פורים־שפּיעלער און קיין ילוד־אשה וואָלט עס ביי מיר נישט געוואוסט. האָסט גאָר נישט געדאַרפט וויינען, דאָס רעד איך. איך וואָלט אויסלערנען לייבקען מיט הירש־קען די ראָליען פון מרדכי'ן מיט המן'ען און וואָלט מיט זיי אַרומ־געגאַנגען..." עס האָט איהם אַ שטאָך געטאָן אין הארצען, און ער

האָט געזאָגט מיט אַ שוואַכערען טאָן: „דו וואָלסט אונז געמאַכט בערד...“

אָי, זעה, איך בעט דיך, הער אויף צו רעדען!“

„אָי, גיטעטשקע!“ האָט ער געזאָגט מיט אַ טרייען שמייכעל און אַראָבגעמאַכט איהר דאָס האָר איבער'ן געזיכט.

„די קינדער!“ האָבען געשעפּציעט איהרע פערטריקענטע ליפּען מיט אַ האַרץ־רייסענדען שמייכעל.

ער האָט שוין מיט איהר מעהר נישט גערעדט וועגען דעם דעם אבענד. ער האָט פריער געוואוסט, אַז אַזוי וועט זי ענטפערן. דערמאָנענדיג איהר די קינדער, האָט ער געציטערט און געוואַרט, אַז זי וועט זיך צושרייען. נור מעהר ווידער פריער האָט ער גע־פיהלט, אַז קיין אַנדער מיטעל האָט ער נישט.

און אַז אויף מאָרגען און איבערמאָרגען האָבען די בעלי־חובות אויך קיין רוה נישט געגעבען, איז גיטעלען אליין ארויפגעקומען דער געדאַנק וועגען פּורים־שפּיעלעריי. זי האָט זיך בעגאָסען מיט טרע־רען און... און געטראַכט, אַז זי וועט דעם מאַן מיט די קינדער אַזוי אָנטון, אַז קיינער וועט זיי טאַקי נישט דערקענען. עס איז טאַקי פאַר זיך אליין אַ בזיון; עס איז טאַקי גלייכער אַ טויט, גלייכער נישט געבאָרען צו ווערען. נור עס איז ביטער אַזוי און ביטער אַזוי. די מאַשין איז פערקויפט; די וועגה, דער שראַנק, די בעטען זיינען לעדיג, פּוסט און וויסט; ביים בעל־הבית האָט מען אָנגענומען אין פּאָראויס... און, אַז אין אבענד האָט זי זיך געקלאָגט, אַז עס איז גע־קומען כאָטש צו ענטלויפען, האָט שמעון צוגערופען לייבקען מיט הירשקען מיט אַ לוסטיגען שמייכעל אויף די ליפּען און מיט אַ וועה־טאָג, נאַטירליך, אין האַרצען:

„קומט, חברה, מיר וועלען זיך נעמען צו דער לעהרע. איך וועל אייך מאַכען פאַר אַקטיאָרען. לייבקע וועט זיין „המן“ און הירש־קע — איין עהרליכער יוד, מרדכי הצדיק.“

און גיטעל האָט מעהר נישט ווי אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּף און זודיגע טרערען האָבען איהר געבריהט די באַקען.

שמעון האָט אָנגעהויבען צו לערנען לייבקען מיט הירשקען

זייערע ראַליען און נישט אויפגעהערט צו וויצלען. ער האָט נישט געטראַכט און נישט געוואָלט טראַכטען וועגען שפּעטער. ער האָט געטריבען פון זיך די מחשבות. ער איז, דאַכט זיך, פּערנומען געווע־זען מיט דעם אויסלערנען די קינדער זייערע ראַליען. ער האָט עפּיס ווי געוואָלט ארויסווייזען זיינע קענטניס, בעווייזען, אַז אַפּילו א פּורים־שפּיעלער איז ער אויך נישט ווי אַלע. ער האָט כמעט אַליין פּערפּאַסט דאָס גאַנצע ישפּיעל מיט אַלע רעד. דאָס האָט ער געוואָלט איבערשרייען, איינגעמען דאָס הארצ׳שטעכעניס, דעם או־מעט, וועלכער האָט איהם געדריקט ביז טרערען.

דער עלף־יעהריגער לייבקע, וואָס אָנשטאָט אין גימנאַזיום האָט זיך געלערנט ביי א בלעכער, האָט געפּיהלט די עלטערנס לאַגע, גע־וואוסט, צוליעב וואָס ער ווערט א „המן“ און געלערענט זיין ראָליע מיט א האַלבען מויל, ווי געצווּנגען. און דער זיעבעניעהריגער הדר־איינגעל הערשקע האָט זי געלערענט מיט חשק און א גאַנצען אסתר־תענית קיין רוה נישט געגעבען, שרייענדיג און זינגענדיג דאָס, וואָס ער האָט געדאַרפט רעדען.

גיטעל האָט געמאַכט פון א ראַגזשע דריי בערד מיט וואָנצען און געוויינט, געיאָמערט, געקלאָגט...

צו האָט נאָך ווער אַזוי פיעל געוויינט, וויפיעל גיטעל אין דער דאָזיגער נאַכט פון פּורים? אפילו ישמעון, וואָס האָט זיך אַלץ געוויי־צעלט, געמאַכט קוראַזש, האָט נישט אויסגעהאַלטען זיין ראָליע און פּערלאָרען א פּאָר טרערען. ער האָט זיך אַליין דערשראָקען פאַר זיי, אויף גיך אָבגעווישט און וויעדער געוויצעלט, און לייבקע האָט זיך פּעררוקט אין א ווינקעל, אָנגערוקט די ברעמען און שטיל גע־וויינט, קוקענדיג פון אונטער די ברעמען אויף די עלטערן. הירשקע־מרדכי האָט נישט פערשטאַנען דעם געוויין און איז געוועזען פּערנו־מען מיט זיין באָרד און וואָנצען. ער האָט געוואָלט לאַכען, מאַכען איין ערנסט געזיכט און אָנהעבען צו טענ׳ען מרדכי׳ס רעד. מיט אַ פּערזאָרגטען בליק האָט ער געקוקט אויף די עלטערן, אויף לייבקען

און לסוף צוגעזעצט זיך צו לייבקען פעראומערט, געצופּט זיך דעם באָרד און טרערען האָבען זיך בעוויזען אין זיינע שוואַרצע אויגען אונטער זיינע גרויסע שוואַרצע ברעמען. און די צוויי מיידלעך האָבען זיך פריער שטאַרק פעראינטערעסירט מיט דעם איבערטון זיך אין די בערד מיט די וואָנצען און געוואָלט שוין אָנהעבען צו פּאַטשען אין די הענטלעך; נור, אז די מאַמע האָט אויסגעבראָכען אין אַ ביטערען יאָמער, האָבען זיי אָבגעלאָזען די הענטלעך, קשה'־דיג, פערוואונדערט בעטראַכט די מאַמען און, אַז ביי דעם טאַטען האָבען זיך טרערען בעוויזען, האָבען זיי זיך צושריען אין אַ ביטערען יאָמער. די שטוב איז אָנגעפילט געוואָרען מיט געוויין.

ניטעל האָט שוין געוואָלט צורייסען די בערד — און עס מאָג זיך זיין, וואָס עס וויל! נור שמעון האָט זי נישט דערלאָזען און גלייך אויף דעם האָט איהם שטאַרק פערדראָסען, פאר וואָס האָט ער זי נישט דערלאָזען צורייסען די בערד און — אַ מעשה מיט אַ סוף! ביי איהם אַליין האָבען זיך די הענד נישט אויפגעהויבען. ער האָט אָנגעהויבען צו פיהלען, אַז ער איז „אָהן אַ הארץ“, אַז ער קאָן אַ וואָרט נישט ארויסרעדען און גענומען זיך צום בראַנפען, וואָס ער האָט געקויפט לכבוד פורים.

„עט, נישט־קשה,“ האָט ער קוים געשמייכעלט. „לאָ'מיר מאַכען „לחיים!“ עס וועט אַלץ רעכט זיין. וואָס ארט דיך, גיטעל!“

ער האָט געשווינד איבערגעקערט אין זיך אַ גלעזעל.

„דו וועסט נעמען אַ ביסעל?“ האָט ער זי געפרעגט, פאָרלעגענ־דיג איהר דאָס גלעזעל. „נאַ, מאַך „לחיים!“... גאַניץ גוט!...“

„עס איז אזוי אויך ביטער.“ זי האָט אָבגעשטופּט זיין האַנד.

„חברה פּאַטש! המן! מרדכי! אהערצו קומט! נאַט, מאַכט „לחיים“ און גענוג צו וויינען,“ האָט ער זיך געווענדעט צו די אינג־לעך. נור די קינדער האָבען זיך נישט געריהרט פון אָרט.

„טרינקט איהר נישט, טרינק איך אויס,“ האָט ער געשמיי־כעלט, צופריעדען פון דעם, וואָס עס האָט זיך איהם געמאַכט איין אויסרעד אויף אויסצוטרינקען נאָך אַ ביסעל בראַנפען.

„אחשורוש דאַרף זיין שיכור,“ האָט ער געלאַכט צו גיטלען פיה־

לענדיג, אז ער וואָלט מיט פערגניגען אויסגעטרונקען נאָך. ער האָט זיך גענומען פאַר דאָס פלעשעל, נור גיטעל האָט עס ביי איהם אַרויסגעכאַפּט פון האַנד.

„ביזט דאָך שוין אַ וואַהרער פורים־שפּיעלער!“ האָט זי מיט עקעל און פערצווייפלונג אויסגעשריען.

„פערשטעהסט...“ האָט ער געשטאַמעלט מיט אַ פערשולדיגטער מינע, אַרומאַרמענדיג זי, „אחשורוש׳ן שפּילען מוז מען זיין שיכור... אחשורוש דאַרף דאָך זיין שיכור... אברהם ברוך קאַפּלאַן וועט געבען אַ דריי־רובעלדיגע... אַ הו!“ האָט ער אויסגעשריען מיט אַ ווייבער־שען קול און אַ מאַך געטאָן אין דער הויך מיט דער האַנד.

גיטעל האָט שוין ווייטער געוואָלט אַראָבריסען ביי איהם דעם פאַלשען באָרד. נור ער האָט זי צבגעשטופּט.

„איך קעניג אחשורוש, דער מלך פון הודו ועד כוש...“ האָט ער גענומען זינגען מיט׳ן נגון פון די פּורים־שפּיעלער. — „נו, חברה, פּראַווים פּליעציאָם ופעריאָד, שאַגאָם מאַרש!“ האָט ער אויסגעקאָ־מאַנדירט צו „מרדכי׳ן“ מיט „המן׳ען“, אַרויפכאַפּענדיג אויף זיך דעם אויבערמאַנטעל, און איז שנעל אַוועק. די קינדער פּאַראַוים.

גיטעל האָט זיך געכאַפּט מיטביידע הענד פאַר דאָס האָר און אַ וואָרף געטאָן זיך מיט אַ גייעם אָמער אויפ׳ן הילצערן זיטץ־בע־טעל. ער האָט געהערט איהר געשריי. אין האַרץ האָט זיך איהם ווי אָבגעריסען. ער האָט שוין געוואָלט אומקערען זיך צוריק; לייבקע מיט הירשקען האָבען אויף איהם אַ קוק געטאָן קשה׳דיג, צו זאָלען זיי געהן ווייטער אָדער אומקעהרען זיך. ער האָט פערצווייפעלט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנד און אַוועק זיין וועג; ביידע קינדער — נאָך איהם. לייבקע האָט נור שווער אָבגעזיפצט, און הירשקע האָט אַ קוק געטאָן אויף איהם פון אונטער דער שטערן.

די נאַכט איז געוועזען אַ ליכטיגע און אַ פראָסטיגע. עס האָט געבלאָזען אַ ווינטער־ווינד. פון די הייזער האָבען זיך געטראָגען אי־בער׳ן געסעל הילכיגע, פרעהליכע געזאַנגען. מענשען זיינען אין גע־

סעל געווען וועניג. עס זיינען נור אומגעלאָפען הין און צוריק שלח־מנות טרעגער, פורים־שפּיעלער און נדבות־קלייבער.

דער ווינד האָט געבראַכט שמעון'ען צו זיך; דאָס ביסעל בראַנפען האָט זיך אין גאַנצען אויסגעוועבט. אויפ'ן הארצען איז איהם ערשט רעכט שווער געוואָרען, גלייך א וואָרם וואָלט געגאָגט. זודיגע טרערען האָבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען. ער האָט שוין געהאַט בדעה אומקערען זיך צוריק, נור ער איז געלאָפען פאָראויס. ער האָט זיך עפּיס ווי ארויסגע'גנב'עט פון זיין געסעל; ער האָט מורא געהאַט, מען זאָל איהם נישט דערקענען, כאָטש דער פאַלשער, לאַנגער, רויטער באָרד מיט די לאַנגע, רויטע וואָנצעס האָבען שטאַרק פערענדערט זיין געזיכט. אָט געהט דער שמש פון שול, און אין שמעונ'ען שטאַרבט אָב יעדער אבר. דער שמש איז פאַרביי־געגאַנגען, איינגעקוקט זיך און נישט דערקאָנט. שמעון איז געוואָרען פרעהליכער, מוטיגער. פון דעסטוועגען האָט ער זיך בע־שלאָסען אריינצוגעהן אין אזעלכע הייזער, וואו מען קען איהם נישט.

ביי דער ערשטער טיר, וועלכע ער האָט געדאַרפט אויפעפענען, האָט איהם געקלאַפּט דאָס הארץ ווי ביי א גנב. נור ער איז אריין. ליבקע־המן האָט גלייך אָנגעהויבען צו טענ'ען, נור מען האָט איהם איבערגעריסען. מען האָט אריינגעשפּאַרט שמעונ'ען פונפצעהן קאָ־פּיקעס אין האַנד און געבעטען „געהן געזונדערהייט". ער האָט איינגעדריקט די מטבע אין האַנד און געשווינד אַרויס. ער איז גע־ווען ווי א צומישטער. די מטבע האָט איהם געברענט די האַנד.

„יעטצט וועט שוין קומען דער קרעמערין דריי רובעל פינף און זעכציג קאָפּיקעס," איז איהם דורכגעפלויגען אין קאָפּ און ער האָט אראָבגעלאָזען די מטבע אין קעשענע, „און די בעקערין... און דער קצב... יום טוב... פוסטע ווענד..." ער האָט עס געפיהלט אין גאַנ־צען קערפּער און איינגעקאָרטשעט זיך.

אין צווייטען הויז האָט זיך איבערגעחזרט, וואָס אין ערשטען; נור ער איז ארויס פון דאָרטין מיט פינף און צוואַנציג קאָפּיקעס און הירשקע מיט א שטיקעל טאָרט. ליבקע האָט זיך אָבגעזאָגט פון צו נעמען.

„נאָך ווענינער,“ האָט זיך איהם געטראַכט. זיין קוק איז גע־פאַלען אויפ׳ן טאָרט אין הירשקע׳ס האַנד. שמעון האָט דערפיהלט, אַז דאָס איז איין איבריגע נדבה, און אַרויסגעריסען ביי הירשקען דעם טאָרט און אוועקגעוואָרפען.

ליבקע האָט געגעבען הירשקען אַ זעץ אין זייט, דער טאַטע זאָל נישט בעמערקען.

„דו זאָלסט גאָר נישט נעמען, אַז מען וועט דיר געבען,“ האָט ער שטיל און שטרענג געזאָגט. הירשקע איז ברגז געוואָרען און אָנגעבלאָזען זיך.

שמעון האָט דערהערט ליבקעס ווערטער. עס האָט זיך איהם געוואָלט מיט אַ קוס אָבדאַנקען דעם קלוגען קינד; אין האַרצען איז איהם אַזוי וואַרם געוואָרען פון ליעבע. נור ער איז געגאַנגען פאַר־אויס מיט שנעלע טריט. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך מיט איהם. ער האָט געפיהלט, אַז ער טאָר נישט אומגעהן, אַז ער ציהט אויף זיך אָן איין איבריגען פלעק, אַז ער קלייבט נדבות, אַז ער דאַרף אויך נישט נעמען, ווען מען גיט איהם. בושה, מורא, פער־צווייפלונג האָבען זיך איהם געמישט אין מח, געדריקט דאָס האַרץ. נור ער איז געגאַנגען, געגאַנגען. ער האָט עפּיס נישט געוואוסט, ווי העבט מען אָן צו קלערען. ער האָט נור עפּיס געפיהלט, און שרעק־ליך זיינען געוועזען די געפיהלען. עפּיס האָט איהם געטריבען פון הויף צו הויף, פון שטוב צו שטוב — און גרויזאַם איז געוועזען דאָס טרייבען. ער האָט אין גיכען פערלאָרען דעם חשבון פון דעם געלד, וואָס האָט געקלונגען ביי איהם אין קעשענע און געבריהט איהם דעם פוס. ער האָט נור געפיהלט, אַז עפּיס ווערט ווענינער. ער האָט אפילו פערגעסען, וואָס ווערט ווענינער.

אין עטליכע הייזער האָט ער געמוזט שפּיעלען, רעדען, ברעכען זיך. ער האָט געמוזט אָנטון זיך אַ שרעקליכען כח צו גערענקען, וואָס ער דאַרף רעדען, צו פערשטעהן, וואָס עס רעדען איהם „המן“ מיט „מרדכי׳ן“. ער האָט זיך טאַקי מאוס געפּלאָנטעט, גערערט אויס׳ן וועג.

„טאַטע, איך קאָן שוין נישט געהן,“ האָט איהם הירשקע אָנגע־כאַפּט פאר דער פּאָלע נאָך אַ לאַנגער צייט ארומלויפען.

ער האָט זיך אָבגעשטעלט, בעטראַכט דעם זוהן און איז געקו־מען צו זיך. ער האָט דערפיהלט, אז ער איז אויך שרעקליך מיד. ער וואָלט זיך מיט פערגניגען לעגען שלאָפען. ער האָט אַראָבגענו־מען דאָס היטעל: ער איז פערגאָסען געוועזען מיט שוויים. דער ווינד האָט איהם ווידער אָבגעקיהלט דעם קאָפּף. צו זאָל ער געהן אַ היים אָדער געהן ווייטער? די האַנד האָט זיך איהם געוועזען אראָבגעלאָזען אין קעשענע — ער האָט געוואָלט ארויסנעמען פון דאָרטין דאָס געלד און איבערצעהלען. נור ער האָט זיך דאָס געשעמט צו טון; ער האָט מורא געהאַט פאר דאָס געלד. ער האָט טיעף און שווער אָבגעקרעכצט און אַ קער געטאָן זיך צו געהן אַ היים. נור ער האָט זיך אָבגעשטעלט און געמאַכט צוריק אַ בעוועגונג. ער דארף זיין נאָך אין איין אָרט, ער האָט אָבער פערגעסען, וואו. ער קנויטשט אָן די שטערן. „אברהם ברוך קאַפּלאַן,“ דערמאָנט ער זיך. ער דער־פיהלט דעם טעם פון אַ דרייער׳ל, דאָרטין וועט מען אפשר נאָך דארפען פערברייננגען, הוליען. נור ער קאָן נישט בעקלערען. ער וויים נישט, וואָס עס וועט זיין. ער פיהלט נור דאָס דרייער׳ל.

„מיר וועלען אַריינגעהן נאָך אין איין אָרט און גאָר,“ האָט ער זיך געווענדעט צו די קינדער, „יענמאָלט וועלען מיר געהן אַ היים.“

ער איז געשווינד אוועק צו אברהם ברוך קאַפּלאַן.

פרעהליך איז געוועזען ביי אברהם־ברוך קאַפּלאַן. דער רעש פון די געזענג, טענץ און לעבעדיגע געשרייען האָט דערגרייכט וויים אין גאַס. שמעון האָט געפונען ביי איהם אַ גרויסען עולם; צווישען זיי זיינען שוין געוועזען איניגע פּורים־שפּיעלער.

אין מיטען צימער איז אומגעשפּרונגען און געזונגען מיט „בע־נומענע“ קולות און געלאַכט אַ קרייז פון מענשען, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען איינער דעם אַנדערן פאַר די הענד, און אין מיטען קרייז האָט זיך עמיץ געקויקעלט, געטאַנצט אויף די הענד, געהויבען די פיס

צו דער נאָז, געטאַנצט זיטצענדיג, ועקלאַפּט מיט די פּיאַטעס אין די ווייכע טיילען, געשפּרונגען ביז'ן באַלקען און געפּויזעט אויף ד'ר'ערד. קאַפּלאַן, א דיקער יוד, פון מיטעלען וואוקס, פון א יאָהר איינינגע און פונפציג, איז געזעסען אויבען־אָן ביי אַ לאַנגען טיש, אַ צוגעגרייטען מיט „כל־טוב", מיט די עדעלע געסט ארום זיך, און געקאָמאַנדירט: „פּרעהליכער, לעבעדיגער!... האָפּאַ, האָפּאַ!... אויף די הענד, אויף די הענד!.. אזוי, אזוי!... פּרעהליכער! לעבעדיגער!... טים־בים־בים־בים!... אַ שפּרונג!... פּרעהליכער!... מאַלאַדיעץ!..."

דאָס לעצטע וואָרט האָט ער אַרויסגערעדט, ווען דער טענצער אין קרייז האָט זיך אָבגעשטעלט און שווער אַרויסגעלאָזען דעם אָטעם. דער טענצער איז געוועזען פּערגאָסען מיט שווייס.

„נו, יעטצט געה, נעם אַ ביסעל בראַנפען," האָט איהם געזאָגט קאַפּלאַן.

דער קרייז האָט זיך צולאָזען, דער טענצער איז צו צום טיש. שמעון האָט דערקאָנט אין איהם יחיאל'ן. ער האָט זיך דערשראָקען און געוואָלט ענטלויפען. נור אין דער מינוט האָט איהם קאַפּלאַן בעמערקט.

„וואָס שטעהסטו אין טיר? אַריין!" האָט יענער אויסגעשריען צו שמעונ'ען.

די איבריגע פּורים־שפּיעלער האָבען זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַ ברייטען „גוט יום־טוב!" צו שמעונ'ען מיט די קינדער, ארומגערינגעלט זיי און געשטופּט צום טיש.

„דו אחשורוש, דו מלך, דו טפּש!..." האָט איהם געזונגען יחיאל, נישט דערקענענדיג איהם. יחיאל איז שוין געוועזען היבש מלא.

„שטעה דו, קריך נישט!" האָט אברהם ברוך געקאָמאַנדירט צו יחיאל'ן. „אַ פריער דאַרף ער קידוש מאַכען, דערנאָך... נו. גיס איהם אָן."

יחיאל האָט אָנגעגאָסען אַ גרויסען בעכער. שמעון האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טון. ער וואָלט ענטפערען, אז ער טרינקט נישט, נור ער האָט מורא צו רעדען, יחיאל זאָל איהם נישט דערקענען

נאַכ'ן קול. ער האָט גענומען דעם בעכער, ארויסגערעדט שטיל „לחיים!" און אָבגעטרונקען א ביסעל.

„וואָס איז דאָס? הא?" האָט אויסגעשריען קאַפּלאַן. „ביי מיר טרינקט מען אויס אין גאַנצען!... אין גאַנצען טרינקט מען ביי מיר אויס!... אַז נישט קערט מען אריין מיט געוואַלט און מען גיט האַלז־און־נאַקען."

שמעון האָט נאַריש געשמייכעלט. איהם איז געוועזען שרעק־ליך אומעטיג; אין האַלז איז איהם געוועזען וואַרם און אין די אויגען האָט איהם געברענט. ער וואָלט עפּיס געזאָגט; ער וואָלט געוויי־צעלט; ער וואָלט זאָגען: „היינט איז פּורים, מאָרגען אוים, גיט אַ נדבה און טרייבט אַרוים!"... נור ער קאָן נישט רעדען. ער האָט ווי א תם אויסגע'שטרעקט די האַנד צום בעכער, מיט א מאָל אַריינגע־קעהרט איהם אין זיך און... צואוויינט זיך. אַזוי וויינט דאָס אומ־גליק אַליין. אַלע זיינען עפּיס אָבהענגדיג געוואָרען. די קינדער האָ־בען זיך אויך צואוויינט.

„וואָס איז דאָס, הא? וואָס איז דאָס?"... האָט אברהם ברוך געשטאַמעלט. „וואָס איז דאָס פאַר א וויינען? פּע!... וואָס פעהלט דיר, וואָס? איך האָב פיינד אַזעלכע זאַכען!..."

מען האָט איהם אַרומגערינגעלט. מען איז געוועזען נייגיעריג צו וויסען, ווער איז דער וויינער און פאַר וואָס ער וויינט; און איי־נער האָט איהם אַראָבגעשלעפּט דעם באָרד.

„שמעון!" האָבען אויף א מאָל אויסגעשריען עטליכע פון די פּורים־שפּיעלער. ער האָט זיך דערשראָקען פאַר זיין נאָמען; די פּים האָבען זיך איהם אונטערגעבויגען. נור ער האָט זיך אַ ריס גע־טאָן צו דער טיר, א וואָרף געטאָן דעם, וואָס איז געשטאַנען הינטער איהם, און איז ענטלאָפען. די קיודער נאָך איהם.

ער איז געלאָפען, געלאָפען. אַ היים, נאַטירליך; נור ער וואָלט וועלען, אז די היים זאָל זיין וואָס ווייטער. אין קאָפּ האָט איהם געברענט. פערפאַלען! יעטצט וועט שוין דערוויסען גאַנץ שטאָדט,

אז ער איז געגאנגען אין פּורים־שפּיעלער. איהם האָט זיך געדאַכט, אז מען וויים שוין. ער האָט זיך געשעמט אויפצוהעבען דעם קאָפּף, טאָמער בעגעגענט איהם ווער. ווי וועט ער גאָר קאָנען רע־דען מיט א מענשען? און גיטעל! וואָס וועט זאָגען גיטעל? ניין, ער וועט איהר יעטצט קיין מעשׂות נישט דערצעהלען.

„קינדער, איהר זאָלט אין דער היים גאָר נישט דערצעהלען," האָט ער זיך אָבגעשטעלט און געווענדעט צו די קינדער, וואָס זיינען איהם נאָכגעלאָפען און געכליפּעט. „הערט איהר, וואָס איך זאָג אייך. נו, און הערט אויף צו וויינען."

ער האָט אַרויסגענומען דאָס נאָז־טיכעל און אָבגעווישט די קינ־דערשע פּנים׳ער. דערנאָך האָט ער זיך געלאָזען געהן שוין נישט אזוי גיך, נור די קינדער כליפּען נאָך.

„הערט אויף, זאָג איך אייך!" שרייט ער אוים בייז און פּיהלט, אז ער וואָלט זיך עפּים מחיה געווען, ווען ער וואָלט זיי יעטצט גוט אָנגעשלאָגען. די קינדער האַלטען איין א ווייל דעם אָטעם, נור באַלד העבען זיי אָן ווייטער צו כליפּען. ער האַלט איין דעם כעס; ער פערשטעהט, אז מיט בייזקייט וועט ער דאָ גאָר נישט מאַ־כען, מען דארף זיי מיט עפּים פערנעמען.

„נו, שפּרינגצער־המן, וואָס האָסט דו צו־וויינען, איבער א יאָהר וועלען מיר בעסער מאַכען."

ער דערשרעקט זיך אַליין פאַר די לעצטע ווערטער. „זאָל גאָט אויסהיטען," טראַכט ער.

„איבער א יאָהר וועל איך נישט געהן," ענטפּערט „המן".

„נישט געהן," כאַפּט אונטער הירשקע.

שמעון ווערט פרעהליכער. עס דאַכט זיך איהם אוים, אז זיי זאָגען נביאות.

„איבער א יאָהר וועלען מיר טאַקי נישט דאַרפען געהן." ער נעמט זיי פאַר די הענטלעך. „אָט א גליטש! נו, אָ־אָ־אָ!..."

ער האָט זיך געגעבען א גליטש. די קינדער ווערען טאַקי מונ־טערער.

„איבער א יאָהר וועלען מיר אליין זיצען צו דער סעודה, ווי אלע מאָל,“ זאָגט לייבקע.

„מיט שלח־מנות,“ זאָגט אונטער הירשקע.

„מיט א ס־א־אַ־אַ־ך גוטע זאַכען,“ כאַפּט אונטער שמעון, ציה־ענדיג דאָס וואָרט „א סך“.

זיי זיינען צוגעגאַנגען צו דער היים.

„זעהט־זשע, איהר זאָלט למען השם גאָר נישט דערצעהלען אין דער היים,“ האָט ער זיי נאָך א מאָל אָנגעזאָגט.

ער האָט ביי זיי אראָבגענומען די בערד, צוריסען זיי און אוועק־געוואָרפען. דערנאָך זיינען זיי אריין אין שטוב.

אין שטוב איז געוועזען... ליכטיג, צוגעקליבען, יום־טוב'דיג. גיטעל מיט דער עלטערער נייען־יעהריגער טאָכטער זיינען געוועזען אויסגעוואשען, פערבאָרשטען און איבערגעטאָן אין די שבת'דיגע קליידלעך... אויפ'ן טיש איז געשטאַנען דער צינערנער טאַץ מיט גלעזער צום טיי טרינקען.

א צייט נאָך זיין אוועקגעהן האָט גיטעל געקלאָגט, געריסען פון זיך דאָס האָר און געבראָכען די הענד. נור שפּעטער א ביסעל איז זי געקומען צו זיך. זי האָט זיך דערשראָקען, עס זאָל ווער נישט אריינקומען, אָנהעבען קשיות צו פערגעבען און אפשר נאָך שטויסען זיך ,פערשטעהן, וואָס דאָ קומט פאָר. מען דאַרף זיך מאַכען פרעה־ליך, ליכטיג אין שטוב און אָנגרייטען א תירוץ, אויב עמיץ וועט פרעגען, וואו איז שמעון. נור גלייך איז ביי איהר געבליעבען מאַכען פינסטער אין שטוב, פערשליסען זיך און קיינעם נישט אויפעפענען. זי האָט עס טאַקי געטאָן.

זי האָט זיך אריינגעלעגט אין דאָס הארטע בעט, געבליפּעט און שווערע, טרויעריגע, פינסטערע געדאַנקען האָבען זיך איהר ארומ־געדרעהט אין קאָפּף. זי איז אָבגעלעגען א צייט און פּלוצלינג אויפ־געשפּרונגען פון בעט, האָט אָנגעצונדען פייער און גענומען מאַכען יום־טוב'דיג. אין איהרע שיינע אויגען האָט אויפגעבליטצט א

פייערל. זי האָט געאַרבייט מיט היטץ, מיט חשק. דאָס האָט זי אויפגעהויבען דער געדאַנק, אַז עס איז אַ גרויסע רחמנות אויף שמעון'ען, אַז מען דאַרף איהם אונטערהאַלטען, טרייסטען, ער זאָל ביי זיך נישט אַראָבפאַלען.

און זי האָט זיך געמאַכט יום־טוב־דיג און דאָס עלטערע טאָכ־טער'ל, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט. נור דאָס האַרץ....

„גוט יום טוב!" האָט זי אויסגעשריען, אַז ער איז אריין אין שטוב. איהר קול האָט אַ ציטער געטאָן, נור זי האָט זיך גע־שטאַרקט. זי האָט זיך איינגעקוקט אין איהם: ווי זעהט ער אויס? וואָס קומט אין איהם פאַר?

שמעון האָט זיינע אויגען נישט געגלויבט. ער האָט זיך גע־ריכט, אַז אין שטוב וועט זיין פינסטער, גיטעל מיט די קינדער פער־קלאָגט — אַ פאַלקאָמענער תשעה־באב! און פלוצלינג בעגעגענט מען איהם מיט אַ ברייטען „גוט יום־טוב!" — נור דערפון איז איהם נאָך שווערער געוואָרען. ער האָט געפיהלט, וואָס עס טוט זיך ביי איהר אין הארצען; זיין אויער האָט געכאַפּט איהר ציטערנדיגען טאָן. זי וואָלט וויינען, וואָלט איהם אַ סך לייכטער געוועזען. ער וואָלט זיך יענמאָלט אויך אויסגעוויינט. נור ער מאַכט זיך אויך האַרץ.

„אָט אזוי ביזטו אַ מענש," זאָגט ער צו איהר מיט ליעבע.

„וואָס דען?" שמייכעלט זי, נור זי האָט מורא אַ סך צו רעדען, זי זאָל זיך נישט צו וויינען.

„ועסט טרינקען טיי?" פרעגט זי.

„אָ, יאָ," ענטפערט ער אָבגעהאַקט. ער האָט אויך מורא אַ סך צו רעדען.

זי געהט צום אויווען ארויסצונעמען דאָס הייסע וואַסער, ביידע שווייגען; זיי האָבען מורא פאַר דאָס געשפּרעך, וואָס דאַרף ביי זיי פאָרקומען. גיטעל וואָלט וועלען אָננעמען אין זיך אַ סך לופט, זי זאָל קאָנען עפּיס פרייער רעדען.

„אָט וועלען מיר טרינקען טיי, וועט ביי אונז זיין פּורים", רעדט זי פרעהליך, אָנגיעסענדיג די גלעזער.

זיי נעמען זיך פלייסיג צום טיי־טרינקען. דערווייל וועט מען דאָך שווייגען...

„אַ־אַ־אַ!“ קרעכצט אָב פּרעהליך שמעון, ווי ער וואָלט זיך דער־קוויקט מיט'ן טיי, און קוקט פריינדליך אויף גיטלען, אויף די קינ־דער. הירשקע און דאָס מיידעלע האָבען אַוועקגעלעגט די קעפּלעך אויף די הענד אויפ'ן טיש און איינגעשלאָפען. לייבקע זיטצט אָנ־גערוקטערהייט און קוקט פערזומערט אויף די עלטערן.

„דוואָשע וועט מיר געבען א היים פּאַרוקען מאַכען,“ פאַלט איין גיטלען צו נאַרען איהם.

„ווען איז זי דאָ געוועזען?“ פרעגט ער און קוקט זי אָן מיט חשד.

„דאָ איז געוועזען פרומע, וואָס אַרבייט ביי איהר.“

„וואָס איז דוואָשע מיט א מאָל גוט געוואָרען?“

„זי האָט איטצטער מאַסען אַרבייט. זעהסט, האַ, דאַרף מען זאָרגען? איך וואָלט וויסען פריער, וואָלסט דו היינט נישט געגאַנ־גען,“ שטעלט זי זיך ענדליך אונטער פּאַרבייגעהענדיג צו דערמאָ־נען וועגען דאָס אַרומגעהן אין פּורים־שפּילער.

„וואָס איז, וואָס?“ שמייכעלט ער. „ערשטענס, מיט וואָס איז פּורים־שפּיעלעריי קיין אַרבייט נישט? צווייטענס... אָט זעה, וואָס איך האָב פערדיענט!...“ ער האָט גע'שווינד אַרויסגעשיט פון קעשענע דאָס געלד, וואָס האָט איהם שוין לאַנג דעם פּוס געבריהט. ער איז געוועזען זעהר צופריעדען פון דעם, וואָס זי האָט דערמאָנט וועגען דאָס אַרומגעהן; ער אליין האָט זיך עפּיס נישט געפונען. זי האָט זיך דערשראָקען פאַר דאָס געלד און איז בלייך געוואָרען. נור ווי מאַכט זיך הארץ און גיט נישט צו בעמערקען איהר שרעק.

„אַ סך?“ פרעגט זי און שמייכעלט קוים.

„איך ווייס אליין נישט... אַ סך, דאַכט זיך...“

זי וויל מאַכען קוראַזש, בעווייזען, אז איהר אַרען נישט די נדבות.

„וועלען מיר גלייך איבערצעהלען,“ זאָגט זי לוסטיג און נעמט זיך צום געלד.

עס הערען זיך טרערען אין איהר קול, דאָס געלד ברענט איהר די האַנד, נור זי צעהלט.

„פיער רובעל דרייסיג קאָפּיקעס — א חוב אָבגעפּטרט!" רעדט זי פרעהליך.

„זעהסט, הא ?" זאָגט ער קוים ארויס.

נור זי האלט נישט אוים מעהר און צו־וויינט זיך. ער דער־שרעקט זיך; ער וויל זי טרייסטען, נור ער געפינט קיין ווערטער נישט. ער בעשליעסט זיך אפילו דערפילען דאָס מאָס — און דער־וויילע וועט ער אראָבוואַרפען ביי ז׳ך א שטיין פון הארצען.

„ביי אברהם ברוך קאַפּלאַן האָט מען מיך דערקאָנט," שטאַ־מעלט ער פערצווייפעלט. „יחיאל געוועזן... יאָשע... משה בער... די באָרד אראָבגעריסען.."

און שטאַרקער און הערצרייסענדער איז געוואָרען איהר געוויין. ער האָט געקוקט בייז אויף דאָס געלד. ער וואָלט, דאַכט זיך, נעמען עס און ארויסוואַרפען. נור... ער האָט דאָס נישט געטאָן.

אויף מאָרגען האָט ער עפּיס ווי מורא געהאַט צו געהן אין ווערק־שטאַט. ווי וועט ער קוקען גלייך אין די אויגען ? ווי וועט ער גאָר קאָנען אויפעפענען דאָס מויל ? נור ער מאַכט זיך הארץ. וואָס האָט ער מורא צו האָבען ? ער האָט עפּיס גע׳גנב׳עט ? וועלען זיי לאַכען פון איהם, אָבער מעהר דאָך גאָר נישט ! דאָך ווילט זיך איהם, אז די שעה, ווען ער דאַרף געהן צו דער ארבייט, זאָל זיך אָברוקען וואָס ווייטער. נור זי איז שוין פאַראיבער און ער איילט נאָך נישט אוועק־געהן. ער דרעהט זיך אום איבער דער שטוב, זוכט עפּיס. ער וויל נישט ארויסווייזען גיטלען, וואָס אין איהם קומט פאָר, כאָטש זי פון איהר זייט פיהלט עס גאַנץ גוט. ענדליך שטאַרקט ער זיך : ער האָט נישט וואָס מורא צו האָבען ! — און אוועק צו דער ארבייט.

נור וואָס נעהנטער ער ווערט צו דער ווערקשטאַט, העבט ער אָן אליץ שוואַכער צו פיהלען זיך. עס שרעקט איהם דאָס ערשטע „ברוך־הבא !", עס שרעקט איהם יחיאל מיט זיינע רעד. ער דערמאָנט

זיך, אז ווען נעכטען פאר'ן אוועקגעהן האָט ער אויסגעטרונקען אַ ביסעל בראָנפען, האָט ער זיך אָנגעהויבען פיהלען שטאַרקער און מוטיגער. ער וואַרפט איין אויג אויף די שיינק, וואָס נעבען ווערק־שטאָט. ער פיהלט, אז פון דעם בראָנפען וועט איהם ווערען וואַר־מער. נור גלייך האָט ער זיך דערשראָקען פאר'ן געדאַנק — מעהר פאַסט איהם שוין נישט: אָנהעבען נאָך שכור'ען! דאָס גיט איהם צו כח, ער מאַכט מיט דער האַנד און געהט אַריין אין ווערקשטאַט.

„ברוך הבא, אחשורוש!“ האָבען די אַרבייטער איהם מקבל פנים געווען.

„האָסט עפּעס היבש אַריינגעכאַפּט?“ פרעגט איהם יחיאל, אָנ־העבענדיג מיט אַ מאָל צו „דו“צען איהם. „באָק, האָט זיך צו־ווײנט! ביי אברהם ברוך'ן וואָלסט דו געכאַפּט אַ גוטע מטבע! איך האָב אַרויסגעטראָגען מעהר ווי אַ רובעל! דער שוטה האָט זיך צוגאָסען, ע־ע־ע־ע!...“ האָט איהם יחיאל איבערגעמאַכט, ווי ער האָט זיך צו־ווײנט.

„ער האָט מסתמא געוויינט נאָך ושתי'ן,“ האָט איין אַרבייטער געוויצעלט.

שמעון'ען האָט זיך דאָס בלוט געוואָרפען אין פנים. ער האָט געביסען די ליפּען. ער האָט געוואָלט זיך קריגען. ער האָט געוואָלט וויינען.

„אז מען דאַרף ווערען אַ פורים־שפּיעלער, ווערט מען אַ פורים־שפּיעלער,“ האָט ער בייז אַרויסגערעדט.

„אויף דיר וואָלט מען זיך עס ניט געריכט,“ זאָגט איין אַר־בייטער.

„וואָלט מען זיך נישט געריכט!“

„אי, שמעון — אַ פורים־שפּיעלער!“ רייצט אונטער אַ צוויי־טער.

„נישט דיין זאַך.“

„אַריין, אַריין, שפּרינגצער המן דו מיין!...“ האָט אויסגעזונגען אַ יונגער אַרבייטער.

אויף שמעונ'ס געזיכט האָבען זיך געביטען אַלע פאַרבען;

ער האָט געוואָלט כאַפּען א שער, דאָס פּרעס אייזען און וואַרפען דעם ארבייטער אין קאָפּ. נור עס איז אריין דער בעל־הבית.

„צו דו ביזט נעכטען אַרומגעגאַנגען אין פּורים־שפּיעלער? יחיאל דערצעהלט עפּיס,“ האָט דער בעל הבית איהם געפרעגט.

„ער איז געוועזען אחשורוש,“ האָט געלאַכט איין ארבייטער.

„איהם האָט זיך פערוואָלט ווערען א מלך,“ האָט אונטערגע־כאַפּט נאָך איינער.

„מאוס, מאוס, איך וואָלט מיך עס אויף דיר נישט געריכט,“ האָט געזאָגט דער בעל־הבית. „דאָס פּאַסט פאר יחיאל׳ן, נישט פאר דיר.“

„וואָס פאר יחיאל׳ן? וואָס איז יחיאל?“ האָט זיך יחיאל אָנ־געכאַפּט. „יחיאל איז דען א גנב? א ליידאַק, א שאַרלאַטאַן איז יחיאל? וואָס — יחיאל? יחיאל איז מעהר נישט א קבצן! איך וואָלט נעכטען נישט אַרומגעגאַנגען אין פּורים־שפּיעלער, וואָלט איך נישט געהאַט אויף פּסח. אָט איז אייך יחיאל! וואָס — יחיאל?!... יחיאל!...“

„נו, נו, נו! דו ביזט א לייט!“ האָט איהם דער בעל הבית איבערגעריסען. אָבער וואָס איז דאָס טאַקי מיט דיר געוועזען שמעון?“

שמעון איז געזעסען ווי אויף נאָדלען און געפיהלט, אַז עס העבט זיך איהם דער מח. ער האָט זיך געמאַכט נישט הערענדיג דעם בעל־הבית׳ פראַגע.

דער בעל הבית האָט געשיקט נאָך „משקה“ לכבוד שושן־פּורים. שמעון האָט נישט געוואָלט טרינקען; ער האָט זיך בעשלאָסען פון היינט אָן און ווייטער נישט צושטעהן צו די ארבייטער, אויסווייכען זיי, ענטלויפען פון זיי, און, אַז מען האָט געבראַכט דאָס בראַנפען און גערופען איהם טרינקען, האָט ער זיך לכתחילה געמאַכט נישט הערענדיג, און פּלוצלינג דערשראָקען זיך פאר נייע שטעכווערט־לעך און גלייך דערפיהלט, אַז א ביסעל בראַנפען וועט איהם מונ־טערער מאַכען. עס האָט זיך איהם אָנגעהויבען צו דוכטען, אַז ער דאַרף און מוז טרינקען. ער האָט פערלאָרען די מעגליכקייט צו

פערבאנד
LIBRARY AND READING ROOM OF THE
Workers' Alliance

קלערען און געשווינד אויסגעטרונקען אייניגע גלעזלעך איינס נאָך דאָס אַנדערע. און באַלד האָט ער דערפיהלט, אז ער טוט נישט גוט, וואָס ער וויל ווערען שכור, אז דאָס איז א פערברעכען. עס איז איהם געוואָרען זעהר שווער אויפ'ן הארצען. ער האָט זיך צו־וויינט.

„זיי נישט קיין נאַר!“ האָבען איהם די אַרבייטער גערעדט, „וואָס פאַלסט דו ביי זיך אַזוי אַראָב? מיר לאַכען דאָך, נישט מעהר. און אז דו ביזט נעגאַנגען אין פורים־שפּיעלער, איז וואָס? אָט געהט דאָך יחיאל, משה בער, יאָשע!... מאַלע ווער עס געהט. נו, זיי נישט קיין נאַר און ראָווע נישט.“

ער האָט גאָר נישט געענטפערט. ער האָט נור געפיהלט, אז ער דאַרף ענדיגען דאָס, וואָס ער האָט אָנגעהויבען. ער האָט אַריינ־געגאָסען אין זיך נאָך א פּאָר גלעזלעך און אויפגעהערט צו וויינען. ער איז שכור געוואָרען. די אויגען האָבען זיך געקלעבט, די הענד זיי־נען געהאַנגען ווי די קלעטצער און די פיס האָבען זיך אָבגעזאָגט צו האַלטען איהם. אין קאָפּ האָט זיך איהם געמישט. ער וואָלט ווע־לען אויסגיעסען צו וועמען זיין ביטער האַרץ; ער וואָלט וועלען צו־שלאָגען זיך, רייסען, בייסען, שרייען. ער וואָלט וועלען קלאַפּען זיך „קאָפּ אָן דער וואַנד“. און פּלוצלינג פאַלט איהם איין גאָר ענטלויפען פון ווערקשטאַט. ער העבט זיך אויף פון זיין אָרט און געהט צו דער טיר.

„וואוהין געהסטו? לעג זיך בעסער שלאָפען,“ האַלט מען איהם אויף. נור ער געהט זיין וועג.

„מען דאַרף איהם נישט לאָזען,“ זאָגט איין אַרבייטער. יחיאל כאַפּט אָן שמעונ'ען פאַר דער האַנד.

„לאָזט מיך מיט גוטען!“ שרייט ער אויס מיט פערקוועטשטע ציין, רייסט אויס די האַנד ביי יחיאל'ן און געהט אַוועק.

„כאשר אבדתי, אבדתי,“ דרעהט זיך איהם אין שכור'ען קאָפּ, „וואָס שוין! איין אייביגער קבצן און א פורים־שפּיעלער. עט, פיו, אַלץ פיו!... לכל הפּחות שכור... און גיטעל! וואָס גיטעל?... איך האָב געמוזט טרינקען, אז נישט — א טויט אָדער משוגע ווע־

אידיש פון צימער לעז און ...
פערבאנד ...

רען!... און וואָס, אז שכור?... א קבצן איז שכור!... גערעכט יחיאל!... נו, בין איך א פורים־שפּיעלער -- און זאָל מען מיר עפּיס טון!... איך לאף פון אלעמען!..."

„שמעון נעהט און איז, דאכט זיך, גוט שכור," האָט ער דער־הערט הינטער זיך א ווייבערשען קול.

„און נעכטען איז ער ארומגעגאנגען אין פורים־שפּיעלער," האָט איין אנדער ווייבערישער קול אָבגעענטפערט.

אמת טאָקע? איך האָב עס אויך געהערט. א, צו וואָס אָרמ־קייט ברייגנט!" האָט געזאָגט די ערשטע שטימע.

„פון דעסטוועגען — זאָל מען נישט געפּרובט ווערען, רבונו של עולם — דארף מען אין אָרמקייט אויך זיין א מענש," האָט די צווייטע געענטפערט.

ער האָט זיך געוואָלט אָבשטעלען און ענטפערן זיי, נור ער האָט זיך איינגעהאלטען און אַוועק זיין וועג.

„פּליעוואַטיש!" האָט ער געמורמעלט פאַר זיך אויף רוסיש, — „איך שפּיי אויף אייך. ווסיע פּאָדליעצי!"

ער האָט זיך אפילו נישט אָבגעשטעלט נעבען טיר פון זיין דירה און איז דרייסט אַריין אין שטוב. „וואָס גיטעל!" האָט ער געטראַכט, — „וועט זי שרייען! עט, אלץ איינס! פּליעוואַטש, נאַ ווסיאָ פּליעוואַטש!..."

„אָי, מיין גאָט־ט־ט!" האָט גיטעל אויסגעשריען מיט שרעק און געכאַפּט זיך פאַר די האָר, אז ער איז אַריינגעפאלען אין שטוב. „מיין גאָט־ט־ט!... רבו־נו־של־עול־לם!... אָי, וועה איז מיר נישט געשעה־הען!... ער איז דאָך שכור!..."

ער האָט זיך שווער אַראָבגעלאָזען אויף דאָס זיטיז־בעטעל און אָנגעקנויטשט די שטערן. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אז ער וועט גלייך שטאַרבען...

„אָי, איך וועל מיר א מיתה משונה אָנטון!" האָט גיטעל גע־יאָמערט און געבראָכען די הענד. „אָי! אָי! רבו־נו־של־ל־ל־עול־לם!... איך וועל מיר א טויט מאַכען!... שמעון, ווי האָסט דו זיך

אזוי אַנגעשכורט! גאָט־טו־ניו: דאָס האָט נאָך אונז געפעהלט, אי!“

זי האָט אָנגעהויבען צו קלאַפּען זיך מיט די פויסטען אין קאָפּ. ער האָט זיך קוים אויפגעהויבען פון זיץ־בעטעל, איז צו צו גיטלען און אָנגענומען זי פאַר א האַנד.

„אָי, איך וועל דאָס נישט אריבערטראָגען!“ האָט זי געשריען און געריסען ביי איהם די האַנד.

„וויין נישט, גיטעל!“ האָט ער אָנגעהויבען צו שטאַמלען, „וויין נישט. . . עס איז אזוי ביטער!. . . . פערשטעהסט, איך האָב געמוזט טרינקען . . . דאָס לעבען דערעסען . . . אַלע האָבען פון מיר געלאַכט . . . פערשטעהסט. . . וואָס בין איך . . יחיאל איז שוין מיין גלייכען . . . עט, גיטעל! . . . איך האָב שוין פערשפּיעלט מיין וועלט! אוים שמעון! . . . נישטאָ שמעון! א פּורים־שפּיעלער — שמעון! . . . גיטעל, דו נישט וויין . . . איך וועל שטאַרבען . . . וואָס ארט דיך, גלויב מיר . . . איך וועל שטאַרבען . . . ראַזאַם קאָניעץ! . . .וויין נישט, גיטעל! . . . וויין נישט, גיטעל! . . . באַסטאַ! . . . פערשטעהסט, באַסטאַ! . . . וויין נישט . . .“

ער האָט אראָבגעלאָזען איהר האַנד, איז צוגעגאַנגען צום זיץ־בעטעל און אראָבגעלאָזען זיך מיט א הערץ־רייסענדען יאָמער. גיטעל אין איהר ווינקעל האָט אויך געוויינט היסטעריש. די קינדער האָבען אונטערגעהאָלפען, שרעקענדיג זיך פאַר דעם שכור'ען טאַטען.

שרעקליך האָט ער זיך געפיהלט, ווען ער האָט זיך אויסגעניכ־טערט. ער האָט גיטלען גלייך אין די אויגען נישט געקאָנט קוקען. ער האָט זיך געשעמט פאַר די קינדער, וועלכע האָבען זיך נאָך אַלץ געשראָקען פאַר איהם און געשטאַנען פון ווייטען. עס האָט איהם געברענט דער מאַרך. ער האָט מורא געהאַט א קוק צו טון אויף הינטען, אויף דעם נעכטיגען טאָג.

„רבונו של עולם !, עס פעהלט מיר מעהר נישט ! “ האָט ער מיט שרעק געטראַכט.

„גיטעל,“ האָט ער זיך געווענדט צום ווייב, וואָס איז פאר דער נאַכט עלטער געוואָרען אויף צעהן יאָהר, „גיטעל, דאָס איז איין ערשט און לעצט מאָל. אוי, רבונו של עולם, ווי האָט זיך דאָס גאָר מיט מיר געטראָפען !...“

גיטעל האָט אונגלויביג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. נור ער האָט זיך געגלויבט. איהם האָט זיך שטארק געוואָלט פערבעסערען זיך, בעקומען צוריק דעם נאָמען, וועלכען — ווי ער האָט געפיהלט — ער האָט פערלאָרען. ער האָט זיך געמאַכט הארץ. ער האָט זיך געשטאַרקט.

נור ביים ערשטען בעווייזען זיך אין גאַס, אין שול'כעל, אין ווערקשטאַט האָט ער זיך פערלאָרען. ער האָט מיט קיינעם נישט גע־קאָנט רעדען, קיינעם אין די אויגען נישט געקאָנט קוקען. עס האָט זיך איהם שוין געדאַכט, אז יעדער לאַכט פון איהם, אז יעדער קוקט אויף איהם ווי אויף אַ „בזוי“, אויף איין אייביג פעראַכטעטען און פערפלעקטען.

אַ גאַנצען טאָג איז ער געזעסען איינגעבויגען איבער זיין אַר־בייט, דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבען, מיט קיינעם נישט גערעדט און מלחמה געהאַלטען מיט זיך אַליין. ער האָט געוואָלט מונטערער ווערען, אויפלעבען, און איז אַלץ אוּמעטיגער געוואָרען.

„נאַר! שטיק גאָרנישט!“ בייזערט ער זיך אויף זיך אַליין. „ווי איך בין דאָס אראָבגעפאַלען ביי זיך ! ווי איך ווער דאָס פון אלץ נתפעל ! בהמה ! טריאפקע !... או־או־או !...“

ער העבט זיך אָן אויסצולעגען, אז ער האָט קיין פערברעכען נישט בעגאַנגען, אז ער קאָן בלייבען און איז געבליבען דער זעלבער שיינער מענש, וואָס פריער, און אין דער אייגענער צייט דרעהט זיך איהם ארום אין קאָפּ, אז ער איז שוין אַ פערפאַלענער, אַז ער וועט שוין נישט קומען צו קיין תקומה.

„שטאַרבען... שטאַרבען... אויפהיינגען זיך... היינגען...“ בע־

ווייזט זיך איהם ערגיץ אין מח. און עס שטעלט זיך איהם פאָר, ווי ער היינגט שוין מיט איין אַרויסגעשטעקטער צונג.

„אָנשכור'ען זיך... אומוואַרפען זיך שכור'ערהייט...“ שפּרינגט אויף אין איין אַנדער אָרט אין קאָפּף. און ער זעהט זיך שוין, ווי ער פאַלט פון די פיס.

עס דערמאָנט זיך איהם, אַז אין דער היים שטעהט נאָך ביי איהם בראַנפען פון פורים. אָט זעהט ער אפילו די פלאַש און ווי־פיעל בראַנפען אין איהר איז. עס העבט איהם אָן צו ציהען צום בראַנפען, און ער דערשרעקט זיך פאַר דאָס געפיהל. ער וויל צו־שלאָגען די רעיונות, נישט טראַכטען וועגען דאָס בראָנפען און הערט זיך צו, וואָס רעדט מען אין ווערקשטאַט, אָבער די פלאַש שטעהט איהם פאַר די אויגען. און עס ציהט, ציהט, ציהט מיט אַ שרעקלי־כען כח. עס דאַכט זיך איהם, אַז ער הערט אפילו דעם ריח פון דעם בראַנפען.

ביי נאַכט האָט ער מורא געהאַט צו געהן אַ היים. עס האָט איהם געשראָקען די פלאַש. ער וועט זיך נישט קאָנען איינהאַלטען און וועט זיך אָנשכור'ן... ער לאַכט אפילו פון זיך אליין און האָט דאָך מורא.

אין שטוב וויל ער נישט קוקען אויפ'ן שראַנק, וואו דאָס בראַנ־פען שטעהט: ער זיטצט נעבען גיטלען, טרעט פון איהר נישט אָב, ווי ער וואָלט זיך בעהאַלטען הינטער איהר. ער טראַכט, אַז די בעסטע זאַך וואָלט געווען אויסגיעסען דאָס בראַנפען און בלייבט זיטצען אויפ'ן אָרט... ער שעמט זיך פאַר גיטלען אַרויסצואווייזען, אַז ער האָט מורא פאַר בראַנפען. ער העבט אָן צו פּערפּאַסען אין קאָפּף אַ גאַנץ געשפּרעך מיט גיטלען, מיט וועלכען ער וועט אויס־פיהרען, אַז מען דאַרף דאָס בראַנפען אויסגיעסען. נור גיטעל איז אויפגעשטאַנען און אַרויס פון שטוב. ער דערשרעקט זיך. ער קוקט פערלאָרען אין אַלע ווינקעלעך, העבט אָן מיט רעש שפּיעלען זיך מיט די קינדער און... טראַכט וועגען בראַנפען. ער בעשליעסט אַרויס־גיעסען עס. ער געהט צו שנעל צום שראַנק, כאַפּט די פלאַש, שטעקט זי אָב... נור עפּיס האָט אַ שטויס געטאָן די האַנד צום מויל...

גיטעל איז אריין. ער איז רויט געוואָרען.

„עט, גיטעל, שוין אַלץ איינס!“ האָט ער געשטאַמעלט. „שוין אַלץ איינס, גיטעל!... פערשטעהסט, דאָס האַרץ...“ ער האָט גע־מאַכט מיט דער האַנד, אָהן ווערטער, „דאָס האַרץ... איך וועל משוגע ווערען... פערשטעהסט... דאָס האַרץ... דאָס האַרץ...“

און שמעון האָט בעקומען א רויטע נאָז, פערגאָסענע אויגען...
גיטעל איז אַלט און חשך געוואָרען...
איין אַלטע געשיכטע!

1896.

אין צוואנגען.

בצלאל האָט געפּאָרדערט, אַז זי, זיין ווייב מאַשע, זאָל אויך עפּיס טון, ווייל די פינף און צוואנציג רובעל, וועלכע ער נעמט אין דער פּאַפּיראָסען־פאבריק, כאַפּט נישט און „עס פעהלט אויף דאָס נויטיגסטע, ברוך השם.“ און מאַשע פון איהר זייט האָט געטענ'עט, אַז זי האָט גענוג אויף זיך, עס זיינען איהר גענוג די שטוב־זאַכען, און גלאַט זי קאָן די קינדער נישט לאָזען אליין.

„מען קאָן נעמען צו די קינדער א קליין מיידעל פאר א רובעל א חדש,“ פערזיכערט בצלאל.

„און עסען? עסען איהר וועט גאָר נישט קאָסטען?“ כאַפּט זי זיך אָן.

„עסען אויך א זאך! א געזינד — פּטור, נו!“

„ווי הייסט, א ודאי וועט קאָסטען! אַ פרעמדען קינד וועט מען דארפען געבען גוט עסען.“

„ע, ד'וויס,“ קרימט ער זיך, „ס'וועט קאָסטען עפּיס.“

מאַשע וויל איהם זאָגען, אַז ער איז אַ גרויסער נאַר, פערשטעהט נישט א חשבון אין בעל־הביתישקייט און ווייס אַליין נישט, וואָס ער וויל, נור זי האַלט זיך איין און פרעגט מיט אַ ביטערען שמייכעל:

„און וואָס וועל איך טון, אַז איך וועל שוין פיהרען געשעפט“, (די לעטצטע ווערטער זאָגט זי ארוים איראָניש) „און וועל נאָך אויף דאָס מיידעל נישט פערדיענען?“

„אַז דו וועסט טון, וועסט דו פערדיענען,“ ענטפערט ער פעסט.

„אָט פערדיענט דאָך באַשע לאה צוויי־דריי רובעל אַ וואָך.“

„איך ווייס נישט... איך קאָן נישט...“ שטאַמעלט זי און עס

פערדריעסט איהר, וואָס די לעצטע צייט שטעכט־ער איהר שטענ־
דיג די אויגען מיט באַשע לאה׳ן, מיט „דער שטיק דיענסטציוכע“.

„מיט דיר איז נישטאָ, וואָס צו רעדען,“ זאָגט ער שוין ברגז.

„מיט דיר איז פראַן!“ ענטפערט זי איראָניש.

„דו פוילסט דיך,“ שטעלט ער זיך אונטער צו מאַכען איהר אַ
פאָרוואורף.

„אַ ודאי פויל איך מיך! וואָרום זעהסט נישט, ווי ביי דיר
איז אין שטוב?“ בעליידיגט זי זיך.

„אין שטוב... אַ גרויסע זאַך! זי איז שטענדיג מיט איהר שטוב!
איך וואָלט עס פאר אַ פיערטעל שעה אָבאַרבייטען.“

„דו מיט באַשע לאה׳ן זייט איהר די גרויסע בריות!...“ שטעכט
זי זיך. „איך קאָן נישט אָבאַרבייטען אלין פאר אַ פיערטעל שעה.
און אַז איך וואָלט אַפילו געקאָנט, וואָלט איך אויך די קינדער נישט
געלאָזען אליין.“

„זאָג בעסער, אַז דו ווילסט זיטצען ווי אַ פריצה,“ בעליידיגט
ער זי.

„אַ ודאי אַזוי!“ זאָגט זי ביטערליך. „מיינע שונאים וואָלט איך
פון דעסטוועגען ווינשען מיין רוהיג לעבען, מיין פריצהשאַפט.“

זי האָט איהם געוואָלט שעלטען, נור דאָס וואָלט געוועיען די
ערשטע קללה נאָך זייער חתונה, און מאַשע האָט זיך פערכאַפּט.
אָבער רעכט אין כעס איז זי שוין געוועזען און „געקאָכט“ אין זיך.
ער איז אויך געוועזען אין כעס און ארויסגעוויעזען עס מיט דריקען
די ציין.

ביי זיך אין פאַבריק האָט ער זיך נעקלאָגט פאר די איבריגע
ארבייטער, אַז ער וואָלט געלעבט, וואָס מען דאַרף נישט בעסער,
ווען זי וואָלט ווערען אַ קלאַפּ טון אַ פינגער אָן אַ פינגער. אַזוי אָבער
וואָס קלעקט עס פינף און צוואַנציג „רובעליעס“ אויף פינף מענשען:
ער, זי, אַ מיידעלע, ווערכער עס געהט דאָס זיעבעטע יאָהר, אַ אינ־
געלע, וועלכען עס געהט דאָס פינפטע יאָהר, און ווידער אַ מיידעלע
פון צוויי יאָהר.

„א י ה ר ארט גאָר נישט,“ קלאָגט ער זיך.

„האָב דיר אַ ווייב!“ לאַכען פון איהם די בחורים פון דער פאַבריק.

נור ער האָט דאָך חתונה געהאַט פון ליעבע. ער האָט זי אַזוי ליעב געהאַט — ער איז נאָך איהר אויסגעגאַנגען. נאָך דער חתונה האָט ער אליין נישט געוואָלט, זי זאָל עפּיס טון, אָבער יענמאָלט האָט זי איהם נישט געפאָלגט און איז נאָך אַ צייט געגאַנגען אין מאַנופאקטור־קראָם, אין וועלכער זי האָט געדיענט ביז דער חתונה. זי איז שוין געוועזען אין זיעבטען חדש, ווען זי האָט פערלאָזען איהר שטעלע. ער איז געוועזען צופריעדען און, ווען ביי איהם איז געבאָרען געוואָרען די ערשטע „בת־יחידה“, האָט ער גאָר נישט געוואָלט הערען דערפון, זי זאָל געהן צוריק אין קראָם.

נאָכ'ן דריטען קינד האָט ער זיך ארומגעזעהן, אז זיין פּרנסה אליין איז ווייניג. אגב איז די ליעבע, די ברענענדיגע ליעבע, אַ ביסעל אָבגעקיהלט געוואָרען און וויעדער האָט ער מקנא געוועזען זיין גוטען פריינד שלמה דעם פארבער: שלמה'ס ווייב, באַשע לאה, האָט כמעט פערדיענט, וויפיעל שלמה אליין. באַשע לאה איז איהם פון דער צונג נישט אראָב און ער האָט מאַשען קיין רוה נישט געגעבען.

„און וואָס פאַר אַ געשעפטען זאָל איך פיהרען? צעהלען אססיגנאַציעס?“ פרעגט זי, אז ער האָט זי שוין גוט דערנומען. „אין אַ שניט־קראָם וועט מען בעסער נעמען אַ מיידעל, ווי אַ מאַמע פון דריי קינדער.“

„וואָס דו ווען טון, ווען דו טון, אַלץ בעסער ווי זיטצען צונויפגעלעגטערהייט די הענד,“ ענטפערט ער.

„גוט נו, זאָל זיין אַזוי,“ רעדט זי ביטער. „אָבער וואָס פּאָרט זאָל איך טון?“

„אָט באַשע לאה געהט ארום מיט קאָשיקעס,“ זאָגט ער מיט אַ האַלבען מויל, ווי ער וואָלט מורא געהאַט.

„זאָל איך אויך ארומגעהן מיט קאָשיקעס ?״ דעררעדט זי פאר איהם און דאָס הארץ זידט איהר שוין.

„אָט געהט דאָך באַשע לאה,״ רעדט ער זיינס און קוקט אויף דער פּאָדלאָגע.

„נו, פרעג איך דיך, זאָל איך אויך ארומגעהן ?״ פרעגט זי שוין גיפטיגער און א רויטע פארב טרעט איהר ארויס אויף די באַקען.

„נויט... אָרמקייט, דחקות...״ קלינגט איהר אין די אויערן, נור זי קוקט אויף איהם און ווארט אויף איין ענטפער.

„דאָס זאָג איך דאָך, אז דו ווילסט בעסער זיטצען לעדיג,״ ענטפערט ער און קנויטשט אָן ברגז די שטערן.

זי וויל איהם שעלטען און האלט זיך ווידער איין. זי ענטפערט בעסער גאָר נישט און „קאָכט״. זי קאָן גאָר נישט בעגרייפען, ווי וואָלט זי, דאָס אמאָליגע געשעפט־מיידעל, יעטצט ארומגעטראָגען זיך מיט קאָשיקעס, זי וואָלט פאר בושה געשטאָרבען. פאר באַשע לאה'ן איז דאָס א געשעפט: יענע איז איהר גאַנץ לעבען געווען א דיענסט. „אָבער די נויט... די נויט !...״ נור זי מאַכט זיך נישט הערענדיג.

עס איז געוועזען צוויי טאָג פאר חמשה עשר בשבט. ער איז געקומען א היים מיט א „נייעם פּראָיעקט״. באַשע לאה האָט איהם געזאָגט, אַז שמחה דער באַקאַליי־קרעמער וויל געבען א טרעגערין א רובעל פאר צוויי טאָג: פאר ערב חמשה־עשר און חמישה־עשר.

„די שטוב וועט אין די צוויי טאָג נישט חרוב ווערען און איין עבירה א רובעל,״ מיינט ער.

זי וואַרפט אויף איהם א גיפטיגען בליק.

„אַ, איך האָב זיך גאָר פערגעסען, מיט וועמען איך רעד,״ זאָגט ער בייז און פיהלט, אז נאָך א ביסעל וועט ער שוין גוט אין כעס ווערען. ער װ י ל אין כעס ווערען.

„וועסט שוין מיך מאַכען פאַר א פשעקופּקע, וועסט שוין מיך מאַכען,״ רייסט זיך ביי איהר ארויס מיט פערצווייפלונג, נור זי

פיהלט, אז זי איז גאָר נישט גערעכט, אז דאָס איז גאָר קיין טענה נישט.

„מיר שטעהט אָן,“ זאָגט ער קאַלטבלוטיג.

„דו ווערסט שוין אין גיכען פּטור ווערען פון געזינד!“ האָט זי שוין שוואַכער געזאָגט.

„אַ גרויל! עס לעבען טויזענדער פּשעקופּקעס, האָבען קינדער און די וועלט געהט נישט אונטער. אָט באַשע לאה...“

„וואָס שטעכסטו מיך אַלץ מיט באַשע לאה'ן?“ פאַלט זי איהם אריין אין די רעד מיט היטץ. „באַשע לאה האָט שוין אַ דערוואַקסענע טאָכטער...“

„פּששש!“ רייסט ער זי איבער. „איין אַכטיעהריג מיידעל...“

„אַלץ באַשע לאה און באַשע לאה,“ רעדט מאַשע פערצווייפעלט און אין איהר העבט אָן צו „רעדען“ מעהר ווי אַלע מאָל די קנאה. „איז איהר גוט, אז זי איז די בריה.“

„ווילסטו נישט פערדינען דעם רובעל?“ פרעגט ער זי אָנגערוקט.

זי שווייגט. זי קאָן נישט ענטפערן: אַ טרעגערין ווילט זיך איהר נישט זיין; די קינדער איז טאַקי געפעהרליך צו לאָזען אליין, און דאָ איז דאָך איין עבירה דער רובעל. ער קוקט אויף איהר און פערשטעהט, אז זי ווייס נישט וואָס צו ענטפערן.

„אַ רובעל, גליידך ווי געפונען,“ רעדט ער, ווילענדיג זי נאָך מעהר איבערצייגען. „ער וועט שטאַרק צו־ניטץ קומען: איך געה דאָך שוין אָהן שטיפעל.“

זי שווייגט. זי פיהלט, אז זי וועט מוזען געהן, נור זאָגען דאָס וויל זי נאָך נישט.

„מאָגסט זיך סמעלע פערלאָזען אויף ציפּינקען — זי איז אַ גרויסער בר־דעת,“ רעדט ער ווייטער.

„אַ בר־דעת איז זי,“ ענטפערט מאַשע ביטערליך, „הלואי זאָל איך זיי געפינען לעבעדיגערהייט.“

„טפּורר!“ שיעסט אויס בצלאל מיט די ליפּען, „צו לאָזט מען גאָר נישט ביי לייטען קינדער אַליין? און ציפּינקע איז אַ סך קלי־

גער פאר באשע לאה'ס מיידעלע, כאָטש יענע איז עלטער," חנפ'עט ער איהר. „און ווייטער וועסט דו קאָנען אָפּט פערלויפען א היים געוואָר ווערען."

„וועסט שוין א סך פערלויפען," ערווידערט מאשע. נור זי פיהלט, אז זי וועט דאָס טאקי טון.

בצלאל איז געווען צופריעדען און האָט אליין גערעדט, אז א רובעל געהט נישט באָרפיס, און מאשע האָט געזיפצט און געטענה'ט, אז הלואי זאָל זי געפינען די קינדער לעבעדיגערהייט. טרערען זיי־נען איהר געשטאַנען אין די אויגען — טרערען פון פערדראָס, וואָס זי ווערט „א פּישעקופּקע", פון ציטערן איבער די קינדער, פון כעס אויף באשע לאה'ן, פון דעם שרעקליכען געפיהל, אז דער רובעל איז שטארקער פאר איהר...

אויף מאָרגען זיינען זיי אויפגעשטאַנען פריער, ווי אלע טאָג. ער איז געווען פרעהליך, און זי — אָנגערוקט. זי וואָלט וועלען, עס זאָל זיך עפּיס טרעפען, און זי זאָל נישט קאָנען געהן. נור דאָ צווישען פערדריעסט איהר דער רובעל. און ער האָפט, אז דער ערשטער פערדיענטער רובעל וועט זיין איין עגבויר און זי וועט שוין נישט אויפהערען צו האנדלען.

מאשע, קרעכצענדיג און זיפצענדיג, האָט איינגעהייצט דעם אויוען און צוגעשטעלט דאָס וואַרמעס, און בצלאל האָט לוסטיג אָנ־געטאָן ציפּינקען, וואָס איז שוין אויפגעשטאַנען.

„די מאַמע געהט אַוועק," האָט ער געזאָגט דעם קינד. „זי געהט אַוועק, זאָלסט דו זעהן, אז פייגעלע זאָל נישט וויינען, מען וועט דיר נייהען א קליידעלע."

„א קליידעלע?"

„א שיין קליידעלע און א סך גוטע זאכען וועט מען דיך געבען."

„גוטע זאכען געבען?"

„יא, זאָלסט דו זעהן, אז פייגעלע זאָל נישט וויינען, און זאָלסט דאָ נישט שלאָגען שמעונ'קען, אז נישט וועט מען דיך שמייסען."

„שמייסען? איך וויל נישט — שמייסען,“ בעליידיגט זיך דאָס מיידעלע.

„טאָ זאָלסט דו זיין א בעל־הבית׳טע.“

„א בעל־הבית׳טע וועט זי דיר זיין!“ ענטפערט מאשע פון אויוועז פערצווייפעלט. „זאָל איך זיי געפינען גאַנצע.“

„נו, נו, נו! פּטור, נו, נישט קשה!...“ האָט רצלאל איי־אָ־גיש געלאכט. „וועסט זיי געפינען גאַנצע! וועסט זיי געפינען גאַנצע!...“

אַז מאַשע איז אוועקגעגאַנגען, האָט נאָך שמעון׳קע מיט פייגע־לען געשלאָפען און ציפינקע איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב, ווי „א בעל־הבית׳טע“, מיט פערלעגטע אויף הינטען הענד און מיט איין ערנסטער, פערזאָרגטער מינע.

פאַר׳ן אוועקגעהן האָט מאשע אָנגעבעטען דער בעל־הבית׳טעם דיענסט „זיין אַזוי הארציליך און פריינדליך“ און אריינקוקען צו איהר אויף די קינדער.

אָבנעמענדיג צוויי פולע קאָשיקעס ביי שמחה דעם קרעמער, איז זי גלייך פערלאָפען אַ היים. עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז אין שטוב איז געוואָרען א „תל עולם“. אין שטוב איז אָבער געווע־זען רוהיג. פייגעלע איז נאָך געשלאָפען, און ציפינקע האָט פריינד־ליך פערבראַכט מיט שמעונ׳קען. ער האָט אַ ביסעל געוויינט, אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, אָבער ער איז באַלד ענטשוויגען געוואָ־רען און פויל צוגעהערט זיך צו ציפינקעס רעד.

מאַשע האָט איבערגעלאָזען די קינדער „גוטע זאכען“: שטיק־לעך באָקסער, טייטלען, פייגען, בייגעל און קיכלעך. ציפינקען האָט זי איהר חלק אָבגענעבען אין האַנד, שמעונ׳קען — אריינגע־לעגט אין בעט, אויף וועלכען ער איז געזעסען, און פייגעלעם חלק אוועקגעלעגט אויפ׳ן טיש.

„אַז פייגעלע וועט אויפשטעהן, וועל איך איהר געבען די גוטע זאכען,“ האָט געזאָגט ציפּקעלע, לעקענדיג איהר טייטעל.

„יאָ, ציפינקע.“

„איך וועל זי וויעגען און זינגען איהר א ליערעלע.“

„יא, טאָכטערקע, איך וועל דיך האַלט האָבען ווי א גאָלד.“

„מען דאַרף נישט וויינען, איך וועל נישט וויינען.“

„און איך אויך נישט וויינען,“ שטעלט צו שמעון'קע פער־שלאָפען.

„זעהט־זשע, קינדער,“ גיט זיך מאַשע פלוצלינג א כאַפּ. „איך וועל באַלד קומען, וועל איך ברייננגען נאָך גוטע זאכען. דער טאַטע וועט אויך ברייננגען גוטע זאכען...“

„א קליידעלע נייהען,“ דערמאָנט זיך ציפּינקע.

יא, זאָלט איהר אויפ'ן גאַס נישט ארומ, און נישט שטיפען.

זי האָט זיי אָנגעקוסט, געבעטען נאָך א מאָל די דיענסט אכטונג צו געבען, געכאפּט די קאָשיקעס און ענטלאָפען — שוין רוהיגער א ביסעל. מעהר פאר אלץ האָט זי שוין יעטצט געטראַכט וועגען דעם רובעל. זי האָט געפיהלט, אז ער איז איהר „אַראָבגעפאלען פון הימעל“, אז ער וועט זי פשוט מהיה זיין, ווייל מען האָט טאַקי נישט געקאָנט צוזעהען, נעביך, ווי ע ר — בצלאל — געהט אָהן שטיפעל, כמעט א באָרפיסער. אַ, אַז אַזעלכע רובעלס וואָלט געוועזען אָפּט!... זי וואָלט זיך קאָנען עפּיס ארומזעהן... נור ווי בערד'ענט מען זיי... וואו נעמט מען זיי?... און זי דערמאָנט זיך, אז זי ווערט „א פשעקופקע“... זי דערמאָנט זיך אויף די קינדער.. באַשע לאָה שטעלט זיך איהר פאָר פאר די אויגען... און פערדראָס, צער און כעס מישען זיך אין איהר ברוסט. און באַלד שווימט וויעדער ארויס דער רובעל, די טובה, וואָס זי האָט פון איהם. און זי מעסט און וועגט מיט חשק, געשיקט, מעשה בריה, ווי זי וואָלט וועלען אויסנעהמען ביים עולם, כדי מען זאָל ביי איהר שטענדיג, שטענדיג קויפען...

און אין דער היים...

ציפּינקע איז א דאַר מיידעלע פון הויכען וואוקס, מיט איינ־געצויגענע באַקען, מיט לאַנגע שוואַרצע האָר, וועלכע זיינען הויינ־טיגען מאָרגען נישט פערבאָרשטען געוואָרען, און מיט בלויע אויגען, וועלכע פינקלען גאַנץ לוסטיג. שמעון'קע איז, פערקערט פון איהר,

קורץ און גראָב; זיין בלאָנדער קאָפּף איז קורץ אָבגעשאָרען; די גרויסע בלויע אויגען קוקען מאַט און פערשלאָפען. ער איז געזעסען אין בעט מיט אלע גוטע זאַכען ארום זיך. ער ריהרט זיך צו זיי נישט צו און קוקט אפילו נישט אויף זיי. ער האָט אָנגעשטעלט זיין פערשלאָפענען מאַטען בליק אויף דער ענטקעגענדיגער וואנד. וואו אין דער הויך נעבען איין אריינגעשלאָגענעם טשוואָק האָבען זיך ארומגעדרעהט צוויי פרייסען. ציפּינקע געהט אום איבער'ן צימער מיט גרויסע טריט, אונטערשפּרינגענדיג, עסט איהרע גוטע זאַכען און זינגט אונטער אין נאָז. זי וויל זיין א בעל־הבית'טע און זוכט זיך עפּיס ארבייט. זי רוקט איבער א שטול, וויעגט די וויעג, העבט אויף א ברעג קאָלדרע, וואָס האָט זיך אראָבגערוקט אויף ד'ר'ערד. עטליכע מאָל איז זי צוגעגאַנגען צום טיש, בעטראַכט פייגעלעס „גוטע זאַכען", איבערגעביטען איהר באָקסער. זי האָט שוין געהאַט בדעה אָבצוברעכען א שטיקעל באָקסער פון פייגעלעס חלק, נור פייגעלע האָט זיך אויפגעזעצט אין וויעגעלע, ארומגעקוקט זיך, בעטראַכט דאָס צימער, נישט געזעהען די מאַמען און צוואוויינט זיך: „מאַמע!"

„שאַ, פייגעלע, די מאַמע געלאָזען גוטע זאַכען," שרייט אוים ציפּינקע, כאַפּט פייגעלעס חלק און טראָגט איהם צו צו פייגעלען אין וויעג. זי פיהלט זיך בעפריעדיגט — זי האָט יעטצט געטאָן א זאַך, פאַר וועלכע מען דאַרף איהר נייהען א קליידעלע.

פייגעלע ווערט שטיל, בעטראַכט א רגע די נאַשערייען, קוקט זיך ווייטער ארום און צושרייט זיך מיט מעהר כח.

„די מאַמע וועט ברייגנען נאָך גוטע זאַכען," טרייסט זי ציפּינקע. „דער טאַטע וועט נייהען א קליידעלע."

נור פייגעלע ווערט נישט ענטשוויגען. ציפּינקע העבט זי אָן צו וויעגען און זינגען: א־א, א־א, א־א, א! נור אין גיכען שטעהט זי אָב און העבט אָן ווידער צו בעטראַכטען פייגעלעס גוטע זאַכען. זי בעקומט צו זיי שטאַרק חשק — איהרע האַלטען שוין ביים סוף. זי העבט זיי אָן צו בעטאַפּען, דריקען און אָט האַלט זי זיי שוין אין די הענד.

„סט׳עסען הא ? סט׳עסען ?“ פרעגט זי די וויינענדיגע פייגעלע און שפּארט איהר א טייטעל.

פייגעלע דרעהט אוועק דעם קאָפּף און האלט אין איין וויינען.

„נא, עס, נא !“ שפּארט איהר ציפּינקע דעם טייטעל און אין הארצען ווילט זיך איהר שטארק, אז פייגעלע זאָל זיך אָבזאָגען — יענמאָלט וועט זי זיך בענוטצען מיט׳ן טייטעל. פייגעלע קערט וויעדער אָב דעם קאָפּף.

„סט׳מיר געבען דעם טייטעל ? “ פרעגט ציפּינקע ווייך.

„אי !“ האקט אָב בייז פייגעלע און וויינט.

„די פייג ?“

„אי !“

„איך וועל דיר געבען מיין קיכעל ?“

„אי !“

נור ציפּינקע גיט פלוצלינג א כאַפּ דעם טייטעל און שפּארט איהם אריין אין מויל. פייגעלע מאכט נאָך גרעסערע קולות.

„איך־ו זאָגען דער מאמען,“ זאָגט שמעונ׳קע פון בעט.

ציפּינקע װארפט אריין צוריק אין וויעג דעם טייטעל, אָדער ריכטיגער געזאָגט, דאָס ביינדעל פון טייטעל, גיט א פיהר מיט דער גאנצער האנד פייגעלען איבער׳ן געזיכט און לויפט אָב פון וויעג אונ־טערשפּרינגענדיג, גאנץ צופריעדען פון דעם, וואָס איהר האָט זיך איינגעגעבען אָבצונאַשען פון פייגעלעס טייטעל.

„איך־ו זאָגען דער מאמען,“ חזר׳ט שמעונ׳קע פערשלאָפען און װארפט אויף איהר א בייזען בליק.

„נא, נא, נא!“ שפּרינגט צו איהם אונטער ציפּינקע זינגענדיג און שפּארט איהם א „פייג“ אין געזיכט. „מיר׳ט׳ן טאקי נייהען א קליידעלע.“

נור שמעון׳קע קוקט שוין ווייטער אויף דער ענטקעגענדיגער וואנד. ציפּינקע בלייבט שטעהן נעבען בעט, קראַטצט זיך מיט איין האנד אין קעפּעל און מיט דער אנדערער שפּארט זי איהר בייגעל אין מויל. איהר געפעלט צו „מאַכען א בייט“ מיט שמעון׳קען

אויף זיין באָקסער. עס דאַכט זיך איהר, אז זיין שטיק איז דיקער, לייגגער און... געשמאַקער.

„נאַ דיר מיין באָקסער," ווענדט זי זיך צו איהם. „זעהסט, א גרויס שטיק. גיב מיר דיינעם."

„געה, איך וויי נישט..."

„אָט זעה, א לאַנ־נ־נ־גער שטיק באָקסער."

שמעונ'קע קוקט זיך אפילו נישט אום.

„נאַ דיר נאָך א שטיקעל בייגעל," שטעהט צו ציפּינקע.

„איך וויי נישט!" האַקט ער שוין אָב מיט הארץ.

„גראָבאַטש!" זידעלט זי איהם, גיט איהם א קניפּ און ענט־לויפט פון בעט. ער שיקט איהר נאָך א בייזען בליק, נור ער פוילט זיך א ריהר צו טון פון אָרט. און ציפּינקע איז שוין ווידער נעבען פיינגעלען, וועלכע זיטצט אין וויעג און עסט די נאַשערייען. זי בע־געגענט ציפּינקען מיט'ן אונצופריעדענעם אויסגעשריי: „אַי!" און ציפּינקע טרעט גלייך אָב. זי העבט אָן ווייטער ארומגעהן איבער'ן שטוב מיט דער מינע פון א בעל־הבית'טע און ענדיגט איהר נאַ־שעריי. אין א ווײַלע אַרום שטעהט זי שוין ווייטער נעבען שמעונ'קעס בעט.

„איך וועל דיר אראָבדרעהען דעם קאָפּ," זאָגט זי, אראָב־שלינגענדיג דאָס לעטצטע שטיקעל באָקסער.

„איך דיי איאָבדיעיען," ענטפערט שמעונ'קע פויל און קוקט אויף דער וואַנד.

„איך וועל אָבנעמען דעם באָקסער."

נור שמעון'קע ענטפערט אפילו נישט. ער האָט נישט מורא פאַר ציפּינקען — ער גיט איהר שטענדיג בעסער. ער טראַכט נאָך אפילו באַלד אראָבקריכען פון בעט און אָברעכענען זיך מיט איהר ווי עס דאַרף צו זיין: זאָל זי נור רעדען.

„זעהסט סאַר' אַ קיכעל איך האָב!" רייטצט זיך ציפּינקע.

נור ער ענטפערט נישט און בלינצעלט שלעפעריג מיט די אויגען; ער העבט אָבער שוין אָן צו ווערען אין כעס.

„דו׳סט מיר געבען דיין טייטעל?“ פרעגט זי מיט א מאָל האַר־ציג־גוט.

„איי דיר נעבען, יא!“ ענטפערט ער און מאַכט מיט׳ן קאָפּ, ווי ער וואָלט זאָגען: „צו ווילסט דו נישט קלעפּ א ביסעל?“

ציפּינקע זעטצט זיך צו אויפ׳ן בעט געגען איהם גאָר קאַלט־בלוטיג, נור איהם געפעלט נישט אזא שכנה.

„איאָב פון בעט! אוועק פון מיי!“ בייזערט ער זיך.

„שמעונ׳קע נאַר!“ ענטפערט זי און רוקט זיך נאָך נעהנטער צו.

„אוועק! איאָב!“ שרייט ער נאָך שטאַרקער.

ציפּינקע גיט זיך פּלוצלינג א לאָז און כאַפּט ביי איהם אַרויס פון שויס דעם באָקסער. ער צושרייט זיך נישט, נור מיט א מאָדנער בעשלאָסענהייט קריעכט ער אראָב פון בעט און לאָזט זיך נאָך איהר לויפען. זי דרעהט זיך אַרום וויעג, נור ער כאַפּט זי און לאָזט איהר אריין די ציין טיעף אין האַנד. זי לאָזט אַרויס א שרעקליכען גע־שריי, פערגעהט זיך, און דערוויילע כאַפּט זי זיך אָן מיט די נעגעל אָן זיין פּנים. זיי פאַלען ביידע אויפ׳ן וויעג און קערען זיך איבער מיט איהר צוזאַמען. עס ווערט א שרעקליכער רעש, אויף וועלכען עס לויפען אָן די בעל־הבית׳טע מיט דער דיענסט.

ביי ציפּינקען איז די גאַנצע האַנד פערגאָסען געוואָרען מיט בלוט. שמעונקעס פּנים איז געוועזען אין גאַנצען צודראַפּעט, און פייגעלע איז געלעגען א פערגאַנגענע: זי האָט שטאַרק אָבגעשלאָ־גען דעם קאָפּ און צוגעקוועטשט א פיסעל...

אין א שעה אַרום איז מאַשע געקומען א היים.

„אויף מיין וואָרט, איך וועל דאָס דערלאַנגען אין פּאָליציע!“ האָט די בעל־הבית׳טע בענעגענט זי מיט קולות. „לאָזען נפל׳עך אַליין! אַ בעל פרנסה האָט זיך איהר פערוואָלט ווערען! וויל מען זיין א בעל־פּרנסה, דאַרף מען נישט האָבען קיין קינדער...“

מאַשע האָט אויף זיך געריסען דאָס האָר, געשאָלטען דעב חמשה עשר, שמחה דעם קרעמער, באַשע לאה׳ן און אפילו בצלאל׳ן...

„איך האָב דען נישט געוואוסט, אז אזוי וועט עס זיין?“ האָט

זי געטענה'ט, ארומטאנצענדיג ארום די קינדער. „מיט א מאָל פערווילט זיך איהם גאָר, איך זאָל איהם פערדיענען. באַשע לאה'קע געפעלט איהם, ווייל ער פון אונז פטור ווערען — פטור זאָל ער טאָקי פון אונז ווערען !..."

אויף די טענות איז בצלאל אָנגעקומען וואָרמעס עסען.

„וואָס טוט זיך שוין דאָ ?" האָט ער געפרעגט און געבליעבען שטעהן אין טיר.

„זאָל זיך דאָס טון ביי דיין באַשע לאה'קען !" האָט זיך מאַשע צו־ווויינט. „געה זעה, וואָס עס טוט זיך : צובלוטיגטע, צוהרגעטע, צו־וואונדעטע ! דו האָסט עס דאָך געוואָלט — אָט האָסט דו אויס־געפיהרט !"

„וועט איהר זעהן, אז איך וועל מעלדען אין פּאָליציע !" האָט געשריען די בעל־הבית'טע פון הינטער דער וואנד. „דאָס איז דאָך נישט געהערט געוואָרען, לאָזען פיצלעך אליין ! און איך וואָלט זאָגען, אז דאָס זיינען גלאטע קינדער ! דאָס זיינען דאָך מזיקים, שדים, די ערד רוהט דאָך נישט אונטער זיי ! און וואָס וואָלט געווע־זען, אז זיי וואָלטען נאָך אָנמאכען א שרפה ?!..."

„אַז אַלץ איז ביי מיר נישט ווי ביי לייטען," האָט בצלאל ביי־טערליך געזאָגט און פערצווייפעלט געטראכט, אז ער בלייבט אָהן הילף מיט די פינף און צוואנציג „רובעליעס" א חדש. ער האָט שווער אָבגעזיפצט.

„זאָלסט זאָגען שמחה'ן, ער זאָל שיקען נאָך די קאָשיקעס. איך וועל פון שטוב ניט ארויס," האָט מאַשע איהם אָנגעזאָגט ביי זיין אוועקגעהן.

„גוט," האָט ער שוואך געענטפערט און איז אומעטיג אוועק.

נור אין גיכען האָט מאַשע'ן אָנגעהויבען צו פערדריסען דער רובעל. זי האָט זיך אפילו אָנגעהויבען צו שרעקען, אז אָט־אָט וועט מען קומען פון שמחה'ן נאָך די קאָשיקעס. זי האָט אויסגעלאָזען איהר גאַנץ ביטער הארץ צו ציפינקען מיט שמעונ'קען, צו דער דיענסט, צו דער בעל־הבית'טע ; האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טון, נישט געפונען זיך קיין אָרט אין שטוב.. דער רובעל !... דער

רובעל !... ווי לאָזט מען איהם ארוים פון די הענד ? !... ברעכען זאָל באשע לאה דעם קאָפּ, וואו זי איז !... אז נישט זי, וואָלט זי צו קיין צרה נישט געקומען !... דער רובעל !... דער רובעל !... ע ר איז דאָך פּשוט א באָרפיסער !... אָבער זי ועט קיין פּשעקופּקע נישט ווערען... וואָס, זי וועט נאָך אפשר ווייטער לאָזען די קינדער אליין ? מען וועט זי דאָך אויף קיין דירה נישט וועלען האלטען... עס איז דאָך א מאָדנע עבירה — דער רובעל... דער רובעל !...

זי כאַפּט די קאָשיקעס און ענטלויפט, אָנזאָגענדיג די קינדער, אז זי וועט זיי א טויט מאכען, אויב זיי וועלען זיך ווייטער צו־שלאָגען.

דער רובעל !... דער רובעל !...

.1896

אוי אַז שׂרה לאה איז געקומען צו זיך...

ביינוש דער מויערער איז היינט פרעהליכער וויעדער אלע מאָל אוועקגעגאַנגען צו דער אַרבייט. ער וועט אַרבייטען נישט ווייט נעבען הויף, אין וועלכען ער וואָהנט און, אַז ער וועט שטעהן אין דער הויך אויף די „ריסטאַוואָניעס“, אויפ׳ן גערוסטע, וועט ער קאָנען זעהן זיין דירה. ער וועט קאָנען לוסטיג מאַכען זיך מיט זיין שׂרה לאה׳ן און שפּיעלען זיך מיט׳ן קליינעם „וואָזיק“, מיט זיין אינגסטער טאָכטערל, וואָס האָט נאָך אַרומגעפּויזעט. דאָס האָט איהם געקיצעלט און ער האָט שוין פערגניגענד געשמייכעלט. ער האָט צונויפגעקליעבען זיין געצייג אונטערזינגענדיג. פאַרבייגענדיג האָט ער א קניפּ געטאָן דאָס עלטערע פינפיעהריגע טאָכטערל, א שלעפּ געטאָן שׂרה לאה׳ן פאַר׳ן קלייד און אַריינגעכאַפּט דעם „וואָזיקס“ הענטל אין מויל. ער האָט געשטיעפּט.

„נו, יעצט וועלען מיר הולך׳ן,“ האָט ער געזאָגט און אַרויפגעלעגט דאָס זעקעל מיט׳ן געצייג אויף די אַקסלען. ער האָט אָנגעקוסט די דריי טעכטער, אַרומגעכאַפּט פאַר דער טאַליע שׂרה לאה׳ן, וואָס האָט איהם בעגלייט ביז דער טיר מיט א גלאָז טיי אין דער האַנד, און געזאָגט צו איהר מיט א שמייכעל:

„וואָס, א אינגעל?“

ער האָט צונויפגעלעגט די ליפּען, ווי אויף א קוש צו טון, נור ער האָט נישט א קוש געטאָן. ער האָט נור אויסגעשאָסען מיט די ליפּען איהר אין געזיכט: „פּ־פּו!“

די קינדער האָבען זיך צולאַכט.

„פּו!“ האָט דאָס „וואָזיק“ איבערגעמאַכט, פּויזענדיג איבער דער פאָדלאָגע.

„געה שוין, געה, משגענער!' האָט שרה לאה ארויסגערעדט מיט ליעבע.

ער איז ארויס.

„געה געזונטערהייט,“ האָט זי איהם נאָכגערעדט. זי האָט געוואָלט איהם נאָך עפּיס זאָגען: עס האָט זיך איהר געוואָלט מיט איהם רעדען, נישט אָבלאָזען איהם אזוי גיך.

„ווען זאָל איך דיר ברייננגען דעם וואַרמעס?“ פרעגט זי איהם, ארויסגעהענדיג נאָך איהם, כאָטש זי ווייס שוין גאַנץ גוט די שעה.

„נישט פריער, נישט שפּעטער,“ וויצעלט ער, געהט זיין וועג און קוקט זיך נישט אום.

„ביינוש, ווארט!“ שרייט זי איהם נאָך אין הויף. „וואָס אנטלויפסט דו אזוי?“

ער האָט זיך אָבגעשטעלט און אומגעקערט זיך צו איהר מיט'ן פנים. זי איז צו איהם צוגעגאַנגען.

„טאָמער וואָלט געווען א סברא, אז היינט זאָלסט דו גאָר קומען אַ היים וואַרמעס עסען? דאָ דערביי דאָך.“

„דאָס איז א פּלאַן!“ האָט ער געענטפערט. „גוט, מיר וועלען שוין זעהן, זאָגט דער תנא. אָבער וואָס, אַ אינגעל?“

„משגע'נער!“ האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ שמייכעל און זיי זיינען זיך צוגאַנגען.

שרה לאה איז שוין געווען אין נייַנטען חדש מיט'ן פיערטען קינד. זי האָט שוין געוואַרט פון טאָג אויף טאָג איהר קינדבעט. און איהם האָט זיך שטאַרק געוואָלט א אינגעל. מיידעלעך האָט ער שוין גענוג, „גאַנצע דריי“.

„גיב מיר גאָט כאָטש אַ טוץ אזעלכע מיידעלעך,“ פלעגט רעדען שרה לאה, דריקענדיג צום האַרצען א קינד. „וואָס, זיי זיינען עפּיס ביי מיר א שפּורנע סחורה?“

„ע, דאָס איז גאָר נישט,“ פלעגט ער ענטפערן. „מיידלעך זיינען גאָר נישט — מעהר נישט קאָפּ־ווערהטאָג. אָט, א אינגעל, אָ! עפּיס א יאַט'ל, א יאָלד! אַ יונג מיט ביינער! א אינגעל, אָ!“ ער האָט געהויבען די פויסט און אָנגעבלאָזען די באַקען, וואָס האָט גע־

זאָלט בעדייטען דעם כח און די גבורה, וואָס אַ אינגעל האָט אין זיך.

זינד זי האָט זיך פערנומען מיט'ן פיערטען קינד, הערט ער נישט אויף צו מאָנען אַ אינגעל.

„אָט אַ משגע'נער!" רעדט אַרוים שרה לאה מיט איהר שמייכעל, אומקערענדיג זיך אין שטוב. און ער איז געגאַנגען און געטראַכט, וואָס טוט מען עפּים אָב פאר א שפּיצעל פון די ריסטאַוואניעס.

ער האָט טאַקי עפּים אָבגעטאָן.

אין דער זעלבער גאַס, אויף דאָס דריטע הויז, לינקס פון דעם הויף, אין וועלכען ביינוש האָט געוואָהנט, האָט מען ארויפגעשטעלט אַ פיערטע עטאַזש. שטעהענדיג אין דער הויף אויף דער לינקער זייט פון מויער, האָט מען געקאָנט זעהן ביינוש'עס הויף, ווי אויף דער האַנד. מען האָט געזעהען, ווער עס געהט ארויף און אַראָב אין הויף. ביינוש'עס דירה איז געוועזען פונקט ענטקעגען מיט דעם איינציגען פענסטער צום הויף: מען האָט אפילו געקאָנט זעהן, וואָס עס טוט זיך ביי איהם אין צימער.

ביינוש איז אונגעדולדיג געוועזען ביי דער ארבייט: מען האָט ערשט געמויערט דעם פראָנט. ער פלעגט זיך אָברייסען פון דער אַרבייט, צוגעהן צום לינקען עק פון די ריסטאָוואניעס, אַ וואָרף טון אַ בליק אויף זיין הויז און אָהן חשק אומקערען זיך צוריק צו דער אַרבייט. דער קאָפּף איז איהם פערנומען געוועזען מיט'ן געדאַנק, וואָס טוט מען אָב פאַר אַ שטיק. צו וואַרפען אין איהר מיט אַ שטיקעל ציגעל? נאַטירליך, וועט ער איהר נישט טרעפען אין קאָפּף, נור גאַנץ אונטען אין פארטוך. דאָס וואָלט געוועזען אַ פיין גליכוועדטעל. און אפשר שטעלען איהר אַ פייג? אָדער גאָר מאַכען איהר אַ לאַנגע נאָז? ער לעגט די ציגעל, שיט די וואַפּנע און טראַכט און שמייכעלט. איהם טוט הנאה דאָס שטיק, וואָס ער וועט אָבטון.

ער האָט אָבגעאַרבייט אַ פּאָר שעה און מעהר נישט געקאָנט זיך איינהאַלטען. ער איז צו צום עק ריסטאַוואניע, האָט זיך אָנגע־

שפּאַרט מיט דער לינקער זייט אָן דער שטעהענדיגער זייל און דעם רעכטען פוס אויסגעשטרעקט אויף הינטען.

ער האָט זיך איינגעקוקט אין זיין פענסטערל. טאָמער וועט ער דערזעהן שרה לאה'ן. נור די זון האָט געשיינט אין די שויבען און ער האָט גאָר נישט געקאָנט זעהן. דאָס האָט איהם אַ ביסעל פערדראָסען. ער האָט אָנגעהויבען אומצואוואַרפען מיט דער רעכטער האַנד: טאָמער קוקט שרה לאה אין פענסטער, וועט זי איהם בעמערקען. שרה לאה, וועלכע פּלעגט אויך אָפט צוגעהן צום פענסטער, טאָמער וועט זי דערזעהן ביינוש'ען, האָט איהם טאַקי באַלד בעמערקט און איז געשווינד ארויס פון שטוב. ער האָט איהר ארויסגעשטעקט אַ צונג. זי האָט זיך צולאַכט און אָנגעהויבען מאַכען מיט די הענד — ער זאָל נישט שטעהן ביים ברעג.

„וואָס, אַ איינגעל?“ האָט ער אויסגערופען. זי האָט זיין קול נישט געהערט, נור פון זיין בעוועגונג האָט זי פערשטאַנען, וואָס ער האָט געזאָגט.

„משגע'נער!“ האָט זי צו איהם אויסגעשריען. „אָבער זעה שטעה נישט אזוי,“ האָט זי געמאַכט מיט די ליפּען און די הענד.

ער האָט איהר בעוויעזען, אז ער האַלט זיך פאַר דער זייל און ארויסגעשטעקט איהר נאָך אַ מאָל די צונג. און איהם פערוויילט זיך זעהען פון דאַנען די קינדער, דער הויפּט דאָס „וואָזיק“. ער בעוויזט איהר מיט די הענד, זי זאָל ארויסברייננען די קינדער.

„דאָס וואָזיק, דאָס וואָזיק, מיר, מיר!“ מאַכט ער מיט די ליפּען, וואַרפט אום מיטביידע הענד, ווי צווישען זיי וואָלט ער געהאַלטען דאָס קינד, און וועיזט אָן מיט דער רעכטער האַנד אויף זיך.

שרה לאה איז אַריין אין שטוב און אין גיכען אַרויס פון דאַרטען מיט'ן „וואָזיק“ אויף די הענד און מיט ביידע עלטערע ביים קלייד.

„אָן דער טאַטע, אָן דער טאַטע,“ זאָגט זי צו זיי און וועיזט אָן מיט'ן פינגער, וואו עס שטעהט דער טאַטע. די קינדער זוכען מיט די אויגען.

די עלטערע בעמערקט איהם און העבט אָן אונטערצושפּרינגען:
„דער טאַטע! דער טאַטע!“

די אינגערע מאַכט שוין אַ וויינענדיגען קול און פרעגט: „וואו טאַטע? וואו טאַטע?“

און דאָס „וואָזיק“ קוקט תמעוואַטע אין אַלע זייטען. און ביינוש מאַכט גרימאַסען, טשמאָקעט מיט די ליפּען, פּייפט און בלאָזט. ער האָט זיך גאָר פערגעסען, וואו ער שטעהט, וואָס ער האָט צו טון. ער איז געוועזען פערטרונקען אין זיין גליק.

„וואָס איז דאָס, דער האָט שוין גאָר נישט וואָס צו טון?“ האָט זיך דערהערט הינטער איהם אַ געשריי. דאָס איז געוועזען דער ריאַדציק, וועלכער איז אַרויף מיט'ן בעל־הבית פון מויער בעטראַכטען די ארבייט. ביינוש האָט אַ ציטער געטאָן, געוואָלט איבערדרעהען זיך, אויסגעגליטשט זיך און...

ער איז אַראָבגעפאַלען אַראָב.

פון דריטען הויף האָט זיך דערהערט אַ הערצרייסענדער אויסגעשריי.

אין גאַס איז געוואָרען אַ רעדעל. מען האָט אויפגעהויבען ביינוש'ען מיט אַ צושלאָגענעם קאָפּ. דאָס לינקע אויג איז אַרויסגעקראָכען; אין מויל האָבען געפעהלט אייניגע ציין — זיי זיינען געלעגען דערביי אויף'ן טראָטואַר, בעדעקט מיט בלוט און מיסט. דאָס גאַנצע געזיכט איז פערגאָסען געוועזען מיט רצועות בלוט, צווישען וועלכע עס האָבען ערטערווייס שרעקליך אַרויסגעקוקט שטיקער געלע הויט. דאָס רעכטע אויג פלעגט ער יעדע ווייַלע פערמאַכען און אויפעפענען. זיין קוק, מיט וועלכען ער האָט געקוקט אויף די אַרומיגע מענשען, איז געוועזען שרעקליך. ער האָט שטאַרק געכראַפּעט, געכאָרכעלט, געקרעכצט. ער האָט געפיהלט אין יעדעם אבר, אז עפּיס שרעקליכעס האָט מיט איהם געטראָפען, נור ער האָט נישט געוואוסט וואָס. איהם האָט וועה געטאָן דער גאַנצער קערפּער. אין קאָפּ איז ביי איהם אַ פייער געוועזען און עפּיס מאָדנע, מאָדנע. ער האָט נישט געקאָנט קלערען, האָט גאָר נישט פערשטאַ־

נען, נור ער האָט עטוואָס געוואָלט פערשטעהן. ער האָט געפיהלט, אַז ער דארף יעטצט שרייען, שרייען מיט אַלע כחות. און ער האָט געכראָפּעט מיט אַ שרעקליכען קול.

דאָס רעדעל ארום האָט בעטראַכט דעם גוסס'ען מיט שרעק און עקעל; מען האָט מורא געהאַט נאָהענט צוצוגעהן. מען האָט זיך פערגעסען רחמנות צו האָבען — עס האָט נור געעקעלט קוקענדיג.

„מען דארף לויפען נאָך אַ דאָקטאָר,“ האָט עמיץ אויסגעשריען.

„אין הקדש אריין דארף מען איהם אָבפיהרען,“ האָט אַ צווייטער געראַטען.

„וואו, ער וועט שטאַרבען אויפ'ן וואָגען!“ האָט אַ מויערער געזאָגט. „מען דארף איהם בעסער אַוועקטראָגען אַ היים — ער וואָהנט דאָ דערביי, אין דריטען הויף.“

דאָס וואָרט „אַ היים“ האָט פערציעפּעט עפּיס דעם גוסס'ן אין צושלאָגענעם מארך, ארויסגערופען אַ בעקאַנט געפיהל — דאָס הארץ האָט איהם שטארקער אָנגעהויבען צו שלאָגען. ער האָט אויפגעעפענט דאָס רעכטע אויג, בעטראַכט דעם מויערער, שטאַרקער צוכראָפּעט זיך, געוואָלט עפּיס זאָגען, נור די צונג האָט איהם נישט געפאָלגט און ער האָט גלייך פערגעסען, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען. ער האָט צוריק צוגעמאַכט דאָס אויג מיט אַ כראָפּען, אין וועלכען עס האָבען זיך טרערען געהערט.

מען איז אַוועקגעלאָפען נאָך אַ דאָקטאָר און איינינע מויערער האָבען צונויפגעבונדען אַ פּאָר טראָג־ברעטער — נאַסילקעס, ארויפגעלעגט אויף זייביינושען און אַוועקגעטראָגען אַ היים. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס מען טוט מיט איהם, און נור שרעקליך געכראָפּעט, געכאָרכעלט, געקרעכצט. דאָס גאנצע רעדעל איז נאָכגעלאָפען. ער האָט נור געהערט אַ גערויש, געזעהען שאָטענס און גאָר נישט פערשטאַנען.

אין דריטען הויף איז אויך געוועזען אַ רעדעל. מיט איינינע מינוטען פריער האָט מען געזעהען שרה לאה'ן, ווי זי איז געשטאַנען אין הויף און געשפּיעלט זיך מיט די קינדער. פלוצלינג האָט זי

אַרויסגעלאָזען א שרעקליכען געשריי און אַראָבגעלאָזען זיך אויף ד׳ר׳ערד.

מען איז זיך צונויפגעלאָפען פון די אַרומיגע דירות. שרה לאה איז געזעסען אויף אונטערגעבויגענע פיס, די הענד אין די האָר, די אויגען אויסגעגלאָצט אויפ׳ן מויער, וואָס בויט זיך, און גע־שריען מיט בענומענע קולות: „ראַטעוועט!“ נעבען איהר איז גע־לעגען אויף ד׳ר׳ערד דאָס קליינע קינד און פערגאַנגען זיך פון גע־וויין; ביי די זייטען זיינען געשטאַנען די עלטערע צוויי מיידלעך, איבערגעשראָקענע, און געיאָמערט מיט אַלע כחות.

„זעה, וואָס איז דאָס מיט אייך?“ האָט זיך געווענדט צו איהר א שכנה.

נור שרה לאה האָט קיינעם נישט געזעהן און נישט געהערט, זי האָט געקוקט אויף איין פונקט. עס האָט זיך איהר געדאַכט, אז זי זעהט דאָרטין ביינוש׳ען אין דער לופט. עס האָט איהר געשווינ־דעלט אין קאָפּ פון זיין פליהען אָהן איין עק און אָהן א סוף. זי האָט געפיהלט, אז ער וועט דאָך א מאָל דערגרייכען די ערד און וועט זיך צושלאָגען אויף טויט. אָט, אָט דערגרייכט ער די ערד. נור ער טראָגט זיך, טראָגט זיך פאַר איהרע אויגען...

„אָי, ראַטעוועט, האַרצעלעך, ראַטעוועט!“ שרייט זי מיט געבעט, נישט אָבּרייסענדיג דעם בליק פון דעם פונקט.

„וואָס זייט איהר משגע געוואָרען, וואָס!“ שרייט צו איהר א שכן און שאָקעלט זי שטאַרק ביים אַקסעל.

„אָי, ראַט־ט־טעוועט־ט־ט, ראַט־טעוועט!“ בעט זי זיך, נישט בייטענדיג איהר פּאָזע.

אַלע האָבען געפיהלט, אז עפּיס האָט זיך געטראָפען מיט איהר, נור מען האָט נישט געוואוסט, וואָס. מען האָט זיך אָנגעהויבען צו גלייכווערטלען, גלייך מען וואָלט וועלען דערנעמען זי מיט א וואָרט, אז זי זאָל קומען צו זיך.

„וואָס זאָל מען אייך ראַטעווען? איהר זייט דאָך אין גאַנצען.“

„מען האָט איהר דעם דלות אוועקגעגנב׳עט.“

„א רחמנות אויפ׳ן גנב.“

נור דאָס האָט נישט געהאָלפען. שרה לאה האָט אַלץ געבעטען אין איין קול ראַטעוועז.

„זי איז דאָך טאַקי אויף צ״נ־אמת משגע געוואָרען!“ האָט אַ שכנה בעשלאָסען.

איינעם איז איינגעפאַלען אָבגיעסען זי מיט קאַלט וואַסער. שרה לאה איז אויפגעשפּרונגען. עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז ביינוש איז פערשוואונדען געוואָרען. זי האָט אַ שרעקליכען געשריי געטאָן, איז בלייך געוואָרען און געפאַלען ווי אַ פּלאַכט אויף ד׳ר׳ערד. מען האָט זי אויפגעהויבען און אַריינגעטראָגען אין שטוב. די קינ־דער האָט מען אָבגעפיהרט צו אַ שכנה.

שווער איז אָנגעקומען צו דערוואַרטען זיך פון שרה לאה׳ן אויף אַ טאָן. נור באַלד נאָך איהרע ערשטע אויסגעשרייען האָט זיך גע־לאָזט הערען אַ נייער קול: ביי איהר צופּיסען איז געלעגען אַ נייגעבאָרען איינגעל. נור זי האָט עס נישט געפיהלט; זי האָט וויע־דער אָנגעהויבען שרייען און בעטען: „ראַטעוועט, קריינעלעך, ראַ־טעוועט!“ יעצט האָט זי גאָר נישט געזעהען פאַר די אויגען. אַ געפיהל פון אַ שרעקליכען אונגליק האָט זי דורכגעדרונגען אין יעדעם אבר און אַ פינסטערע נאַכט האָט פערצויגען איהר זין.

אין שטוב האָט זיך דערהערט אַ געוויין פון די שכנות: זיי האָבען שרה לאה׳ס אונגליק נישט געקאָנט צוזעהען.

„מען האָט געדאַרפט לויפען נאָך ביינוש׳ען,“ האָט איינע גע־זאָגט, פערברעכענדיג די הענד.

„וואו געפינט מען איהם? וואו זוכט מען איהם?“ האָט אַ צווייטע גענטפערט פערצווייפעלט.

איין אַלטע שכנה האָט זיך גענומען זיין דערווייליע אַ באָבע. די מאַנסביל האָבען אָנגעהויבען אַרויסצוגעהן.

„געמוזט אפנים האָבען אַ שווער טראָגען,“ האָט איינער פון זיי ערקלערט די סבה פון שרה לאה׳ס שרייען. נור אין דער מינוט האָט זיך דערהערט אַ גערויש הינטער דער טיר. און, אַז די אַרויס־געהענדיגע מאַנסביל האָבען אויפגעעפענט די טיר, איז אַלץ קלאָר געוואָרען: נעבען דער טיר זיינען געשטאַנען די מויערער מיט די

טראָגברעטער, אויף וועלכע עס איז געלעגען דער צושלאָגענער ביינוש און שווער געכראָפּעט.

„זעהט, וואָס דאָ טוט זיך!“ האָט אויסגעשריען א שכנה, בלייך ווערענדיג.

„מען טראָגט איהם אַ געהרגעטען“, האָט אַ צווייטע געשעפּ־ציעט צו די איבריגע ווייבער, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אז שרה לאה זאָל נישט דערהערען.

„נ־נו!“ האָבען אַלע אויסגעשריען און א ריס געטאָן זיך צו דער טיר.

„וואוהין טראָגען זיי איהם?“ האָט א שכנה געזאָגט, שטע־הענדיג אין טיר. „אהער קאָן מען איהם נישט אריינטראָגען.“

„וואוהין דען זאָל מען איהם טראָגען? צו דיר?“ האָט איהר איין אַלטער מויערער גראָב אָבגעשניטען. עס איז איהם זעהר בי־טער געוועזען אויפ׳ן האַרצען פון רחמנות אויף ביינוש׳ען און ער איז געוועזען אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט.

„אָבער געהט זעהט, וואָס עס טוט זיך ביי איהם אין דער היים!“ האָט איין אַנדער שכנה געזאָגט. „דאָס ווייב האָט ערשט געהאַט.“

„אַ נאָמען!“ האָט עמיץ געזאָגט אין רעדעל, וואָס איז גע־שטאַנען נעבען טיר. א סך האָבען זיך איבערגעקוקט, ווי זיי וואָל־טען בעוואונדערט גאָט׳ס אויפטועכטסען.

„אַ אינגעל?“ האָט אַ אידענע נייגיעריג געפרעגט ביי דער צווייטער שכנה.

„אַ אינגעל,“ האָט די שכנה געענטפערט.

דער האַלבטוידטער ביינוש האָט אויפגעעפענט זיין איין אויג און בעקוקט די שכנה. ער האָט זי נישט פערשטאַנען, ער האָט נישט געקאָנט בעגרייפען, וואָס עס איז פאָרגעקומען. נור ער האָט ע פּ י ס דערפיהלט און עס איז איהם אין איין צייט ווארם און טרויעריג געוואָרען.

דער אלטער מויערער האָט בייז אָנגעקוקט דאָס רערעל.

„איז וואָס וועלען מיר שטעהן אויפ׳ן גאס!“ האָט ער מיט הארץ געזאָגט, און גענומען זיך פאַר דאָס ברעט.

„טאָ ווארט זשע כאָטש אויף א ביסעל,“ האָט די ערשטע שכנה געזאָגט. „מען דארף מאכען, אז די קינדבעטאָרין זאָל איהם נישט דערזעהען. נו, רבונו של עולם!“ האָט זי אָבגעקרעכצט, ארייגלויפענדיג אין שטוב. אלע ארומיגע האָבען אָבגעענטפערט מיט אַ קרעכץ.

און ביינוש האָט געוואָלט עפּיס בעקלערען. ער האָט בעגריפען, אז ער דארף עפּיס בעטראכטען, דערמאָנען זיך. און בים־לעכוויים, ביסלעכוויים האָט אָנגעהויבען עפּיס ארויסשווימען ביי איהם אויפ׳ן מארך. ער האָט דערפיהלט, בעגריפען די היים; ער האָט דערפיהלט, אז עס ציהט איהם צו עפּים.

„אַ ח־ח־ח־ח־ם... א ח־ח־ח־היים“... האָט זיך ביי איהם ארויס־געכאָרכעלט.

„באַלד, רב ביינוש! באַלד, רב ביינוש!“ האָט מען איהם מיט רחמנות געענטפערט.

אין שטוב האָט מען צושטעלט די בעטען איינס געגען דאָס אנ־דערע. נעבען דער אויבערשטער העלפט בעט, אויף וועלכען שרה לאה איז געלעגען, האָט מען אַוועקגעשטעלט דעם שראַנק; פון דעם שראַנק האָט מען פערצויגען אַ שטריק ביז דער וואנד און פערהאַנ־גען מיט אַ טישטוך און אַ ליילעך דעם איבריגען טייל בעט. יענ־מאָלט האָט מען אַריינגעטראָגען ביינוש׳ען.

ער האָט נישט געקרעכצט, ווען מען האָט איהם אראָבגענומען פון טראָגברעט און ארויפגעלעגט אויפ׳ן בעט. ער האָט נור אָנגע־שטעלט דאָס אויער און איינגעהערט זיך צו שרה לאה׳ס שרעקליכע קולות. אין זיינע אויערען האָט פון זיי גערוישט, געהילכט, גע־דונערט, נור ער האָט נישט געוואוסט, ווער שרייט עס. עס האָט

זיך איהם געדאכט, אז די קולות געהען פון איהם און ער האָט אימה׳דיג אָבגעבראָכען. אָבער ער האָט עפּיס געוואָלט בעקלערען. ער האָט געפיהלט, אז ע מ י ץ פעהלט נעבען איהם, אז ער וויל דעם ע מ י צ ע ן זעהען, אז ער בענקט נאָך דעם ע מ י צ ע ן. ער האָט בעגריפען, אז ער וויל עפּיס פרעגען, אז ער דאַרף עפּיס פרעגען, נור ער האָט נישט געקאָנט אַרויסקריגען פון זיין צושלאָגענעם קאָפּ, וואָס וויל ער פרעגען. איהם איז זעהר אומעטיג געוואָרען: טרערען האָבען זיך אָנגעהויבען צו קייקלען איבער דער רעכטער באַק און צונויפגעמישט זיך מיט׳ן בלוט, און פון זיין האַרץ האָט זיך אַרויס־געריסען א שרעקליך ראָווען. די אַרומיגע האָבען זיך דערשראָקען.

„וואָס קומט שוין נישט דער דאָקטאָר?“ האָט עמיץ גע־פרעגט.

„זאָל מען נאָך א מאָל לויפען,“ האָט נאָך איינער געראַטען.

איינינגע האָבען א שפּאַר געטאָן פון שטוב נאָכ׳ן דאָקטאָר. מען איז געוועזען צופריעדען, וואָס עס מאַכט זיך א סבה צו פערלאָזען די שרעקליכע סצענע.

ביינוש האָט אָבגעהאַקט דעם געוויין און אָנגעהויבען צו בע־טראַכטען די אַרומיגע. ער האָט קשה׳דיג אָנגעשטעלט אויף זיי זיין שרעקליכען בליק. וואָס זיינען עס פאַר מענשען? נור ער קוקט זיך שטאַרק צו. ער פיהלט, אז ער דאַרף אויף זיי קוקען — יענ־מאָלט וועט ער דערזעהען דעם ע מ י צ ע ן. און זיין מאַרך אַרבייט — ער וויל זיך דערמאָנען אויף דעם „עמיצען“. פּלוצלינג איז איהם אַרויסגעשוואומען פאַר די אויגען שרה לאה׳ס בילד. ער האָט זיך דערמאָנט אויף שרה לאה׳ן! איהם איז געוואָרען וואַרם, זיין האַרץ האָט שטאַרקער אָנגעהויבען צו קלאַפּען און א שרעקליך כראָפּען האָט זיך אַרויסגעריסען פון איהם. ביינוש האָט אָנגעשטעלט זיין בליק אויף די אַרומיגע און געזוכט שרה לאה׳ן. די אַרומיגע האָבען אָב־געטראָטען פאַר זיין קוק.

„מען האָט זי געדאַרפט איינשטילען. וואָס שרייט זי? זי האָט דאָך שוין אָבגעהאַט,“ האָט דער אַלטער מויערער געמורמעלט.

ביינוש האָט אַוועקגעשטעלט זיין בליק אויפ׳ן מויערער. ער האָט נישט פערשטאַנען, וואָס ער האָט געזאָגט, נור ער האָט דער־פיהלט, אז ד ע ר קאָן איהם זאָגען, וואָס מיט א י ה ר איז.

„וו־וו־וואָס ז־ז־זי?“ האָט ער אויסגעכאָרכעלט און אָנגע־שטרענגט דעם מח צו פערשטעהן, וואָס מען וועט ענטפערן.

„געהאַט!“ האָט איהם דער אַלטער געענטפערט. „ווער נור געזונד, ביינוש, וועסט שוין נחת האָבען, אם ירצה השם.“

ער האָט ווי פערוואונדערט געקוקט אויף דעם רעדער; זיין מח האָט שטאַרק געאַרבייט. און ביסלעכוויים איז איהם אַלץ העלער געוואָרען. עפּיס א געדאַנק האָט זיך דורכגעשפּאַרט! אין זיין רעכטען אויג האָט אויפגעבליטצט א פּייערל.

„געה־ח־חאַט!“ האָט ער איבערגעחזרט, כאָטש ער האָט נאָך נישט גוט פערשטאַנען, וואָס דאָס בעדייט.

„אַ אינגעל, א געזונד אינגעל,“ האָט נאָך עמיץ געזאָגט.

פון הינטער דעם ליילאַך איז אַרוים א שכנה מיט דעם פער־וויקעלטען נייגעבאָרענעם קינד ביי דער ברוסט. מען האָט צוגע־לאָזען די שכנה מיט׳ן קינד צום בעט. זי האָט צוגעטראָגען דאָס קינד צום גוסס׳ען פאָטער׳ס געזיכט, דער בלינדער קוק פון דעם ניי־געבאָרענעם׳ס אונבעוועגליכע אויגען איז געוועזען אָנגעשטעלט אויף דאָס מיט בלוט פערגאָסענע געזיכט פון דעם שטערבענדען.

„אַ אינגעל, ביינוש, א געזונד אינגעל,“ האָט דער אַלטער מויערער הארציג־ווייך געזאָגט.

ביינוש האָט נייגיעריג געקוקט אויף דאָס קינד, און באַלד האָט ער אַלץ פערשטאַנען. זיין געזיכט האָט זיך אָנגעהויבען צו בעוועגען, זיין ברוסט — שטאַרקער צו העבען.

„אַ אינגעל! א יאַט־ט־ט!...“ האָט ער אויסגעכאָרכעלט מיט שמחה און א העב געטאָן פון התפעלות די לינקע האנד. נור די האנד איז גלייך אַראָבגעפאַלען צוריק; א קראַמפּף איז איהם דורך איבער׳ן גאַנצען קערפּער.

„אַ יאַט־ט־ט־ל־ל...“ האָט ער נאָך איבערגעחזרט און זיין רעכט אויג האָט זיך פערדרעהט. ער איז געבליעבען אָהן אָטעם מיט אַ גליקליכען שמייכעל אויף דעם אויסגעקרימטען מויל.

„ברוך דיין אמת,“ האָט דער אַלטער מויערער ארויסגערעדט מיט טרערען, און אַלע אין שטוב האָבען אויסגעבראָכען אַ געוויין.

און אַז שרה לאה איז געקומען צו זיך —

.1896

גאסען־בילדער.

.1

„עוזר דלים הושיעה נא!“

א זומערטאָג. די זון שרפ'עט, די זון באַקט, און דער עולם קנויטשט די שטערנס, פערררייסט די היטלען ביז'ן נאַקען, פאָכעט זיך מיט די נאָזטיכלעך, און מען איז מודיע איינער דעם אנדערן, אז עס איז זעהר היים.

„אַי, היים! עס איז גאָר נישט איבערצוטראָגען.“

„היים־ס־ס! ניטאָ זיך גאָר וואו צו בעהאַלטען.“

אָבגעשטעלט זיך, אָבגערעדט וועגען דער היץ, אָבגעווישט זיך דעם שוויים, אָבגעפאָכעט זיך און אָבגעבלאָזען און אוועק ווייטער. —

אין רעכטען מיטען גאַס, וויל פון טראטואר האָט מען אראָבגעטריבען, איבער די שפּיציגע שטיינער פון דעם נישט־גלייכען ברוק געהען צוויי קליינע אינגלעך, ביידע פון א יאָהר צוועלף־דרייצעהן, און טראָגען אויף א גראָבען שטעקען א גרויסען, שווערען היינגלייכטער. די קינדער געהען איינגעבויגען אונטער דער שווערער משא און לעגען איבער איטליכע וויילע דעם שטעקען אויף איין אַנדער אַקסעל. זייערע פּנים'ער זיינען פערדויכערט און בעדעקט מיט פּאַסען — דאָס רינט דער שוויים רצועות־וויים פון קוימיגען געזיכט. די הענד שוואַרץ, די קליידער אָבגעריסען; פון פאָרנט זיינען זיי ארומגעבונדען מיט פּארטיכער, וועלכע מען ווערט געוויס קיינמאָל נישט דערוואַשען.

דאָס זיינען צוויי לערנאינגלעך ביי א בלעכער און טראָגען אָב א פערריכטען פּאַרצייטיגען לייכטער צו איין אַלטען פּאַרצייטיגען פריץ.

דער בעל הבית געהט זיי נאָך אויפ'ן טראטואר. דער שטריק, מיט וועלכען דער לייכטער איז צוגעבונדען צום שטעקען, האָט זיך א ביסעל אָבגעלאָזען. דער בעל הבית בעמערקט עס און געהט צו צו פערבינדען בעסער.

„צו שווער," קלאָגען זיך די קינדער.

„צו שווער?" קרימט ער זיך. „איז וואָס האָט איהר מורא, איהר וועט מפיל זיין? היידא, נישט גערעדט, טראָגט! עוזר דלים הושיעה נא!" — ער האָט דאָס ארויסגעזונגען מיט'ן ניגון פון הקפות און אומגעקערט זיך צוריק אויפ'ן טראטואר.

אָבגעהענדיג א ביסעל, האָט דער הינטערסטער אינגעל אויסגע־לונקען א פוס. איהם טוט עס זעהר וועה. ער העבט אָן צו הינ־קען, ווערט אין כעס און לאָזט אוים דעם כעס צום חבר.

„וואָס שלעפסטו אזוי, מאָטעל פארך!" שרייט ער בייז ארוים.

„ווער איינגעבראָכען, פראָמקע לאבוז! ווער שלעפט דיך?" ענטפערט מאָטעל מיט כעס.

„איך וועל דיר א טויט מאכען, מאָטעל פארך!" שרייט פראמ־קע מיט מעהר בייזקייט. „איך האָב איבער דיר דעם פוס אויסגע־לונקען!"

„ברעך דעם קאָפ, ווער טשעפ..." מאָטעל האקט זיך איבער — ער האָט אויך א לונק געטאָן דעם פוס. ער העבט אָן אונטערצו־שפרינגען און קרעכצען פאר וועהטאָג.

„נאַ דיר, אָ!" רעדט פראָמקע מיט נקמה.

ביי מאָטלען קאָכט דאָס בלוט.

„לאבוז, איך מאך דיר א טויט!" שרייט ער אוים מיט רציחה און גיט א בריק פראָמקען מיט'ן פוס, אָברייבענדיג דערווייל דעם פוס אָן לייכטער.

„נאָ, נאָ!" שרייט דער בעל הבית פון טראטואר. נור די קינ־דער הערען איהם נישט.

„מאָטעלע פארך!" שרייט אוים פראָמקע און גיט יענעם א קלאָפּ צוריק.

מאָטעל לאָזט אראָב דעם שטעקען פון דער אקסעל און ווארפט

זיך ארויף אויפ'ן חבר. פּראָמקע טוט דאָס זעלבע, און ביידע קינדער האַלטען זיך שוין איינס דאָס אַנדערע פאַר די נעזער.

עס לויפט צו דער בעל הבית און שיט מיט פּעטש אויף רעכטס און לינקס. ער נעמט זיי קוים פּערנאַנדער.

„בעסער, בעסער!" גיט מען אונטער חשק דעם בלעכער. „סאַר א שקצים!"

די קינדער, בעגיסענדיג זיך מיט טרערען, צודראַפּעטע ביז בלוט, העבען ווייטער אויף דעם שטעקען מיט'ן לייכטער אויף די אַקסלען און געהען זייער וועג, הינקענדיג, כליפּענדיג, בייז און פערביטערט...

„עוזר דלים הושיעה נא!"...

.1894

.2

דער טרעגער.

משה אהרן דער טרעגער געהט ארום א בלייכער איבער'ן טראַטואר און וואַרפט אומעטיגע, וויינענדיגע און פרעגענדיגע בליקען אויף יעדעם פאַרבייגעהער. ער געהט צו צו איי‌ניגע קראָמען, שטעלט זיך אָב, קוקט אריין, פרעגט מיט זיין טרויעריגען בליק אויף ארבייט פאַר זיך און, נישט בעקומענדיג קיין ענטפער, געהט ער אוועק.

„וואָס גוטס, משה אהרן?" פרעגט איהם א קרעמער, א קיי‌לעכדיגער איד אין א לאַנגער קאַפּאָטע און מיט אַ סאַמעטענעם הי‌טעל, און דריקט זיך דערביי דעם בויך און מאַכט א זויערע, יסורים'דיגע מיענע.

„אָט, צו איז נישטאָ עפּיס וואָס אָבצוטראָגען," ענטפערט ער און קוקט אריין אין קראָם.

„מיין בויכוועהטאָג," קרעכצט ארויס דער קרעמער.

משה אהרן געהט ווייטער.

„וואָס דאַרפסט'ע ?“ בעגעגענט איהם מיט רוגזה א קרעמערין, וועלכע האָט געהאַלטען אין רעדען מיט איהר מאַן אויף גאַנץ הויכע טענער.

„אָט גאָרנישט...“ שטאַמעלט ער. „עפּיס וואָלט איך אָבגע־טראָגען.“

„אז מען וועט דאַרפען, וועט מען דיך געפינען,“ שרייט זי אויס מיט דעם זעלבען טאָן און נעמט זיך ווידער צום מאַן.

משה אהרן זיפצט שווער אָב, און זיין געזיכט ווערט נאָך טרויעריגער. ער געהט צוריק צום עק גאַס, וואו עס שטעהען נאָך א סך טרעגער. זיין אונגליקליך געזיכט וואַרפט זיך זיי אין די אויגען.

„וואָס איז עס מיט דיר, משה אהרן ?“ פרעגט איהם איינער.

„דאָס ווייב געהט מסתמא דאָס צעהנטע מאָל צו קינד,“ ענט־פערט א צווייטער פאַר איהם.

„די דריי מאָל, וואָס זי האָט מפּיל געוועזען, רעכענסטו א פּנים גאָרנישט !“ לאַכט א דריטער.

משה אהרן קוקט אויף די פאַרבייגעהער און מאַכט זיך נישט הערענדיג די חברים'ס רעד.

„אין דער'אמת'ן, וואָס איז עס מיט דיר, משה אהרן ?“ פרעגט איהם ווידער דער ערשטער.

„וואָס זאָל זיין ?“ רעדט ער ארויס מיט הארץ און קערט אום דאָס געזיכט צו די חברים. „וואָס זאָל זיין, אז מען עסט דעם פיערטען טאָג נור טרוקען ברויט ? וואָס זאָל זיין, א פיערטען טאָג, אז מען פערדיענט נישט ?!“

ער קוקט א ווײַלע אויף די חברים מיט ביטערקייט און פער־אכטונג און קערט אָב פון זיי דאָס געזיכט.

די חברים בלייבען שטיל. קיינעם ווילט זיך שוין נישט גלייכ־ווערטלען, און מען קוקט אַריין אין גאַס מיט א שווערען געמיט. עס הערען זיך שווערע זיפצען.

„איך האָב שוין אויך דעם אנדער טאָג א גראָשען נישט פער־דיענט,“ רייסט איינער איבער דאָס שווייגען.

קיינער ענטפערט נישט א וואָרט. מען זיפצט נור שווער אב

JEWISH PUBLIC LIBRARY

און מען צוגעהט זיך. משה אהרן העבט ווייטער אָן ארומצודרעהען זיך צווישען די קראָמען.

„מש׳ אהרן! מש׳ אהרן!" רופט איהם א ווײלע שפּעטער א טרעגער. „געה, ס׳אי׳דאָ א קאסטען אָבצוטראָגען. געה, נעם... ביי זאַלבערגען. האָסט׳ע כח?"

„ס׳וועט זיך געפינען!" ענטפערט ער און אײלט אַוועק.

א זעקס־פּודאָווער קאסטען. ער קאָן איהם קוים ריהרען פון אָרט. ער שטעהט א ווײלע און קלערט, צו זאָל ער איהם נעמען, צו נישט. אין קראָם מיינט מען, אז ער בעקלערט, ווי בעסער אויפצוהעבען די משא.

„שטעל איהם ארויף אויפ׳ן גרויסען זאַק," ראט איהם דער משרת און ווייזט איהם אָן אויף א זאַק מיט שטריק, נישט ווייט פון קאסטען.

ביי איהם בלייבט צו נעמען ־עם קאסטען: זאָל ער איהם נור האָבען אויפ׳ן רוקען, וועט ער שוין געהן.

„קום העלף ארויפשטעלען," וועגדט ער זיך צום משרת.

„און אליין?" זאָגט דער משרת און געהט פון דעסטוועגען העלפען.

ביי די ערשטע פּאָר טריט איז משה אהרן שיער נישט אומ־געפאלען.

„שיכור ביזטו, וואָס?" שרייט מען איהם פון קראָם.

„יא! שיכור!" ברומט ער אָב און געהט אַוועק.

דער טרעגער, וועלכער האָט איהם איבערגעגעבען דעם קאַס־טען, בעגעגענט איהם און פרעגט מיט רחמנות:

„שווער?"

„און אז שווער, איז וואָס?" ענטפערט ער אָב בייז פון אונ־טער׳ן קאסטען.

ער קאָן קוים א טריט מאכען, נור ער שטאַרקט זיך. ער וועט בעקומען צוואַנציג קאָפּיקעס.

עס העבט איהם אָן צו שווינדלען פאַר די אויגען. דאָס בלוט האָט אָנגעשפּאַרט אין קאָפּ. דאָך ער געהט. ער זעהט שוין דאָס

הויז, וואוהין ער דארף צושטעלען דעם קאסטען.

אָבער דער שווינדעל אין קאָפּף ווערט שטארקער. עס דוכט זיך איהם, אז עמיץ האָט איהם לייכט א שטויס געטאָן אין זייט, און ער פאַלט ערגיץ טיעף, טיעף... עס ווערט איהם אזוי גרינג אויפ'ן רוקען — ער פיהלט גאָר די משא נישט. עס איז איהם נור א ביסעל שוואכליך ביים הארצען, און דאָס פאַלען אין די טיעפקייט איז אויך עפּיס נישט שטארק אנגענעם. עס ציטערט אין איהם דאָס הארץ, ער זאָל זיך נישט צושלאָגען, אראָבפאַלענדיג. נור אָט דערגרייכט ער דעם גרונד פון דער טיעפענים — ער גיט א ציטער און גלאָצט אוים די אויגען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ווייל דאָס איז געוועזען אין חלי־רע צייט, איז פאָרגעקומען אין גאַס אזא מין געשפּרעך:

„וואָס איז דאָס געוועזען פאר א רעדעל?“

„א טרעגער איז אוועקגעפאַלען.“

„געשטאָרבען?“

„וואָס דען?“

„וואָס? פון חלי־רע?!“

„ווער ווייס!“

„אז די קבצנים עסען זיך אָן מיט שדים ווייסען וואָס!“

.1894

.3

אויסגעצייכענטע באַרנעם.

חנה דאָבע איז געגאַנגען אין מיטען גאַס מיט צוויי קאָשיקעס, איבערגעפילטע מיט בארנעס, אויף ביידע הענד. זי איז געגאַנגען איינגעבויגען מעהר אויף דער לינקער זייט, ווייל דער קאָשיק פון דער רעכטער האנד איז געוועזען גרעסער און שווערער.

אַ זיסער שמייכעל איז צוגאָסען געוועזען איבער איהר פּנים. זי איז געגאַנגען מיט גרויסע, פרעהליכע טריט, מיט'ן קאָפּף צו דער ערד, פערטיעפט אין זיסע געדאַנקען.

זי איז געוועזען צופריעדען מיט גאָט, מיט זיך אליין, מיט דער גאַנצער וועלט. און די זון לייכט טאַקי אַזוי העל און אַזוי שיין, ווייל איהר, חנה דאָבען, איז יעטצט מאָדנע פרעהליך אויפ'ן האַרצען.

ניין, עס האָט זי געדריקט צום לאַכען. צייטענווייס האָט זי זיך אומגעקוקט. זי וואָלט וועלען דערזעהן אַ בעקאַנטע און דורכ־רעדען זיך, אויסדערצעהלען דאָס גרויסע גליק, וואָס איהר האָט גע־טראָפען.

אַ גליק, גאָר נישט קיין מענשענגליק. עפּיס ווי דאָס האַרץ האָט איהר געזאָגט, זי זאָל היינט געהן צו סווידערסקי דעם גערטנער.

עס דוכט זיך איהר, אז עפּיס האָט זיך איהר גע'חלום'ט וועגען דעם. עפּיס האָט זיך איהר די גאַנצע נאַכט ארומגעדרעהט אין קאָפּף... ניין, ביילע די קרעמערין האָט זיך איהר גע'חלום'ט, ווי יענע האָט איהר צוגעשטעלט איין איבריג פונט זאַלץ, און זיי האָבען זיך צוקריעגט.

„טפו מיינע שונאים!“ ביילע ליעגט שוין פון צוויי חדשים אין קבר. זי האָט געקאָנט ד י מ ל א כ ה, „זאָל זי מיר מוחל זיין.“

אָבער טאַקי מאָדנע. ווי זי האָט אויפגעעפענט די אויגען, איז איהר גלייך ארויפגעקומען אויפ'ן זין, אז מען דאַרף פּרובען אַ געה טון צו סווידערסקין.

און נעכטען איז זי ארומגעגאַנגען דעם גאַנצען טאָג און גע־קלערט: „געוואַלד, גאָטעניו, שטאַרקינקער פאָטער, רבונו של עולם, מאַך איך זאָל עפּיס פערדיענען, מאַך...“

זי האָט איהם נאָך גענומען אוי־סצורעכענען, אויף וואָס זי דאַרף און ווי נויטיג זי דאַרף. און ער האָט טאַקי געזעהן, אז זי האָט רעכט.

אָה, אז ע ר וויל, קאַן ע ר!

זי האָט זיך אומגעקוקט. אָט דאָס טאַקי אַלץ דאַרף מען דער־צעהלען די אַנדערע הענדלערקעס. זאָל מען זעהן, וואָס פאַר אַ גאָט מיר האָבען און וואָס פאַר אַ זכות זי האָט.

אהא, נעבען טראַטואַר שטעהט ריבה יענטע. זי איז אפילו אַ גרויסער „בעל מקנא“, פערגינט נישט, אַז דער אַנדערער פער־דיענט אַ גראָשען. מיט איהר דאַרף מען קיין שטאַרקע מחזקות נישט מאַכען. נור חנה דאָבע קאַן זיך נישט איינהאַלטען. זי מוז איהר כאָטש בעווייזען די סחורה, זי וועט איהר קיין שום מעשות נישט דערצעהלען. זי האָט אָנגעהויבען צו שפּרייזען צו ריבה יענטען.

יענע האָט שוין פון חנה דאָבעס געזיכט פערשטאַנען, אַז ביי איהר מוז „עפּים“ זיין.

„וואָס טראָגסטו גוטס, חנה דאָבע?“ האָט זי געפרעגט און שטאַרק איינגעקוקט זיך אין חנה דאָבען.

חנה דאָבע איז צוגעגאַנגען, אָבגעשטעלט זיך און אויסגעגלייכט דעם רוקען.ביידע קאָשיקעס אָבער האָט זי געהאַלטען אויף די הענד, נישט אַראָבגעלאָזען אויף דער ערד. דאָס האָט זי געטאָן מיט אַ כיון: איהר קויף זאָל זיך עפּים מעהר וואַרפען אין די אויגען. און גלאַט איז ער איהר געוועזען צו טייער, זי זאָל איהם אַראָב־שטעלען אויף דער ערד. און זי האָט אויסגעזעהען שטאָלץ און פער־גניגט. זי האָט נור געשמייכעלט. דאַרף זי דען עפּים ענטפערן?

ריבה יענטע האָט גענומען בעטאַפּען די באַרנעס. חנה דאָבע האָט איבערגעטראָגען איהר בליק פון ריבה יענטען אויף די באַרנעס און פון די באַרנעס אויף ריבה יענטען, און געפיהלט זיך פאַר די גליקליכסטע אין דער וועלט.

„פיינע באַרנעס! וואו געקויפט?“

„פ י י נ ע באַרנעס!“ האָט חנה דאָבע איבערגע'חזר'ט מיט גאוה און עטוואָס פערדראָסיג: נור אַזא „בעל מקנא“ ווי „ריבה יענטוך“ קאָן זיך אַזוי אויסדריקען. „פּשוט צוקער!“ האָט זי פער־בעסערט מיט התפּעלות. „צוגעהען אין מויל!...“

„וואו געקויפט?“

מען האָט שוין טאַקי געקאָנט הערען אין ריבה יענטעס קול א ביסעל קנאה. און חנה דאָבע האָט קורץ אָבגעשניטען:

„וואו געקויפט? געקויפט!“

ריבה יענטע איז שוין געוואָרען ברגז. זי וואָלט מיט פערגניגען אָבגעזאָגט א שטעכוואָרט, נור זי האָט זיך איינגעהאַלטען און רוהיג געפרעגט:

„האָסט געצאָלט...“ און זי האָט אליין אָנגערופען דעם פּרייז.

„האַ־האַ־האַ, אוהום!“ איז געוועזען חנה דאָבעס ענטפער.

„אפשר עפּים טייערער?“

„האַ, האַ! אַ העלפּט דערפון, זאָל איך אזוי לעבען מיט דיר, א העלפּט דערפון!“

„אַך, נו, פּטור, נו!“

„איך זאָג דאָך דיר, זאָל איך אזוי לעבען מיט דיר... זאָל איך אזוי האָבען...“

„אַ מציאה, פשוט פון א גנב,“ האָט ריבה יענטע געמורמעלט דורך די ציין.

„טאַקי א מציאה!“

חנה דאָבעס פּנים האָט געלויכטען פאר גליק און שטאָלץ. זי האָט שוין געמאַכט א בעוועגונג אַוועקצוגעהן, אָבער עס איז זיך איהר נאָך נישט געגאַנגען. עס איז איהר געפּעלען געוועזען ריבה יענטעס איבערראשונג, און עס האָט זי געצויגען פאר דער צונג צו דערצעהלען, ווי זי האָט זיך נעכטען דורכגערעדט מיט דעם טייערען גאָט, ווי עס האָט זיך איהר גע'חלום'ט בייליע די קרעמערין... זי איז געבליבען שטעהן און געקוקט אויף ריבה יענטען מיט איהר גליקליכען שמייכעל אויף די ליפּען.

„וואו פאָרט געקויפט?“ האָט ריבה יענטע געפרעגט, קוקענדיג מיט קנאה אויף חנה דאָבעס „שמעלצענדיג“ געזיכט.

„וואו געקויפט! נישט גע'גנב'עט. בעצאָלט גוט געלד, אזא שטיק גאָלד זאָל איך האָבען.“

נאַ, יעטצט קאָן זי שוין אַוועקגעהן. אין ריבה יענטעס אויגען האָט אויפגעבליצט אַ בייז פייערל און אויף די ליפּען האָט זיך בײ

וויעזען א שטעכעדיגער שפּאָט־שמייכעל. נור אָן געהען דבורה רייזע מיט באַשע טעמען,ביידע מיט קאָשיקעס אויף די הענד. און חנה דאָבע איז געבליעבען שטעהן. זי האָט מעהר נישט אויסגע־דרעהט זיך מיט איהר „שמעלצענדיגען" פּנים צו די אָנקומענדיגע הענדלערקעס און געמאַכט זיך, ווי זי האָט נאָר פערגעסען, אז ריבה יענטע איז פאַראַן אויף דער וועלט. נור ערגיץ ווייט אין זיך האָט זי גע'חזר'ט, אז ריבה יענטע איז א רשעת, א נישט פערגינערקע, א גרויסע „בעל מקנא".

„גוטען טאָג!"

„גוטען טאָג, גוט יאָהר!"

„וואָס זאָגט איהר אויף איהרע באַרנעס?" האָט ריבה יענטע גלייך געפרעגט, אָנווייזענדיג מיט'ן קאָפּ אויף חנה דאָבען.

קנאה האָט זיך געהערט אין קול און חנה דאָבע האָט עס שטאַרק געפיהלט. נור זי האָט זיך געמאַכט ווי זי הערט נישט און גע־קוקט מיט'ן גליקליכען שמייכעל אויף די אידענעס, וועלכע האָבען בעטראַכט און בעטאַפּט און בעוואונדערט איהרע באַרנעס.

„שיינע באַרנעס. ווי טייער בעצאָלט?"

ריבה יענטע האָט געענטפערט מיט דעמזעלבען קנאה־טאָן, און חנה דאָבע האָט נאָך שטאַרקער געשמייכעלט. ביידע ווייבער האָ־בען אויסגעשטעלט די אויגען פון פערוואונדערונג.

„אָט א מציאה! וואו געקויפט?"

זעקס פּאָר אויגען האָבען אויף איהר געקוקט. ריבה יענטע'ס אויגען האָבען „געשטאָכען" — חנה דאָבע האָט איהר בליק נישט געזעהן און דאָך געפיהלט איהם. אָבער יעטצט האָט זי געוואוסט, אַז דבורה רייזען מיט באַשע טעמען וואָלט זי אויך נישט דער־צעהלט, ווייל... זי ווייס אליין נישט, פאר וואָס. עס דוכט זיך איהר מעהר נישט, אז זי טאָר נישט דערצעהלען, ווייל דאָס קאָן איהר שאַדען.

און עס ווילט זיך איהר דערצעהלען, א גרויל! מיט וואָס פאר א פערגנניגען, וואָלט זי זיך צורעדט וועגען דעם, ווי סווידערסקי איז איהר אַרויף אויפ'ן מח, באַלד ווי זי האָט אויפגעעפענט די אויגען,

ווי גוט סווידערסקי איז זיך מיט איהר בעגאַנגען, ווי ער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז נור איהר צוליעב, ביי איין אַנדערער וואָלט ער גענומען טייערער... זי וואָלט טאַקי אָנגעזאָגט א פּאָר ליגען און געשוואָרען אויף זיי מיט צעהנדליגע שבועות.

דבורה רייזע און באַשע טעמע, נישט דערוואַרטענדיג זיך אויף איהר ענטפער, האָבען אַריבערגעטראָגען זייער בליק אויף ריבה יענטען: פּיעללייכט וויים זי?

„דאָס איז ביי איהר א סוד,“ האָט ריבה יענטע געזאָגט און נעקרימט מיט׳ן מויל.

„א סוד!“ האָט זיך באַשע טעמע אָנגעכאַפּט מיט איראָניע.

„א סוד? עס איז גאָר קיין סוד נישט,“ האָט חנה דאָבע געזאָגט מיט איהר שמייכעל. „וואָס איז דאָ פאר א סוד? וואָס זאָל איך מורא האָבען? עס איז גאָר קיין סוד נישט! וואו געקויפט? געקויפט! נישט גע׳גנב׳עט.“

זי איז געוועזען צופריעדען מיט׳ן ענטפער און געפיהלט, אַז עס איז יעטצט גלייכער „אָבצוטראָגען זיך“. נור דבורה רייזעס ווערטער האָבען זי אויפגעהאַלטען.

„זעה, ווי זי וויל נישט זאָגען,“ האָט דבורה רייזע געזאָגט מיט פערראַכטונג. „האָב קיין מורא נישט, מען וועט ביי דיר נישט אויסכאַפּען!“

„וואָס זאָל איך מורא האָבען? איך האָב גאָר קיין מורא נישט! די וועלט איז דען קליין?“ האָט חנה דאָבע געענטפערט און געמאַכט שוין א פּאָר מאָל די בעוועגונג אויף אַוועקצוגעהן.

„א גוטע, א גוטע! אַזאַ יענע וועלט...“ האָט זיך ריבה יענטע געשטאָכען. זי וואָלט מיט פערגניגען א שטופּ טון יעצט חנה דאָבען, אָדער אונטערשטעלען איהר א פוס, און אויסשיטען איהר די באַרנעס.

„האָב דו די יענע וועלט!“ האָט חנה דאָבע אָבגעשאָלטען צוריק. „וואָס שילסטו זעך נאָך? איך האָב עפּיס דיינע פערנומען?“

„מעהר וואָלט דיר נישט געפעהלט!“ האָט ריבה יענטע געזאָגט

מיט נצחון. „וואָס, וואָס, אקעגען דיר וואָלט איך שוין געקאָנטביישטעהן! איך וואָלט דיר דאַכט זיך די אויגען אַרויסגענומען.“

און ריבה יענטע קומט אַלץ מעהר צום בעשלוס, אַז, אויב חנה דאָבע וועט נאָך שטעהן, וועט זי זי אַ שטויס טון פון זיך, אַז זי וועט קלייבען די באַרנעס מיט די ציין צוזאַמען.

עס איז געוואָרען אַ קריעגעריי. חנה דאָבען האָט זיך יעטצט געדאכט, אַז זי האָט זעהר גוט געטאָן, וואָס זי האָט די ארורות נישט דערצעהלט, און גענומען אין זיי נקמה, וואָס זיי ווייסען טאַקי נישט, וואו זי האָט געקויפט די באַרנעס. זי האָט שוין עטליכע מאָל אויסגעשפּייט און געמאַכט אַ פּאָר טריט אויף אַוועקצוגעהן און יעדער מאָל אומגעקערט זיך אָבצוענטפּערן אויף אַ קללה אָדער אָבצולאָזען אַ שטעכוואָרט. לעדיגגעהער האָבען זיך אָבגעשטעלט: עס איז געוואָרען אַ קליין רעדעל. און ריבה יענטע האָט שוין אויפגעהויבען די הענד, אַ שטויס צו טון חנה דאָבען. נור פּלוצלונג האָט איינער פון רעדעל אַ ברום געטאָן, אַז עס געהט אַ גאָראָדאָוואָי. די ווייבער זיינען גלייך געקומען צו זיך און געלאָזען זיך ענטלויפען.

„אַ זשידאָווקי!“ האָט דער גאָראָדאָוואָי אויסגעשריען, דערזעהענדיג די ענטלויפענדיגע אידענעס. און עס האָט זיך איהם פערגלוסט אָבצוטון אַ העלדענטאַט: כאַפּען אַ „זשידאָווקע“ און צושטעלען זי אין צירקעל — דערביי נאַטירליך וועט מען האָבען אומזיסטע פּרוכטען. ער האָט גלייך בעמערקט, אַז חנה דאָבע מיט איהרע אָנגעלאָדענע קאָשיקעס לויפט שווערער פאר די אַנדערע, און געלאָזען זיך נאָך איהר.

„אָי, מאַמינקע, מאַמינקע!“ האָט זי געשטאַמעלט מיט שרעק, פיהלענדיג הינטער זיך דעם גאָראָדאָוואָי. „אָי, גאָטעניו, גאָטעניו, ראַטעווע...“

עס איז אַראָבגעפאַלען אַ באַר, און נאָך איינע, און נאָך איינע, און „אַ סך“ מיט אַ מאָל.

„גאָט אין הימעל! רבונו של עולם!“ עס ברעכען זיך איהר אונטער די פיס. זי וואָלט כאָטש וועלען אַ קוק טון מיט איין אויג, וואוהין זיי האָבען זיך פערקייקעלט, וואו זיי ליעגען, וואָס טוט זיך

מיט זיי. נור פון אלע זייטען רופט מען איהר צו, זי זאָל שנעלער לויפען.

„גיכער, גיכער, גיכער...“

עס פערכאַפּט דער אָטעם ביי די ארומיגע אידען. זיי ווילען נישט, אז דער גאַראָדאָוואָי זאָל זי כאַפּען. זיי ווייסען, אז עס וואָלט גוט געווען אונטערצושטעלען איהם א פוס, אויפצוהאַלטען איהם ווי עס איז, און קוקען צו מיט א פערכאַפּטען אָטעם, צו וועט ער זי דעריאָגען צו נישט, און שרייען:

„גיכער, גיכער, גיכער...“

זי איז פערלאָפען אין א הויף, אריינגעכאַפּט זיך אין א געשעפט און איז „נעלם“ געוואָרען. אז דער גאַראָדאָוואָי איז צו צום טויער, האָט ער זי שוין מעהר נישט געזעהן. ער האָט זיך אָבגעשטעלט, אראָבגענומען דאָס היטעל, אָבגעווישט זיך דעם שווייס און געקוקט אויף די אידען מיט זעהר בייזע אויגען. די אידען האָבען געקוואָלען, אָבער נישט געקוקט אויף איהם. זיי פערשטעהען א געשעפט: מען דאַרף איהם יעטצט נישט רייצען. נור ער זעהט זייער שטעכעדיגען שמייכעל, ער פיהלט זייער נקמה, און ער זידעלט אלע אידען בכלל, און טרייבט פערנאַנדער די ארומיגע מיט קללות און קלעפּ, און בעשליעסט צו בלייבען שטעהן נעבען טויער און וואַרטען. א פּאָר אידען זיינען אַריין אין הויף מתרה זיין חנה דאָבען.

און חנה דאָבע איז געזעסען אין איהר פערבאָרגענעם אָרט קוים אטמענדיג און געוויינט — געוויינט אויף די פערלאָרענע באַרנעס. דאָס איז איהר גאַנצע פּרנסה! אבי זי האָט שוין געמיינט און געפרייט זיך... אפשר האָט עס זי גאָט געשטראָפט דערפאַר, וואָס זי האָט נישט געוואָלט דערצעהלען די ענדלערקעס, וואו זי האָט געקויפט? און... זי שילט זיי מיט טויט־ביטערע קללות, די נישט־פערגינערקעס, אז ווען נישט זיי, וואָלט זי צו קיין צרה נישט געקומען.

פון די באַרנעס אין גאַס איז געוואָרען א „תל עולם“. א סך זיינען צודריקט געוואָרען פון פוהרען און דראָשקען און דעם רעסט האָבען אויפגעהויבען אייניגע טרעגער. זיי האָבען זיי אויפגע־

הויבען, מיט א פערלעגענהייטס־שמייכעל ארומקוקענדיג ארום זיך, ווי זיי וואָלטען זיך געשעמט פאר דעם געדאַנק, וועלכער האָט זיי געהייסען איינבויגען זיך און אויפהעבען די בארנעס. א רגע האָבען זיי בעטאַפּט די פּרות מיט זייער פערלעגענהייטס־שמייכעל און גע־טראַכט דערביי, אז מען דארף צושטעלען דער הענדלערקע איהר סחורה, איהר איינענס. נור גלייך זיינען שוין איינעמ'ס ציין גע־שטאַנען אין א בארנע און די אַנדערע האָבען איהם נאָכגעמאַכט.

„אויסגעצייכענטע בארנעס, ווי?"

און איינער האָט אויפגעהויבען א פּאָר בארנעס, בעטראַכט זיי און ארייננגעלעגט אין קעשענע — פאר די קינדער. און גלייך איז ער אריין אין הויף, האָט אויפגעעפנט די טיר פון דער קראָם, וואו חנה דאָבע איז געזעסען, אריינגערוקט דעם קאָפּ און פריינדליך ארויס־גערעדט:

„זיצט נאָך, אידענע, דער הונט איז נאָך ביים טויער."

.1898

.4

דאָס מענשענרעדעל.

א פערד איז געפאלען.

„אַ כאלעריע זאָל אויף דאָס קומען!" האָט זיך אויסגעשאָלטען דער בעל עגלה, א קליין, מאָגער אידעל מיט א געלען שיטערען בער־דעל, און אָנגעהויבען אראָבצוקריכען פון וואָגען.

איניגע פאַרבייגעהער האָבען זיך אָבגעשטעלט. עטליכע קינ־דער זיינען צוגעלאָפען, נאָכמאכענדיג אויפ'ן וועג א לויפענדיגען פערד, אונטערבויגענדיג די פיס און ווארפענדיג מיט'ן קאָפּ.

דער פּאַסאַזשיר איז אראָבגעשפּרונגען פון דראָזשקע, ארויפ־געכאַפּט זיך אויף איין אַנדערע און געהייסען שנעל פאָרען. ער האָט געאיילט, און אַלע האָבען געזעהן, אז ער איילט, ווייל ער האָט אָנגעקנויטשט די שטערן און געמאַכט א זעהר אונצופריעדענע מינע.

דער בעל עגלה האָט איהם נאָכגעשיקט א בייזען, שטעכעדיגען קוק, פול פעראַכטונג.

„האַלב וועג שוין אָבגעפאָרען, פּסיא קרעוו!“

דאָס מענשענרעדעל האָט געפיהלט די עולה, וועלכע יעדער איינציגער פון איהם וואָלט אויך געטאָן.

„א טייערער פּריץ!“ האָט דאָס מענשענרעדעל געזידעלט.

דער בעל עגלה האָט אויסגעלאָזען זיין גאַנצען כעס צום פערד. ער האָט איהם א זעץ געטאָן אין בויך מיט'ן גרויסען ברייטען שטי־פעל און מיט'ן גאַנצען כח. איהם האָט זיך געדאַכט, אז דאָס טוט נאָך נישט שטארק וועה. ער האָט א זעץ געטאָן מיט'ן שפּיץ פון דעם גרויסען שטיפעל.

„א כאָליערע אויף דיר!“

דאָס רעדעל האָט געוואַרט אויף א דריטען קלאַפּ און שוין געפיהלט איהם.

דאָס פערד האָט א ציטער געטאָן מיט'ן גאַנצען קערפּער און געבליבען ליגען, פלעגמאַטיש און פויל קוקענדיג פאַר זיך אין די ווייטענים, גאַנץ קאַלטבלוטיג און גלייכגילטיג. עס האָט געוואָלט ליגען און זאָל זיין וואָס עס וויל. עס האָט זיך ניט אויסגעמאַכט פון דעם מענשענרעדעל און עס האָט געשיינט, אז עס זעהט גאָר נישט די מענשען.

דער בעל עגלה האָט אָנגענומען דאָס פערד פאַר'ן צוים, גע־שלאָגען מיט'ן בייטש, וואוהין ער האָט געטראָפען, און געשאָלטען.

„נאָ, נאָ, נאָ־נאָ! פּגר'ן זאָלסטו! א מגפה אויף דיר!“

פון רעדעל איז אַרויס א יונגער מאַן איז א קאַפּעלוש. איהם האָט זיך געדאַכט, אז ער האָט א גוטען געדאַנק, ווי אויפצוהעבען דאָס פערד. איהם האָט זיך געוואָלט בעווייזען א בריה'שאַפט. ער האָט גענומען דעם עק און אָנגעהויבען צו דרעהען.

דאָס מענשענרעדעל האָט געקוקט אויפ'ן עק און אָנגעהויבען צו בעקומען גוטע געדאַנקען. עס האָבען זיך אָנגעהויבען שיטען עצות. נאָך עטליכע פאַר הענד האָבען זיך צוגעלעגט צום פערד. א איינגעל מיט א שטעקעל האָט אָנגעהויבען צו שלאָגען דאָס

פערד אין דעם הינטערסטען טייל און געשריען: „נאַ־נאַ, נאַ־נאַ!“ ער האָט געהאַט דאָס אנגענעמע געפיהל, ווי דאָס פערד וואָלט געלאָפען און ער וואָלט עס אונטערגעטריעבען און געפּאָרען — „געקאַטאַיעט“ זיך.

דאָס פערד איז רוהיג געלעגען. איהם איז נור א ביסעל אונאנגענעם געוועזען, וואָס עמיץ דרעהט איהם דעם עק, גלייך ער וואָלט איהם וועלען ארויסרייסען, און וואָס נאָך עמיץ האָט איהם געעגבוירט מיט'ן קולאַק אין בויך, גלייך ער וואָלט וועלען אויסבויערען דאָרטין א לאָך.

דער בעל עגלה האָט עס גענומען אויסשפּאַנען. דאָס מענשענרעדעל האָט פּלוצלינג בעגריפען, אז דאָס איז דאָס בעסטע מיטעל.

„מען דאַרף עס אויסשפּאַנען,“ האָבען זיך דערהערט קולות.

מען האָט געוואַרט, אז דאָס פערדעל וועט יעטצט אויפשפּרינגען און אפשר נאָך לאָזען זיך לויפען און מען איז אָבגעטראָטען. דער יונגער מאַן אין קאַפּעלוש האָט אָבגעלאָזען דעם עק אָהן חשק.

דאָס אויסגעשפּאַנטע פערדעל האָט דערפיהלט א לייכטיגקייט אין קערפּער און איז געבליעבען ליעגען מיט דער זעלבער פוילער מינע. — — —

אויף דאָס ניי דאָס שלעפּען, שטופּען, עק־דרעהען, שרייען, שלאָגען.

דאָס מענשענרעדעל איז געוועזען שטאַרק פּעראינטערעסירט. דער בעל־עגלה איז שוין געוועזען פערצווייפעלט, ער האָט אָנגעהויבען שלאָגען דאָס פערד מיט'ן פּוס, וואוהין ער האָט נור געטראָפען.

„א כאָליערע זאָל אויף דיר קומען!“

דאָס מענשענרעדעל האָט געפיהלט די קלעפּ, דעם וועהטאָג.

„סאַר'אַ מין גזלן,“ האָט עס געמורמעלט.

דער בעל עגלה איז געבליעבען א ווײַלע שטעהן, געקוקט אויף דאָס פערד און געטראַכט וואָס צו טון. דאָס האַרץ האָט איהם געקלעמט. ער וואָלט וויינען און רייסען אויף זיך דאָס האָר.

און וואָלט קוסען דאָס פערד און בעטען עס רחמים, עס זאָל אויפשטעהן און אוועקגעהן.

און וואָלט עס שלאָגען מכות רצח.

און וואָס ווילען די לעדיגגעהער? א כאָליערע זאָל קומען אויף זיי, אויף דאָס פערד, אויף איהם אליין און אויף די גאַנצע וועלט!

ער האָט געגעבען דעם פערד א זעץ מיט'ן פוס אין בויך און גענומען דאָס זעקעל מיט'ן האָבער. ער האָט אויסגעשאָטען אונטער'ן מויל א פּאָר הויפען האָבער.

דאָס מענשענרעדעל האָט ווידער פּלוצלינג בעקומען גוטע געדאַנקען.

„א פערהונגערט פערד, א צער בעלי חיים, דאָ וועט מען מיט קלעפּ גאָר נישט מאַכען. עסען דאַרף מען איהם געבען, עס זאָל כח האָבען צו געהן."

דאָס פערד האָט אפילו נישט א קוק געטאָן אויפ'ן האָבער.

דער בעל עגלה האָט געדריקט דעם פערד'ס קאָפּ צום האָבער. דאָס פערד האָט זיך נישט צוגעריהרט.

„עס פגר'ט אוועק," האָט דאָס מענשענרעדעל בעשלאָסען. מען האָט אויפגעהערט צו שלעפּען, שמייסען און שטויסען. דער יונגער מאַן אין קאַפּעלוש האָט זיך אָבגעווישט דעם שוויים. דאָס אינגעל מיט דעם שטעקעל איז געבליעבען שטעהן מיט איין אָפענעם מויל, דאָס שטעקעל אויפגעהויבען אין דער לופטען. אלע האָבען אויפמערקזאם געקוקט אויף די גסיסה.

דער בעל עגלה האָט אַרומגענומען דעם פערד'ס קאָפּ. ער האָט עס געוואָלט גלעטען, בעטען, וויינען פאַר איהם — — מיט אלע כחות האָט ער אַראָבגעלאָזען דעם פערד א זעץ מיט'ן פוס אין קאָפּ.

„פגר שוין!"

דאָס איז געווען א שרעקליכער וועה־געשריי.

און איהם ווילט זיך שלאָגען, שלאָגען, גיכער מאַכען א סוף.

„א גזלן!" האָט געמורמעלט דאָס מענשענרעדעל.

ער וואָלט זיך אַרויפגעוואָרפען אויף דאָס רעדעל און שלאָגען, שטויסען מיט'ן פוס... שלאָגען און שטויסען. ער האָט בייז א

קוק געטאָן אויף דאָס רעדעל און מיט האסט אָנגעהויבען צו קראַצען זיך דעם קאָפּ און געקוקט אויף דאָס גוסס'ע פערד.

עס איז צוגעגאַנגען א פּאָליציי־מאַן און אויסגעקאָמאַנדעוועט צוצונעמען די נבלה. דאָס אינגעל מיט דעם שטעקעל איז אוועקגע־לאָפען נאָך א לאַנגען וואָגען.

און דער בעל עגלה האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען איין אומע־טיגע מעשה.

ער האָט נישט א גראָשען ביי לייב און זעעל. מיט וואָס וועט ער בעצאָלען פאַר די פור, וואָס מען וועט ברייננגען? דעם גאַנצען טאָג איז ער אָבגעזעסען אין דער היים, ווייל ער האָט געדאַרפט פער־ריכטען א ראָד — דאָס מענשענרעדעל האָט א קוק געטאָן אויף די רעדער — און יעטצט, אז ער איז שוין מיט מזל ארויסגעפאָרען, איז דאָס פערד גאָר אוועקגעפאַלען.

דער יונגער מאַן אין קאַפּעלוש האָט ארויסגענומען דעם געלד־בייטעל. פערקאַסערנדיג די פּאָלע, האָט ער א הוסט געטאָן. נאָך א פּאָר פּאָלעס האָבען זיך אויפגעהויבען.

פון מענשענרעדעל איז ארויס א הויכער צילינדער און אוועק־געגאַנגען מיט לאַנגזאמע טריט מיט א גאַנץ צופריעדענער מינע אויפ'ן געזיכט. נאָך איהם איז ארויס א צווייטער צילינדער און אויך אוועק מיט לאַנגזאמע טריט, האַלטענדיג זיין שטאָק אויף הינ־טען מיטביידע הענד און אונטערזינגענדיג. און דאַן זיינען ארויס א פּאָר לאַנגע קאַפּאָטעס און אוועק מיט שנעלע טריט און אָנגע־קנויטשטע שטערן — זעהר בעשעפטיגטע מענשען.

דער יונגער מאַן האָט אריינגעשפּאַרט דעם בעל עגלה א מטבע און א קוק געטאָן אויף דאָס רעדעל און אָנגעשטעלט זיין בליק אין דער זייט, פון וועלכער דער וואָגען דאַרף אָנקומען, און דאַן אויף דאָס גוסס'ע פערד.

נאָך איינינע הענד האָבען זיך צוגערוקט צו דעם בעל עגלה'ס האַנד.

ער האָט צוגענומען די נדבות אָהן א דאַנק, גלייך ער וואָלט נישט געהערט, ווי מען שפּאַרט איהם עפּיס אין האַנד. ער האָט

געקוקט אין דער זייט, פון וועלכער עס דאַרף קומען די פור, געקוקט אויף דאָס נוסס׳ע פערד און דערצעהלט זיין אומעטיגע מעשה.

פאַר צוויי חדשים איז שוין איהם איין פערד געפאַלען. האָט ער ענטליהען א פופציגער אויף וואָכער און געקויפט דאָס פערד, און יעצט....

ער וועט זיך צושלאָגען דעם קאָפּ אָן אַ וואַנד, קיין אנדער ברירה האָט ער נישט.

עס האָט זיך בעוויעזען א לאַנגער וואָגען. דאָס אינגעל איז געשטאַנען אויפ׳ן וואָגען מיט אַ פּרעהליכען געזיכט און לוסטיג גע־מאַכט מיט׳ן שטעקעל ווי א קאַפּעלמייסטער.

דער בעל עגלה איז בלייך געוואָרען. ער האָט אראָבגעלאָזען די האַנד מיט די נדבות — ער האָט זיי נאָך אַלץ געהאַלטען, גלייך ער וואָלט פון זיי נישט געוואוסט — און בעטראַכט דאָס פערד.

א היים אָדער צום שינדער?

ער האָט בעשלאָסען פיהרען עס א היים מיט דער האָפנונג, דאָס פערד זאָל נאָך געזונד ווערען.

„דאָס צווייטע פערד צום שינדער אין צוויי חדשים צייט,“ האָט ער געזאָגט צום מענשענרעדעל מיט א ביטערען שמייכעל....

דעם פערד האָט דערעסען דאָס ליעגען, עס איז איהם געוואָרען קאַלט. און זייט מען האָט עס אויפגעהערט צו שלאָגען און צו שמייסען, האָט עס דערפיהלט דעם וועהטאָג. עס האָט זיך בעשלאָ־סען אויפשטעהן און אוועקגעהן.

דאָס פערד האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די פאָרדערסטע פיס. דאָס מענשענרעדעל האָט זיך דערשראָקען און איז אָבגעטראָטען א ביסעל. דאָס פערד איז שוין געשטאַנען אויף אַלע פיער.

דער בעל עגלה האָט געמאַכט גרויסע אויגען פון פערוואונדע־רונג און אויף גיך, ווי אונגערן, גלייך ער וואָלט נישט בעמערקט, וואָס ער טוט, אראָבגעלאָזען די נדבות אין קעשענע און גענומען איינשפּאַנען דאָס פערד. ער האָט איהם געגעבען אַ זעץ מיט׳ן קולאַק אין די ציין און מיט׳ן שטיפעל אין א פאָרדערסטען פוס.

„אַה, אַ פּגירה אויף דיר! שפּיעלענקען האָט זיך דיר פערי
וואָלט.“

דאָס מענשענרעדעל איז געשטאַנען ווי פאר אַ גרויסער רע־
טענים.

„וואָס זאָגסט׳ע דערצו?

מען האָט געלאַכט. — —

דער בעל עגלה איז שנעל אַוועקגעפאָרען, שטאַרק שמייסענדיג
דאָס פערד. אין דער היים וועט ער זיך ערשט רעכט אָברעכנען
מיט „דער פּגירה“.

„דו וועסט נאָך ביי מיר בעקומען, אַ כאָלעריע אויף דיר!“

די קינדער האָבען זיך געלאָזט לויפען נאָך דעם וואָגען און
דאָס אינגעל מיט׳ן שטעקעל האָט געמאַכט מיט׳ן שטעקעל און
געשריען: „נאָ, נאָ, נ־נאָ!“

דאָס מענשענרעדעל האָט זיך אָנגעהויבען פערנאַנדערצוגעהן,
גאַנץ צופריעדען מיט׳ן „ספּעקטאַקעל“.

„מיך האָט דאָס דערוויַיל געקאָסט 50 קאָפּיקעס,“ האָט גע־
זאָגט דער יונגער מאַן אין קאַפּעלוש.

„און מיך?...“ האָט געזאָגט אַן אַנדער יונגער מאַן אין אַ
קאַפּעלוש. ער האָט נישט געזאָגט וויפיעל. — —

יי האָבען ביידע אַ ליגען געזאָגט....

1898.

באשע לאה.

ווער קאָן נאָך ווי באשע לאה אויסרופען אלע סחורות, וועלכע ליעגען אין איהר קיישעל? אז באשע לאה העבט אָן אויסצושרייען מיט איהר הילכיגען, געזונדען סאָפּראַן: „פרישע אייער, ציבעלעס מאַרמעלאַדנע, פּעטרושקע, עפּעל הוילע צוקער, באַרנעס זיסע האָב איך" א. ז. וו. — אז זי העבט עס אָן אויסצושרייען, הערט מען זי אויף דער צעהנטער גאַס. אַזוי זאָגען עדות אלע אנדערע מאַרק־ווייבער.

און זי שרייט נישט גלאַט אַזוי, אָהן סדר, אָהן טעם, אבי גע־שריען. זי מאַכט עס מעשה חזן, זי זינגט. „זי טאָקט אָב," זאָגען אלע. ביי איהר קומט עס אַרויס מיט אלערליי טענער, אין פער־שיעדענע וואַריאַציעס, אז די דיענסטמיידלעך דערמאָנען זיך די קאַדריל, וועלכע זיי האָבען שבת געטאַנצט ביי באַשע לאה'ן אין שטוב.

„א סחורה א ביסעל!" מאַכען אויף איהר די איבריגע ווייבער מיט די קעפּ, ווען זי זינגט אָב. „א שטוקע, פערשטומט זאָל זי ווערען!"

נור די קללה איז נישט ערנסט. פערקערט. אַלע ווייבער ליעבען זי און גרויסען זיך מיט איהר שטימע און מיט איהר קאָנען „אָבטאָ־קען מעשה חזן". בפרט נאָך זייט דער אַלטער פּריץ גרינקעוויטש, וועלכער ליעגט שוין א פּאָר יאָהר מיט די פיס אונטער זיך, האָט, ליעגענדיג א זומער־טאָג ביים אָפענעם פענסטער, אויסגעשריען: „א, יאקי זשידאָווקא מאַ גלאָס!" און געשטאַרקט זיך אויפצוהעבען זיך א ביסעל און אַרויסגעקוקט דורך דאָס פענסטער אויף באַשע לאה'ן. דערביי האָט ער צוגעשמייכעלט, ווי א מאָל אין די גוטע יאָהרען, ווען די פיס האָבען איהם נאָך געטראָגען. —

באשע לאה איז א יונג ווייבעל פון א יאָהר צוויי און דרייסיג און פון מיטעלען וואוקס. זי טראָגט א פּאַרוק, נור ער ליעגט אויף איהר קאָפּף אזוי קונציג, אז עס איז איהם נישט צו דערקענען — גלייך אייגען האָר. זי געהט אין א פערלאַטעט קליידעל און יאקעל, נור ריין אַרום זיך, און דער קאָליר געהט איהר צום געזיכט. א מאָל איז זי גאָר א שיינהייט געוועזען. היינט איז די הויט אויפ׳ן גע־זיכט אַ ביסעל צו דיק; פון די חן־גריבעלעך אויף די באַקען זיינען קנויטשען געוואָרען. נור איהרע אויגען פינקלען נאָך און אויף די ליפּען שפּיעלט נאָך דער אַלטער לוסטיגער שמייכעל. בלינצעלט, שצורעט זי א מאָל מיט די אויגען, בעקומט איהר געזיכט אזא פרעה־ליכען אויסדרוק, אז איהרע חבר׳טעס דערמאָנען זיך די מיידעלשע יאָהרען און באַשע לאה׳ס אמאָליגע „קונצען“.

„אָ, יאָ! דאָס איז א פייער געוועזען, אַ פייער...“ זאָגט מען און מען מאַכט אויף איהר מיט די קעפּ.

„און וואָס איז זי יעטצט?“ רופט זיך אָב איין טרעגערין.

„באַשע לאה׳קע!“ ענטפערט א צווייטע, און אַלעמען ווערט קלאָר, אז באַשע לאה איז נאָך די אַלטע וואָס א מאָל. —

באַשע לאה האָט א סך מינים סחורה. ווי נור פון דאָסוועגען, כדי זי זאָל האָבען א סך אויסצוזיינגען. שטענדיג זעהט מען זי מיט א קיישעל אייער אויף דער רעכטער און א קיישעל עפּעל מיט באַר־נעס אויף דער לינקער האַנד. די עלטערע טאָכטער, א מיידעלע פון א יאָהר צעהן, טראָגט איהר נאָך א קיישעל פלוימען מיט א קיי־שעל פּעטרושקע, מערען, רעטיך; דערנאָך געהט די אינגערע זיבעצנ־יעהריגע טאָכטער מיט א קיישעל קרויט, טראָגענדיג עס פון פאָרנט מיטביידע הענד. און צולעטצט געהט נאָך א אינגעלע פון א יאָהר פיער־פינף מיט א קראַנץ גרויסע „ציבעלעס מארמעלאדנע“ אויפ׳ן האַלז.

פאר באַשע לאה׳ן איז אַלץ א סחורה. קוים ווייזט זיך עפּיס א נייער מין אויפ׳ן מארק, ווערט מען שוין אין גיכען הערען, ווי באַשע לאה זינגט איהם אויס.

און שטענדיג קומט אוים איהר ניגון; שטענדיג געהט עס ביי איהר ארוים „אָבגעטאָקט" דורך די שמייכלענדיגע ליפּען. —

באַשע לאה'ן האַלט מען פאַר א בריה נפלאה. מען זעהט זי קיינמאָל נישט רוהיג זיטצען. שטענדיג איז זי אין גאַנג, שטענדיג זוכט זי עפּיס, איהרע אויגען וואַרפט זי אויף אלע זייטען.

„דאָס איז א בראנד!" זאָגט אויף איהר דער גאַנצער מאַרק. — —

נור זעהען דאַרף מען זי ערשט א שבת, א יום־טוב.

באַלד נאָך מיטטאג רוימט זי אויף דאָס צימער, וואַשט און פּוטצט אוים די קינדערלעך, טוט זיך אליין איבער און זעטצט זיך וואַרטען אויף געסט. איהרע געסט זיינען איהרע קונים פון א גאַנץ וואָך: די דיענסטמיידלעך פון נאָהנטע און ווייטע גאַסען. עס קומען אויך עטליכע „קאַוואַליערען" — און עס ווערט געטאַנצט. אין דעם קליינעם און ניעדריגען שטיבעל ווערט צו ענג, אָבער דאָס מאַכט נישט אוים. מען צוזעטצט זיך אין בעט, אויפ'ן טיש, אויפ'ן פענסטער און וואו נור מען קאָן, אבי מאַכען גרוימער אין מיטען.

באַשע לאה איז די פיהרערקע און זינגערקע אין די טענץ. זי איז שטענדיג א „הערר" און פיהרט איהר דאמע „ווי א וואַהרער קאַוואַליער". איהר דרעה, איהר קער, איהר קלאַפּ מיט'ן פוס איז „אויף די קעפּ צו שטעלען זיך!"

איהר מאַן, דער פאַרבער, ווער עלכער האַלט נישט, ווי ער זאָגט, פון טאַנצען, ציעהט זיך אוים אויפ'ן אויוועז, האַלט נעבען זיך דעם קליינעם זוהן און, אונטערשפּאַרענדיג מיט איין האַנד דעם קאָפּף, לאָזט ער קיין אויג נישט אראָב פון זיין „אלטיטשקער". ער קוועלט פון איהר, ער קלייבט נחת.

און באַשע לאה ווערט אַלץ פרעהליכער, לוסטיגער, אויפגערעג־טער. זי קאָן שוין עפּיס נישט איינזיטצען אויף איין אָרט, זי שפּרינגט ארום, מאַכט מיט די הענד, בלינצעלט מיט די פינקעלדיגע אויגען, שלאָגט און ראַנגעלט זיך מיט א יעז־עם — — דאמאָלס שטעהען צו איהר צו די געסט, זי זאָל טאַנצען דעם „ציגיינער".

און באַשע לאָה לאָזט זיך נישט לאַנג בעטען.

„שאַ, מאַכט אַ וואָרע!“ שרייט זי אויס.

די געסט מאַכען איהר אָרט, און זי שטעלט זיך אַוועק אין עק צימער, העבט אויף אַ ביסעל מיט דער לינקער האַנד דאָס קלייד און מיט דער רעכטער אַ טיכעל איבער׳ן קאָפּ, גיט אַ היטציגען וואָרף מיט די אַקסלען, אַ דרעה מיט׳ן טיכעל איבער׳ן קאָפּ און העבט אָן צו טאַנצען, צוזינגענדיג זיך אליין דעם ניגון.

ווילד איז דער ציגיינער ניגון. אין איהם גיעסט זיך אויס דאָס גאַנצע ציגיינערישע לעבען. אַט יאָגט ער ווי אַ ווינד אין דער ברייטער, פרייער סטעפּ, אַט שפּיעלט ער ווי ביים וואַראַזשען, ביים קאָרטענלעגען, אַט שטאַרקט ער זיך און ברילט ווי אַ בער, אַט פאַלט טיעפער דער טאָן, גלייך מען סוד׳עט זיך אַרויסצוגנב׳ענען אַ פערד פון שטאַל, און אַט העבט ער זיך ווייטער אויף, און דונערט און הילכט, גלייך ווי אונצעהליגע מענשען יאָגען זיך נאָך דעם פערד־גנב, און ער, דער פערד־גנב, טראָגט זיך אויף דעם גענגב׳עטען פערד פייל פון בויגען.

נור נאָך ווילדער, נאָך שטורמדיגער איז דער ציגיינער־טאַנץ. דאָס דרעהט זיך אַ שטורם־ווינד, וועלכער טראָגט מיט זיך גאַנצע בערג זאַמד, נישט געפינענדיג אין דער גרענצלאָזער סטעפּ קיין שום פערהאַלטונג, נישט אין דער לייִנג און נישט אין דער ברייט.

און וואונדערליך קונציג טאַנצט איהם באַשע לאָה. די געסט קאָנען נישט אָוועקרייסען די אויגען פון איהרע פיס, און קאָנען קוים בעמערקען ווי זיי בייטען זיך, און דריקען פערוואונדערט מיט די אַקסלען.

„אַ, אַ! שדים זיטצען אין איהרע פיס!“ שרייט ווער אויס.

און אַלע זיינען מודה: „אַ! אַ!“ און שאָקלען מיט די קעפּ.

נור אָט האָט זי געענדיגט. זי וואַרפט זיך אויף אַ שטול, און עס ווערט אַ פּאַטשעריי: בראַוואָ! בראַוואָ!

„וואָס זאָגט איהר צו מיין אַלטיטשקער?“ רופט באַשע לאה׳ס מאַן פון אויוועז, אַראָבקוקענדיג אויף איהר מיט אַ גליקליכען שמייכעל. — —

פאַר נאַכט, ווען עס העבט שוין אָן צו ווערען פינסטער, הערען אויף די טענץ. עס ווערט שטיל. די געסט פערנעמען ערטער — מען גרייט זיך צו צו עפּיס. באַשע לאה וועט געבען קאָנצערט.

אַלע אויגען קוקען אויף איהר; פון אַלע זייטען שיטען זיך בקשות, זי זאָל דאָס אָדער דאָס זינגען. באַשע לאה'ס אויגען הע־בען אָן אויף דאָס ניי צו ברענען; דאָס געזיכט פלאַמט. נור זי זעהט יעטצט אויס ערנסט, פערקלערט און אפילו טרויעריג. זי שטעהט אין מיטען צימער מיט א חנעוודיגען שמייכעל אויף די לי־פּען און קוקט אויף די געסט. אָבער זי טראַכט נישט וועגען זיי און זעהט זיי ווי דורך א נעבעל.

„נו, שטיל זאָל זיין, הולטייקעס!“ זאָגט זי ענדליך ארוים, ווייך און האַרציג, זייענדיג מיט איהר נשמה ערגיץ וואו אנדערש. און פון איהרע האַלבאָפענע ליפּען רייסט זיך ארוים א שטאַרקער ברוסט־טאָן — און עס העבט זיך אָן דאָס קאָנצערט.

זי זינגט געוועהנליך טרויעריגע זאַכען. „א פרעהליכס,“ זאָגט זי, „געהט עפּיס נישט ביי מיר.“ איהר געזיכט ווערט אַלץ ערנסטער, טרויעריגער, טיעפזיניגער; דער שמייכעל פערשווינדט פון די ליפּען, די באַקען פייערן, און די אויגען לייכטען אזוי מילד, אזוי ווייך...

זי פערגעסט אין אַלץ און אַלעמען. זי קאָן שוין נישט איינ־שטעהן אויף איין אָרט און העבט אָן אומצוגעהן איבער'ן צימער ווי פער'חלום'ט. און דער געזאַנג ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַר־קער, און שטאַרקער העבט זיך און פאַלט איהר ברוסט, געשווינדער קלאַפּט דאָס האַרץ. עפּיס איז איהר אזוי שווער, און עס ווילט זיך איהר וואָס העכער און שטאַרקער זינגען, און עס דוכט זיך איהר, אז עפּיס וועט זי אויסזינגען, אז עפּיס וועט איהר דערנאָך ווערען אזוי גרינג, אזוי מחיה'דיג...

אַלע ארום זיינען ווי פערכישופט, ווי פערשטיינערט. מען גיט זיך נישט קיין ריהר, מען לאָזט נישט קיין פּאַרע פון מויל.

דאָס זיבעניעהריגע טעכטערל שפּאַרט זיך אָן אָן א שוים פון א מיידעל, מיטביידע הענטלעך אונטערהאַלטענדיג דאָס **קליינע**

קעפּעל, און לאָזט פון דער מאַמען קיין אויג נישט אַראָב. דאָס קליינע פּנים'ל פלאַמט, די אויגעלעך ברענען, דאָס הערצעלע קלאַפּט שטאַרקער... — — זומער, ווען דאָס פענסטער איז אָפען, קלינגט באַשע לאה'ס שטימע ווייט איבער'ן אַרמען געסעל.

ביי די טירען און טויערען פון די איינגעבויגענע הייזלעך זיצען די אַרמע איינוואָהנערינען, אונטערגעשפּאַרטערהייט די קעפּ, און זינגען זיך צו שטילערהייט באַשע לאה'ן, און עס ווערט זיי אַזוי אומעטיג און אַזוי גוט צוזאַמען, און זיי האָבען נישט קיין חשק און נישט קיין כח אויפצוהעבען זיך פון אָרט, אָבצורייסען זיך פון באַשע לאה'ס געזאַנג.

און געגענאיבער אין דער שניידערשער שול שטעהט דער עולם די מעריב'דיגע שמונה עשרה. אין שולכעל איז נאָך פינסטער, און דער עולם דאַווענט מיט הארץ און חשק. נור אַט פליהט אריין דורך די אַלטע צופוילטע פענסטער באַשע לאה'ס געזאַנג — און דער עולם ווערט צורודערט, די מחשבות ווערען צושטערט, און עס ווערט שוואַכער דאָס שאָקלען זיך און שעפּציען. בלויז זייער רבי, דער פּרוש, „שטאַרקט זיך", רייבט די שטערן און שרייט אויס : „נו א !" און העבט אָן שטאַרקער צו שאָקלען זיך, פעסטער צו ברומען די שמונה עשרה. דער עולם כאַפּט זיך אויף ווי פון שלאָף און העבט ווידער אָן צו שאָקלען זיך און צו שעפּציען, אָבער דאָס הארץ דריקט דאָך אַזוי מאָדנע. — —

נור אָט צוגיעסט זיך איבער דאָס געסעל א לאַנגער, הויכער טאָן — באַשע לאה האָט געענדיגט.

די געסט אטמען אָב. עס ווערט א גערודעריי, א שרייעריי : מען לויבט די זינגערין.

„פערברענט זאָל זי ווערען, ס'אַר'א זינגערין !"

„אַי, שטום זאָל זי ווערען ! א מין קול'כעל !"

„אַ האַלז פון א גוטען זולל וסובא !"

„אַ געמבעלע א ביסעל !"

נור דאָס קליינע טאָכטער׳ל לויפט צו צו באַשע לאה׳ן, כאַפּט זי אַרום האַלז און דריקט זי צו זיך שטארק, שטארק.

„אוי, מאַמעניו, האָב איך דיך ליעב!“ זאָגט זי אַרוים מיט היטץ.

און דער פאַרבער קריעכט אראָב פון אויווען און פרעגט גע־ריהרט:

„נו, וואָס זאָגט איהר צו מיין אַלטיטשקער, הא?“

באַשע לאה שמייכעלט שוין וויערער.

1894.

דאָך אַמאָל געוויינט.

אַ לוסטיגער קבצן איז בערל דער טרעגער.

זיין דירה איז אין אַ קעלער. די צוויי קליינע פענסטער ליע־גען אונטער'ן ברוק פון הויף, די שויבען זיינען גרוי און קויטיג און לאָזען קוים דורך דעם שיין פון די זונענשטראַלען, וועלכע פער־גנב'ען זיך אַ מאָל ביז זיינע פענסטער, פון די וואַנד רינט און אי'ן די ווינקעלעך בלישציעט, פינקעלט דער שימעל.

ביי דער וואַנד, צווישען די פענסטער, שטעהט אַ טיש. צוויי פיס האָט ער אייגענע, די אַנדערע פערטרעטען צוויי שייטלעך האָלץ, וועלכע פערשווינדען גאַנץ אָפּט, ווען עס איז ניטאָ מיט וואָס צו הייצען. דאַמאָלס רוקט מען צו דעם טיש האַרט צו דער וואַנד, און ער שטעהט, ווי בערל זאָגט, „מיט גאָטס הילף“...

דריי ווייסע שטולען זיינען דאָ אין שטוב, נור אַלע אָהן ווענט־לעך. קוים איז אַ ווענטעל אָבגעפאַלען, האָט בערל געוואָלט עס צושלאָגען צוריק. נור ער האָט זיך אַזוי לאַנג געקליעבען, ביז די ביידע שייט האָלץ, וואָס שפּאַרען אונטער דעם טיש, זיינען פער־ברענט געוואָרען און קיין האָלץ צום הייצען איז נאָך אַלץ נישט געווען. דאַמאָלס האָט בערל אָנגעצויגען אַ זעהר ערנסטע מיענע און אַרויסגעבראַכט אַזאַ מין פילאָזאָפישען שלום: זיטצען קאָן מען אויף אַ שטול אָהן אַ ווענטעל און קאַרטאָפּליעס מוז מען קאָכען. און ער האָט אָבגעזאָגט מיט איין ערב־פּסח'דיגען טאָן „כל חמירא“, און דאָס ווענטעל איז אַריין אין אויווען צוזאַמען מיט אַנדערע ברעטלעך און שפּענער, וועלכע בערל מיט זיינע „ילדים“ האָבען אָנגעקליעבען אין גאַס.

אין צימער זיינען דאָ נאָך צוויי בעטען. אויף זיי ליעגען שמאַטעס, וועלכע בערל רופט „קיסען און קאָלדרעס“, און אונטער

זיי און נעבען זיי שטעהען קעסטלעך מיט אנדערע שמאַטעס, און בערל זאָגט מיט שטאָלץ, אז דאָס זיינען העמדער, טישטיכער און נאָך אזעלכע וויכטיגע בעל־הביתישקייטען.

נור בערל זאָרגט נישט. ער לאַכט גאָר.

„וואָס דארף איך, וואָס? איך דארף גאָר נישט! אבי גע־לעבט!"

פיער קינדערלעך האָט ער: צוויי שלאָפען אין איין בעט מיט איהם און צוויי מיט דער מוטער צוזאמען. אָבער ער שרעקט זיך נישט פאַר מעהר.

„קינדער," זאָגט ער, „זיינען א נחת. זיי דארפען א סך, אמת... נור פאַר דאָס, אז איך קום א היים, איז דאָ מיט וועמען א שפּיעל צו טון, צו נאַריש מאַכען זיך א ביסעל. א פערגני־גען — א חברה!"

פון זיין בת־שבע'ן איז ער ג'ראָד נישט צופריעדען. ער קאָן נישט ליידען, וואָס זי וואָלט אַלץ געקלאָגט און געיאָמערט.

„עט!" מאַכט ער, „מיין ווייבעל טויג שוין צו גאָרנישט.... א קלאָגמוטער געוואָרען! זי וואָלט וועלען איך וויים וואָס.... אַ קאָנ־טראַקט האָט זי פון גאָט! ער איז איהר מ ח ו י ב צו געבען! מאַלע וואָס! וויל זיין ווי ראָטשילד!"

קוים ווייזען זיך טרערען אין איהרע אויגען, שטעלט ער זיך געגען איהר, האַלטענדיג די רעכטע האַנד אויף דער באַק און אונ־טערהאַלטענדיג די רעכטע מיט דער לינקער, מאַכט א וויינענדיג פּנים און שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּף.

„דיר לאַכט זיך אַלץ!" בייזערט זיך בת־שבע.

„איך וויין דאָך גאָר," ענטפערט ער מיט אַ וויינענדיגען קול.

„זאָל מען שוין וויינען נאָך דיר, שטאַרקער פּאָטער!" זאָגט זי אָב איהר פּסוק און דרעהט זיך אוועק פון איהם מיט הארץ.

נור בערל בעליידיגט זיך נישט. וואָס ארט איהם א קללה? עס דאַכט זיך איהם, אז אָהן „דעם" וואָלט זיך גאָר נישט אזוי פרעהליך געלעבט.

בייז ווערט ער בלויז, ווען זי העבט אָן זיך אליין צו שעלטען.

„רבונו של עולם!“ שרייט זי א מאָל אויס, ווען עס איז נישטאָ וואָס צו עסען און דאָ איז נאָך א קינד קראַנק — און דאָס קומט נישט זעלטען פאָר — „רבונו של עולם, נעם מיך צו פון דער וועלט! לויז מיך שוין אויס פון מיין ביטערען און פינסטערען לעבען!“

איהר קול ציטערט. זי ווינשט זיך עס מיט הארץ, אין ערנסט. זי וואָלט זיך יעצט נישט דערשראָקען פאַר'ן טויט. בערל פיהלט עס און עס כאַפּט איהם אָן „פאר דער זיבעטער ריפּ“. ער ווערט אָנגעצונדען, „מלא־רציחה“ און העבט זי אָן צו שעלטען.

„אוי, אָבדארען זאָל דיר די צונג!“ ער שפּייט נאָך אויס מיט הארץ.

זי ווערט ישטיל און גיעסט מיט טרערען, און ער וואַרפט אויף איהר בייזע בליקען.

„און וואָס האָסטו פון וויינען, וואָלט איך ווען וויסען? פערד!“

איהם דאַכט זיך, אז א מענש דאַרף קיינמאָל נישט וויינען — סיידען עס מאַכט זיך, זאָל גאָט אויסהיטען, אז עמיצער שטאַרבט. נור איינמאָל...

איינמאָל אין איין אבענד האָט זיך בערל אזוי צושפּיעלט מיט די קינדער, אזוי גערעַנגעלט זיך און איבערגעקערט א וועלט, אז ער איז ארויפגעפאַלען אויף זיין בעט, און זיין בעט איז צושאָטען גע־וואָרען אויף שטיקלעך.

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון דעם חורבן מיט א געלעכטער.

„ברוך דיין אמת! וואַרט, קינדער, מיר ווע̇לען מאַכען א הספד.“

ער בויגט זיך איין ווי דער הייקערדיגער שטאָדט־מגיד און וויל אָנהעבען עפּיס צו זאָגען. אָבער בת־שבע איז שוין געקומען צו זיך פון דער שרעקליכער איבערראשונג, האָט זיך געכאַפּט פאַר'ן קאָפּף און צולאָזען זיך מיט א געוויין.

„אָי, איך קאן שוין דאָס נישט אריבערטראָגען, איך וועל מיר א מעשה אָנטון!“

„שאַ, לאָז רעדען!“ וויל זי בערל בערוהיגען, נור זי יאָמערט איהרס.

„ווי ווער איך שוין פּטור פון מיין פּינסטערען לעבען, רבונו של עולם! טאָמער איז געוועזען די פּאָר בעטלעך אין שטוב, איז שוין דאָס אויך נישטאָ!“

בערל ווערט שוין אין כעס.

„בהמה! פערד! וואָס טו איך מיט דיר? !... הערסט, א קלאָג א ביסעל? דאָס בעטעל איז צובראָכען געוואָרען! בהמה! באַלד — בעעע! האָט זיך צוראָוועט?“

„ראָוועט זאָל מען שוין נאָך דיין קאָפּ!“ ווארפט זי זיך אויף איהם ארויף. „איך וואָלט פון דיר פּטור ווערען, וואָלט מיר שוין ווערען א ליכט אין די אויגען, אז וואו דו גיסט זיך א קער, איז מיין אומגליק, מלאך המות מיינער!“

„כע, כע, כע!“ לאַכט ער שוין צוריק מיט גוטען. „ניין, זאָג ד'ר'אמת'ן: מה רעש? וואָס קערסטו אזוי די וועלט? דאָס בעט צובראָכען! אַי, וואַי, א שרעק! דער הימעל לעגט זיך גאָר אויף ד'ר'ערד... און איך זאָג, אז וואָס עס האָט געזאָלט אויסגעהן צו איי־נעם פון אונז, האָט זיך גאָר אויסגעלאָזען צום בעט. אָי, אָי, בהמה! אוי, אוי, פערד!“

ער רעדט, און זי ווישט זיך די טרערען מיט'ן פּארטוך און בע־קלערט, וואָס עס שטעהט זיי יעצט פאָר. קיין שיך וועט מען די קינדער שוין נישט מאַכען. פאר דאָס ערשטע געלד וועט מען קוי־פען אָדער אפשר נאָך פעררריכטען דאָס בעט. דערווייליע וועט זי מיט די צוויי מיידלעך שלאָפען אויף דער ערד און ער — דאָס שטיק אומגליק! — וועט שלאָפען מיט די אינגלעך אין דעם איי־בערגעבליבענעם בעט. און אז ער ענדיגט זיינע רעד, זאָגט זי איהם מיט ביטערקייט און טרערען:

„האָסט דאָך בעטלעך זעהר א פולע! געה, אָ, וואלגער זיך אויף דער פּאָדלאָגע אין קויט און אין נאסקייט, ועסטו וויסען ווי צו לאַ־כען — לאַכען זאָלסטו שוין צום לעטצטען מאָל!“

זי ווארפט אויף איהם א שרעקליך בייזען קוק. ער לאַכט.

„כאַ, כאַ, כאַ, אַ קלייניגקייט! בערל דער טרעגער וועט שלאָ־פען אויף דער פּאָדלאָגע! קענסט נישט דעם גרויסען פּריץ? — היידא, קינדער, שלעפּט דעם סעניק!“ קאָמאַנדירט ער צו די אינגלעך.

„נישט דערהאַרען וועסטו, איך זאָל דיך לאָזען שלאָפען אויף דער פּאָדלאָגע!“ שפּרינגט זי פּלוצלינג אויף און פערשטעלט מיט זיך דעם סעניק.

בערל קוקט זי אָן פערוואונדערט.

„וואָס ביזטו משגע, צו חסר דעה?“

„אז דו וועסט שטאַרבען, וועסטו ליגען אויף ד'ר'ערד, נישט איצטער,“ ענטפערט זי און בערל ווערט שוין שטרענג.

„מאַך נישט קיין קונצען, בת שבע, און לאָז שלאָפען!“ ער שטרעקט אויס די האַנד נאָכ'ן סעניק.

זי שטופּט אָב זיין האַנד און ווייזט מיט'ן פינגער אויף דאָס בעט.

„אין בעט לעג זיך און שטעה נישט אויף!“

„איך שלאָף נישט אין קיין ווייבערשען בעט,“ וויצעלט ער.

„געה שוין, געה, לאָז מיך שלאָפען!“

ער נעמט אָן דעם סעניק.

„איך האָב געזאָגט, ניין — איז ניין!“ שרייט אויס בת־שבע און כאַפּט ארום דעם סעניק מיטביידע הענד.

„לעג איך מיך אָהן דעם סעניק,“ לאכט ער און ציעהט אראָב פון זיך דעם פּעלץ.

„איך וועל דיר געבען אַ „לעגען זיך“, אז דו וועסט נישט ווי־סען, פון וואַנען דיר איז געקומען!“ צושרייט זיך בת־שבע און שפּרינגט צו איהם צו מיט נעגעל.

אַ רויטקייט איז איהר ארויס אויף די באַקען, די אויגען ברע־נען. בערל קריגט התפּעלות. גאָר די יונגע בת־שבע! אין האַר־צען ווערט איהם אזוי וואַרם און אַ זיסער שמייכעל צוגיעסט זיך איבער זיין געזיכט.

„אַ, מיין שיין ווייבעל!“ רופט ער אויס און וויל זי ארומנע־מען, נור זי שטופּט איהם אָב מיט כעס.

„טרעט אָב פון מיר בעסער מיט גוטען, אז נישט וועל איך דיר געבען אין קאָפּ מיט וואָס איך וועל טרעפען!“

זי האָט זיך אָבגעקערט פון איהם און גענומען אויסבעטען איהם דאָס בעט. ער בענוצט די מינוט, כאַפּט דעם סעניק, שליי־דערט איהם אויף ד׳ר׳ערד ביים אויווען און וואַרפט זיך אויף איהם ארויף.

„היידא, קינדער,“ קאָמאַנדירט ער, „שלאָפען קומט!“

ביינז שרייט אויף בת־שבע מיט א ביטערען געשריי׃

„אין בעט זאָלסטו מיר געהן!“

„מאָרגען!“

„הער מיך אויף צו פוילען, צופוילט זאָלסטו ווערען!“ שרייט זי נאָך ביטערער.

ער לאַכט.

„געה אין בעט, הערסט, וואָס איך זאָג דיר!“

„או־הום!“

עס כאַפּט זי אָן א ווילדער כעס, דאָס בלוט קאָכט אין איהר, און פּלוצלינג העבט זי אָן צו זעצען מיט די פיס אין דאָס איבער־געבליעבענע בעט.

„נאַ! נאַ! נאַ!“

דאָס בעט צופאַלט און צושיט זיך.

בערל מיט די קינדער שפּרינגען אויף דערשראָקען, און זי, גאַנץ אויסער זיך, הערט נישט אויף צו זעצען מיט אַלע כחות אין די שטיקלעך פון בעט.

„נאַ! נאַ! נאַ!“

בערל וויל זי איינהאַלטען, בערוהיגען און כאַפּט זי אַרום פעסט.

„זעה, ביזט משוגע געוואָרען?!“

זי רייסט זיך פון איהם. עס דריקט איהר דאָס הארץ, אין

קאָפּף ברענט איהר און עס ווילט זיך איהר ברעכען, ברעכען, ברע־
כען... נור ער האַלט זי שטאַרק, וויל זי איהם בייסען.

„בת־שבע, זעה, בת־שבע!“ שטאַמעלט ער מיט שרעק, אָב־
ווערענדיג זיך פון איהרע ציין.

עס געלינגט איהם אַוועקצוזעצען זי אויף א שטול. בת־שבע
העבט אָן צו קומען צו זיך און צואוויינט זיך. די קינדער העלפען
איהר וויינען פאַר שרעק.

בערל האָט זיך פערלאָרען. טרויריג שטעהט ער געגען בת־
שבע'ן און לאָזט פון איהר קיין אויג נישט אראָב.

„בת־שבע'נקע! בת־שבע'נקע, הער אויף, איך בעט דיך, צו
וויינען.“

זיין קול ציטערט.

„בת־שבע'נקע!“ בעט ער נאָך ווייכער. עס ווערט איהם
וואונדערליך ווייך ביים הארצען, אין האַלז העבט איהם אָן צו שטי־
קען און —

דאמאָלס האָט בערל אויך געוויינט.

.1894

טראַם, טראַם...

אבענד. אין דרויסען איז פריש און לופטיג; עס בלאָזט א קאַלטער ווינד.

איבער די גאַסען אין דער הויף־שטאָדט, וועלכע איז געשטאַ־נען אויף א וואַל, איז לאַנגזאַם אומגעגאַנגען א יונגער מאַן פון א יאָהר דריי־פיער און צוואַנציג, לייכט אָנגעטאָן, אָהן איין איבער־ציהער. די קעלט נעמט איהם דורך יעדען אבר, דאָך העבט ער נישט אָן שנעלער צו געהן.

זיין געזיכט איז פערוואָלקענט, און די אויגען זיינען אַראָבגעשלאָזען צו דער ערד. ער געהט שוין אזוי ארום א צייט. ער געהט נישט א היים און וויל אפילו וועגען דער היים נישט טראַכטען, נור ער קאָן דאָס בשום אופן נישט אויספיהרען. עס טראַכט זיך איהם געגען זיין ווילען, עס דריקט איהם דעם מח.

אין דער פריה האָט ער איבערגעלאָזען די מוטער מיט די צוויי קלענערע ברידער אומגעגעסען, אָהן אַ קאָפּיקע געלד. א גאַנצען טאָג איז ער ארומגעגאַנגען זוכען שטונדען און געהט צוריק מיט גאָרנישט.

נאָך וואָס זאָל ער יעצט געהן א היים? ער וואָלט וועלען בע־סער געהן און געהן אָהן איין אויפהער. נור ער האָט א שלעכטע בעגלייטונג. א גאַנצען טאָג דוכט זיך איהם, אז נאָך איהם געהט נאָך זיין הויז מיט נאָך אזעלכע הייזער פון דער ארמער אונטער־גאַס, וואו די מאַמעס, ברידער און שוועסטער קרימען זיך פאַר הונ־גער, דריקען די פערברענטע, פערשמאַכטע ליפּען און כליפּען, כליפּען און כליפּען...

ער פּרובט זיך צו צושטרויען. ער שטעלט זיך אָב נעבען די גרויסע, העל בעלויכטענע פענסטער פון די קראָמען, קוקט יעדען

פאַרביינגעהער אין פּנים אַריין, בעטראַכט די רייך אויסגעפּוצטע פרייליגס — ער וויל זיך פערנעמען מיט קריטיקירען. נור עס העלפט נישט. ער האָט אַלץ די הייזער הינטער זיך.

עס דריקט איהם שרעקליך דאָס האַרץ. ער וואָלט וועלען בלייבען אַליין, פּטור ווערען, כאָטש אויף איין מינוט בעפרייען זיך פון דער שווערער בעגלייטונג פון די הייזער. און ער שטעלט זיך אַלע מאָל אָב און קערט אום דעם קאָפּ מיט אַ ליידענדיגער מיענע, גלייך ער וואָלט זיך בעטען, מען זאָל איהם לאָזען צו רוה. די „הייזער“, דאַכט זיך איהם, טרעטען אָב אויף אַ ווײַלע, נור קוים דרעהט ער זיך איבער, זיינען זיי ווייטער דאָ.

ער קערט זיך אום האַסטיג און לאָזט זיך אַראָב צו דער אונ־טערגאַס, צו יענע הייזער...

אויף די גרויסע טרעפּ, וועלכע פיהרען פון די אויבערסטע גאַ־סען צו די אונטערסטע, איז ער שטעהן געבליעבען.

אונטען אין טיעפען טאָל ליעגען זיי צוזאַמענגעדריקט איינס אויף דאָס אַנדערע, די קליינע הילצערנע הייזלעך, צווישען וועלכע מיען האָט קוים געקאָנט בעמערקען די שמאָלע, לאַנגע דורכגיינג, די טרויעריגע, נישט־ברוקירטע געסלעך. אויף איינעם פון די הייז־לעך, נישט ווייט פון די טרעפּ, שטעלט ער אָב זיין בליק.

די לאָדען זיינען שוין פערמאַכט. קיין קלאַנג און קיין שטראַל דערמאָנט נישט, אַז דאָ וואָהנט ווער. ביים שוואַכען שיין פון אַ גאַס־לאַנטערנע זעהט עס אויס ווי אַ גרויע, מיט שימעל בעוואַק־סענע חורבה, אין וועלכער עס קאָנען וואָהנען נור נישט־גוטע.

עס רייסט זיך איהם אַרויס אַ שווערער קרעכץ פון האַרצען.

ווי האָבען זיי, נעבעך, איבערגעלעבט דעם היינטיגען טאָג?

ער טראָגט איבער זיין בליק אויף די אַרומיגע הייזלעך, און עס ווערט איהם נאָך אומעטיגער, נאָך קעלטער פון זייער שוואַרצען אויסזעהן.

און עס דאַכט זיך איהם, אַז פון די אַלע הייזלעך קוקט מען

אויף איהם מיט גלעזערנע אויגען. מען בעטעלט ברויט, מען שטרעקט אויס די הענד. אפילו די שטראלען דורך די לאדען און האלב־אָפענע טירען זעהען אויס אזוי טרויעריג, אזוי פינסטער.

אין גאס איז דאָך לעבעדיג. עס שפּאַצירען בהורים מיט מיידלעך; עס טרייבען זיך ארום קליינע קינדער, חדרים־אינגלעך, אַר־בייט־יונגען. אַלע זיינען אין גאַס. מען ווײלט זיך; מען זינגט, מען לאכט, מען יאָגט זיך.

איהם ווערט נאָך אומעטיגער. איהם דוכט זיך, אז היסטע־ריקער אָדער מתים לאַכען עס. ער וויים דעם טעם פון אזא פרעה־ליכקייט.

און עס האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אז ער זעהט פאר זיך די גאַנצע איינוואָהנערשאפט פון דער אונטערגאס. זיי האָבען זיך אַלע פערזאַמעלט אין טאָל אונטער'ן באַרג, און ער מוֹשטערט זיי. דער־שלאָגענע, עלענדע, אויסגעמאטערטע, אָהן א בערוהטע מינוט, אָהן יעדע האָפנונג אויף רוה און געניס. ער האָט געוואָלט ארויס־רופען אין זיין מח קאַמפּף. ער האָט געוואָלט אויסמאָלען זיך, ווי עס שטעהט אויף אָט די דאָזיגע דערשלאָגענע מאסע און געהט אַרויס אין קאמפּף פאר א בעסערע צוקונפט. אָבער ער האָט עס ניט געקאָנט. ער האָט פילאָזאָפירט: הונגריגע קאָנען נישט אַרויסטרעטען געגען זאַטע; הונגריגע קאָנען נור אויפעסען איינער דעם אנדערן, קאָנען זיך אַליין בלויז פערניכטען. און זיי אַלע דאַרפען אונטען זיינען אזוי הונגריג ווי ער.

עס ווערט איהם אלץ שווערער און שווערער... פּלוצלינג דער־הערט ער הינטער זיך א געזאַנג פון א גאַנצען כאָר געזונדע, פרישע שטימען מיט בעגלייטונג פון מוזיק. דאָס האָט מען געזונגען אין א רייכען הויז אין דער אויבערסטער גאַס.

ער גיט א ציטער. אויף „די פליגעל פון געזאַנג" טראָגט זיך א נישט געמאכטע, אמת'ע פרעהליכקייט; די שטימען קומען ארויס פון ברייטע, פולע הערצער.

איהם ווערט אונאנגענעם פון דער פרעהליכקייט, א קעלט געהט איהם דורך, און ער לויפט אראב פון די טרעפּ.

אונטען איז געשטאַנען זיין צוועלפיעהריגער ברודער מנש׳קע.

„גוטמאַן ?“

ער האָט נישט געענטפערט און אָבגעשטעלט זיך קוקען אויפ׳ן ברודער, אַנרוקענדיג די ברעמען. מנש׳קע האָט אָבגעקערט די אויגען און געקוקט אָן א זייט. דער אינגעל האָט געוואָלט עפּיס זאָגען און דאָך מורא געהאַט, מען זאָל איהם נישט פרעגען וועגען דעם.

„געפּאַסט ?“ האָט גוטמאַן א פרעג געטאָן מיט א שניידענדיגער בויך־שטימע.

דער אינגעל איז נאָך חשך׳דיגער געוואָרען.

„ווי געהט עס דער תענית ?“ האָט גוטמאַן געפרעגט

מנש׳קע האָט זיך פלוצלינג צואוויינט.

„דער בעל הבית האָט מיך ארויסגעטריעבען“...

גוטמאַן האָט נאָך מעהר אַנגערוקט די ברעמען.

„הם !... פאַר וואָס ?“

„איך האָב געוואָלט עסען, האָב איך א שטיקעל חלה ביי דער בעל־הבית׳טע...“

„גע׳גנב׳עט,“ האָט גוטמאַן אונטערגעזאָגט מיט א פערשטיקטטען קול.

ער האָט געמאַכט עטליכע טריט; דער ברודער נאָך איהם מיט א געוויין.

„איך האָב געוואָלט עסען, איך בין קוים איינגעשטאַנען, נישט געקאָנט ארבייטען.“

גוטמאַן האָט נישט געענטפערט. איהם איז נאָך שווערער געוואָרען אויפ׳ן הארצען, עס דריקט איהם ביז צו טרערען. ער בייסט די ליפּען און געהט ווייטער.

נעבען שטוב קומט איהם ענטגעגען דער קלענערער אַכטיעהריגער ברודער הירשקע.

„נו ?“ פרעגט ער איהם אויך מיט זיין בויך־שטימע.

הירשקע שוויינט און קערט אָב די אויגען.

„ווי געהט עס דיר דער תענית ?“ פרעגט ער איהם ווייטער אָהן רחמנות.

דאָס קינד דרעהט זיך פּלוצלינג אום צו איהם און רעדט פרעהליך ארוים:

„מיר ווילט זיך גאָר נישט עסען, ווי איך בין א איד, מיר ווילט זיך גאָר נישט עסען!“

„געְ׳גנב׳עט ברוים,“ האָט גוטמאַן ארויסגערעדט האַלב פרעֿ־ גענדיג, האַלב זיכער.

„אָ, ניין, גאָר א נייס!“ האָט זיך דאָס קינד געהיצט, „איך האָב גאָר היינט נאָך גאָרנישט כמעט געגעסען!“

„און זאָט?“ האָט גוטמאַן נאָך גרעבער געמאַכט די שטימע.

„איך וויל נישט עסען! ווי איך בין א איד, איך וויל נישט עסען!“ ענטפערט דאָס קינד מיט איין ערנסט, וואָס שניידט גוט־ מאַנ׳ען אין הארצען.

„איך בין טאַקי געוועזען אין וואַלד!“ זאָגט ווייטער דער אינ־ געל מיט א מין פרייד. „איך און נאָך חברים!... אָ, האָבען מיר דאָרטין אָנגעכאַפּט א סך זומערפויגעלעך... זעהסט, אָ!“ — ער האָט ארייגגעשפּאַרט די האַנד אין בוזים — „אָ, זעהסט“...

ער האָט געהאַלטען א פולע האַנד מיט זומערפויגעלעך.

„און אין חדר?“ האָט איהם גוטמאַן געפרעגט.

דאָס קינד ווערט פּלוצלינג וויינענדיג.

„איך האָב געוואָלט עסען, האָב איך נישט געקאָנט לערנען!“

גוטמאַן וואַרפט אויף די ברידער א לאַנגען פינסטערן בליק און געהט ווייטער, פאַרביי זיין הויז.

„וואוהין געהסטו? קום אריין אין שטוב...“ וויל איהם מנשה אָבשטעלען.

נור דאָס וואָרט „שטוב“ שניידט איהם ווי מיט מעסער. ער וואָלט יעצט ענטלאָפען, וואוהין די אויגען טראָגען.

„קום אין שטוב!“ האָט הירשקע אונטערגעהאַלטען די בקשה מיט א ריהרענדיגען טאָן, נאָכגעהענדיג נאָך גוטמאַנען.

„געהט אַליין! וואָס דאַרפט איהר מיך?“ האָט גוטמאַן גע־ ענטפערט און איז געגאַנגען ווייטער.

„די מאַמע איז אין כעס,“ האָט מנש'קע אַרויסגערעדט דורך טרערן.

„די מאַמע וויל שלאָגען,“ האָט איהם הירשקע אונטערגעהאָל־טען מיט געוויין.

גוטמאַן מאַכט נאָך עטליכע טריט, שטעלט זיך אָב און קוקט אויף די ברידער מיט אַ פינסטער־אָנגעקנויטשטער שטערן.

„קום, זעה!“ האָט הירשקע נאָך ריהרענדער געבעטען.

ער האָט אַלץ געקוקט אויף די קינדער, וועלכע זיינען געשטאַ־נען פאַר איהם מיט געבעט־פּנים'לעך, און ריהרענדיג געקוקט אויף איהם. אַ וואַרמע ליעבע און רחמנות האָבען ערוואַכט און אויפ־געהויבען זיך אין זיין האַרצען, עס האָט זיך איהם עפּיס פערוואָלט אָנהעבען צו גלעטען, קוסען און האַלזען זיי. אויף זיין פּנים האָט זיך בעוויעזען אַ שמייכעל.

„קומט!“ האָט ער אַרויסגערעדט פרעהליכער. ער נעמט זיי אָן פאַר די הענד און פיהרט זיי צום הויז. די קינדער האָבען זיך אָנגעשפּאַרט אָן איהם. ער האָט זיי צוגעדריקט צו זיך, און זיין האַרץ האָט איהם אָנגעהויבען שטאַרקער צו קלאַפּען.

„קומט, די מאַמע וועט אייך נישט שלאָגען!“ האָט ער פרעה־ליך און פעסט אַרויסגערעדט. און ער האָט געפיהלט, אז עס ווערט איהם וואַרמער אין אַלע גליעדער.

דער אומעט האָט זיך פעררוקט ערגיץ אָן אַ זייט, אין אַ בע־האַלטענעם ווינקעל אין האַרץ, און בייסט און שטעכט נאָך אונטער אַ ביסעל. נור גוטמאַן וויל עס נישט הערען.

פון דער אויבערסטער גאַס דערהערט זיך אַ מאַרש, איין אויפ־רוף צום טאַנץ.

אין דער אונטערסטער נעבען די שוואַרצע, קליינע הייזלעך האָט מען איהם אונטערגעכאַפּט מיט צעהנדליגער שטימען.

„נו, קינדער, זינגט דעם מאַרש!“ הייסט גוטמאַן. „מיר ווע־לען אַריין מיט געזאַנג און פרעהליך מאַכען די מאַמען...“

ער העבט אָן. די קינדער זינגען איהם נאָך, ווי נישט ווי־לענדיג און נישט גלויבענדיג אין דער סגולה פון דעם געזאַנג. זיי־ערע שטימען ציטערן. אָבער זיין קול ווערט אַלץ פולער און קלינ־גענדיגער. ער ווערט פלוצלינג פערכאַפּט פון א מין אַלץ פערגע־סענדיגער פרעהליכקייט, אָנגעפילט מיט מונטערקייט און שטאַר־קייט...

„טראַם, טראַם! טראַם, טראַם, טראַם...“
און זיי זיינגען אריין אין שטוב. —

.1894

מען הוליעט.

עס האָבען געהוליעט גרשון דער מאָסקווער זייגערמאַכער, זרח דער פאַרבער, פנחס דער שלעסער און לייזער דער משרת — אַלע צוזאַמען ביי ברוך דעם באַקאַליי־קרעמער אין זיין קליינער דירה אויפ'ן פיערטען שטאָק. זיי האָבען שטאַרק געהוליעט — געטאַנצט, געשפּרונגען, געזונגען, געלאַכט.

דערהויפּט האָט זיך אויסגעצייכענט גרשון דער מאָסקווער זייגערמאַכער. ער האָט אַ שטאַרקען הילכיגען קול, נור דער עיקר איז דאָס, וואָס ער האָט אין זיך אַלערליי „שטיק", דאָס הייסט, ער ווייס אַ סך נגונים, זינגט אַלערליי קידושים, פון וועלכע „מען דאַרף בלייבען אָהן אַ בויך לאַכענדיג", אַלערליי אלף־בית'ן און נאָך אַזעלכע אַרטיקלען. — ער איז אַ יונגער מאַן פון אַ יאָהר עטליכע און דרייסיג, נור שוין אין גאַנצען שיוו, וואו ניטט וואו האָט זיך נאָך דערהאַלטען אַ שוואַרץ האָר אויף זיין געדיכט בעוואַקסענעם פּנים. די שטערן איז דורכגעשניטען מיט טיעפע קנויטשען און אַרום די אויגען ליעגען בלויע רעדער. אָנגעטאָן איז ער אין איין אַלטען, פערפלעקטען שוואַרצען סיורטוק, פון וועלכען עס הייגען אָב שטיקער אונטערשלאַג. דער רעכטער שטיפעל האָט ביי איהם צו הקפות געפּלאַצט, אָבער אַזוי, אז דער גאַנצער פוס איז אַרויסגע־קראָכען. ער האָט איהם גלייך אַראָבגעשלעפּט פון פוס, איז מיט איהם געגאַנגען הקפות און גע'זונגען „עוזר דלים הושיעה נא!". דאָס איז שטאַרק געפעלען געוואָרען, און דער שטיפעל איז שוין פון די הענד נישט אַראָב. אז מען איז געגאַנגען פון שול, האָט מען דעם שטיפעל אַרויסגעטראָגען פאָראויס מיט אַ מאַרש. דאָס איז געווע־זען דאָס לעצטע מאָל, וואָס גרשון האָט געזעהן זיין שטיפעל — ער איז פערשוואונדען געוואָרען פון אונטער די הענד. גרשון האָט

אראבגעריסען ביי א בעקאנטען בעל־הבית פון שול א קאלאש און אנגעטאן אויפ׳ן בארפיסען פוס. און אזוי הוליעט ער שוין דעם גאנצען שמחת־תורה אין איין שטיפעל און אין איין קאלאש. דערצו ציהט ער יעדע ווײַלע די פאלע פון סיורטוק, ווייל די הויזען האבען געפלאצט נישט אויף א גוטען ארט.

פון איהם שטעהט נישט אב זרח דער פארבער. ער וואלט נאך מאכען בעסער פאר׳ן זייגערמאכער, ווען ער וואלט קאנען נע־מען די הויכע טענער. נור איהם טוט וועה די ברוסט, און ווי ער קומט צו די הויכע טענער, לאזט ער אב גרשונ׳ען אליין. דאמאלס גיט ער א פיהר מיט די הענד, גלייך ער וואלט זיך אונטערגעבען און מודה זיין, אז גרשון שטעהט העכער פון איהם אין נגינה. — זיין געזיכט איז געל ווי וואקס, די באקען איינגעדארט און איינגע־צויגען. דאס בלאנדע בערדעל איז שיטער, אויסגעקראכען. עס בעווייזען זיך שוין גרויע האר, כאטש איהם איז ערשט ארום דריי־סיג. זיינע „מלבושים“, ווי אויך די „מלבושים“ פון די איבריגע הוליערס, זיינען נישט בעסער פאר דעם זייגערמייסטערס. ער האט מעהר נישט א ניי היטעל, דערפאר אבער איז זיין ראק צוריסען אין ארבעל.

פנחס, לייזער און ברוך, אידען אין די מיטעלע יאהרען מיט צוקנויטשטע, פער׳דאגה׳טע פנים׳ער, נעמען נישט אראב די אוי־גען פון גרשון׳ען מיט זרח׳ן, קוקען זיי אין מויל אריין און העלפען אונטער. —

אויפ׳ן טי״ש שטעהט ארמער כיבוד: הערינג, אוגערקעס, קיכלעך...

„קיין סך מאכלים וועט איהר ביי מיר נישט האבען,“ האט זיי ברוך א פריער אנגעזאגט.

„בראנפען איז פראן?“ האט גרשון געפרעגט.

„ווי דען!“ האט ברוך געענטפערט.

„און ברויט?“

„נישט צו פערזינדיגען.“

„און הערינג מיט אוגערקעס וועט אויך זיין?“

„כיד המלך!“

„איז נישטאָ וואָס צו רעדען. שאַגאַם מאַרש! דער ווייסער האָרן, דער קרומער משה, אוצו פוצו קוקאַרעקו!“ האָט גרשון אויס־געזונגען מיט'ן נגון פון „אתה הראית“ און געלאָזען זיך געהן.

אי גרשון, אי זרח, אי פנחס, אי ליזער, זיינען עלענדע אין דער גרויסער שטאָדט, אָהן זייערע געזינדען. זיי האָבען שוין טאַקי געטראַכט, וואו איז מען זיך א ביסעל משמח. יעצט איז א נייע נשמה אין זיי אריין, די שמחת־תורה'דיגע נשמה.

נאָך אויף די טרעפּ ביי ברוך'ן האָבען זיי שוין אָנגעהויבען א נגון. עס האָבען זיך אויפגעעפענט עטליכע טירען און נייגיעריגע אויגען האָבען בעקוקט די פרעהליכע אידען. זיי האָבען אַלעמען געשריען „גוט יום טוב!“

„שכור'ע אידען,“ האָט ערקלערט פאַן וואַיצעקס דיענסט איהר פאַני.

„דאָס געהט מען דאַכט זיך צו מיר,“ האָט מיט שרעק א טראַכט געטאָן דבורה, ברוך'ס ווייב, ווען די קולות זיינען צוגעקו־מען נעהנטער צו איהר טיר. זי האָט א וואָרף געטאָן א פערזאָרג־טען בליק אויף דאָס אַלמערל, וואו עס שטעהט ביי איהר דאָס עסענוואַרג; פון אַלמערל האָט זי אריבערגעטראָגען דעם בליק אויפ'ן אויווען, וואו עס קאָכט זיך איהר וואַרמעס... נור זי האָט נאָך קיין צייט נישט געהאַט עפּיס איבערצולעגען, און די טיר האָט זיך שוין אויפגעעפענט מיט א רעש, און עס האָבען אריינגעשאָטען די געסט מיט ברוך'ן פאָראויס.

„גוט יום טוב, בעל־הבית'טע!“ האָבען זיי אויסגעשאָסען.

„גוט יאָהר!“ האָט זי געענטפערט מיט א זיסען שמייכעל.

די געסט האָבען גלייך אָנגעהויבען צו זינגען און צו טאַנצען.

דבורה איז אַרויס אין קיך, ברוך גלייך נאָך איהר.

„וואָס זאָל איך זיי אָנהעבען צו געבען, ווייס איך נישט,“ האָט דבורה ביטער אַרויסגעשעפּציעט.

„בראַנפען איז פראַן? ברויט און חלה איז פראַן? אוגערקעס

איז פראַן? איז גוט! זיי וועלען אויף אונז קיין פּאראיבעל נישט האָבען," האָט ברוך שטיל געענטפערט.

„וואָס איז פראַן בראַנפען, וואָס? וואָס וועט עס קלעקען?" האָט דבורה מיט פערדרוס דערווידערט.

„אז עס וועט אויסגעהן, וועט מען שיקען דעם סטרוזש נאָך נאָך בראַנפען."

„שיקען! דו האָסט עפּים א סך געלד?"

ברוך האָט זיך אזש דערשראָקען.

„ביי דיר איז גאָר גאָרנישט געבליעבען?"

„בלייבען!? פון וואָס האָט דיר געזאָלט בלייבען?" האָט דבורה ביטער געשמייכעלט.

ברוך איז געבליעבען אבהענדיג און האָט טרויעריג אראָבגע־לאָזען דעם קאָפּף.

„נו, מילא!" האָט ער ענדליך ארויסגעזאָגט און איז אריין אין דאָס צווייטע צימער.

אין א ווײלע ארום איז דבורה אריין מיט די הערינג, אוגער־קעס, חלה, קיכלעך... און דער עולם האָט געהוליעט — עס האָט זיך געלעגט די שטוב. זרח איז ארויפגעקראָכען אויפ'ן טיש, געשפּרונ־גען, העבענדיג די פּים ביז דער נאָז, און געזונגען:

„הוליע, הוליע, הוליע, קבצן!
הוליע, הוליע, הול־ל־ליע!..."

און די איבריגע האָבען זיך גענומען פאַר די הענד, געדרעהט זיך ארום טיש, געלאַכט, געזונגען, געשפּרונגען, מאָדנע וואָרפענדיג מיט די אקסלען, שאָקלענדיג מיט די קעפּף און קלאַפּענדיג מיט די פּים.

נור עס ווערט וועניגער בראַנפען. ברוך מיט דבורה'ן קוקען זיך איבער מיט טרויעריגע בליקען. אין גיכען מאַכט זיך ברוך ארוים אין קיך; דבורה נאָך איהם.

„דו האָסט גאָר גאָרנישט?" פרעגט ער זי.

„פון וואַנען זאָל איך האָבען?" ענטפערט זי מיט א ביטערען טאָן.

„כאַטש פּופּצעהן קאָפּיקעס?“

„פון וואַנען?“ רעדט זי שוין ארוים מיט פּערדרוס. „דו האָסט מיר געגעבען ערב יום־טוב...“

נור ברוך וויל נישט אויסהערען איהר חשבון.

„אַ מאוס'ע מעשה!“ זאָגט ער טרויעריג און לאָזט אַראָב דעם קאָפּף.

„עי, וואו זיינען זיי?“ האָט לייזער אויסגעשריען אין דעם צווייטען צימער און געלאָזען זיך אין קיך.

ברוך איז איהם נעגאַנגען ענטגעגען, און דבורה האָט געמאַכט אַ מיענע, ווי זי זוכט עפּיס אין אַלמערל.

„איהר זעהט צו נישט?“ האָט לייזער געשריען, בעווייזענדיג זיי די לעדיגע פּלאַש.

„איך זעה, איך זעה,“ האָט ברוך געשמייכעלט.

„נו?“

„נ־נ־נו?“

„מען דאַרף דאָך אָנפילען?“

„איך ווייס, וואָס מען דאַרף, נאָר...“ ער האָט צושפּרייט די הענד און געדריקט מיט די אַקסלען.

„רבותי, פון די קע'ז'ענעם!“ האָט אויסגעשריען גרשון. „איך האָב מיין אייגענם דרייסיג קאָפּיקעס — איך בין דאָך איין אַלטער אפּקורוס.“

„און איך בין אַ כשר'ער איד מיט יום טוב'דיגע קעשענעס,“ האָט זיך זרח געברימט, פערגלאָצט די אויגען און אויסגעקערט די קעשענעס.

ביי פּנחס'ן האָט זיך געפונען אַ „גילדען“. לייזער האָט אויך געהאַט „יום טוב'דיגע קעשענעס“.

מען האָט אַריינגערופען דעם סטרוזש פון הויף און געשיקט איהם נאָך בראַנפען. די שמחה איז שוין ווייטער געוועזען פאַר־פול...

נור דבורה איז געזעסען טרויעריג. עס האָט זיך איהר עפּיס געגלוסט צו וויינען. אין מח האָבען זיך איהר נישט דייטליך פאָר־

געשטעלט די יענע שמחת־תורה'ס, ווען מען האָט זיך ביי איהר אין שטוב געגאָסען מיט בראַנפען. דאָס איז געווען אין יענע גוטע צייטען, ווען זי איז געווען די איינציגע קרעמערין אין גאַס און האָט געהאַט איבער הונדערט בעל־הבית'טעס, נישט ווי איצטער — איך וויים וואָס פאר א פּאָר צעהנדליג קליינע בעל־הבית'טעס, וועל־כע נעמען אָהן געלד און צאָלען נישט אָב.

„וואָס זיצט איהר אזוי?" האָט זרח איבערגעריסען איהרע גע־דאנקען. „וואָס? קיין געלד נישטאָ?... און ווער האָט געלד? ווענען לעבט זיך יא גוט? אלא וואָס?... מען איז א מענש און מען דארף נישט זאָרגען. מיר זיינען דאָך עפּיס אידען אויף דער וועלט, הא?"

ער האָט אָנגעשטעלט די אויגען אויף די חברים מיט אזא קוק, גלייך אין זיין פראַגע וואָלט געלעגען דער גאַנצער שכל, די גאַנצע פרענזשינע פון זייער לעבען.

„טאָ לאָ'מיר טאַקי נעמען „לחיים"!" האָט איהם לייזער געגע־בען א קלאָרע תשובה.

„און נור טאַקי „לחיים"!" האָט זרח אונטערגעכאַפּט און גענו־מען אָנגיעסען די קעלישיקעס.

נור זיין פילאָזאָפיע האָט ווענינ געווירקט אויף דבורה'ן. זי איז נאָך טרויעריגער געוואָרען און אויף איהר קוקענדיג האָט ברוך אליין אָנגעוואָרען דעם פריערדיגען מוט.

„אז איהר זאָרגט, דארף איך שוין וואָס, הא?..." האָט זיך דער זייגערמייסטער אהויפגעוואָרפען אויף ברוך'ן מיט דבורה'ן. „איהר זייט כאָטש „דיעד דא באבא", איהר וואָהנט כאָטש צווא־מען... און איך? הא?... מיין ווייב מיט פינף נפל'עך וואָהנט אין כף הקלע... איך האָב זיי א קאָפּיקע נישט געשיקט אויף יום טוב... איך האָב נישט געהאַט פון וואַנען... איך אליין האָב מיך דורכגע־שלאָגען דעם יום־טוב: דאָ, דאָרטין, אהין, אהער, אזוי, ווי עס איז — דורכגעקומען! וואָס האָט זי אָבער געטאָן מיט די פינף נפל'עך...

— זיין קול האָט א ציטער געטאָן און זיין געזיכט האָט אָנגעהויבען

צו קרימען זיך. — „איהר זאָרגט נאָך!“ האָט ער דערהעכערט דעם קול און איראָניש ארויסגערעדט. „איהר זעהט, ווי איך געה? אין איין שטיפעל און אין איין קאלאש, און דאָס איז נאָך א פרעמדע קאלאש... נור גאָרנישט... היינט איז שמחת־תורה, מען טאָר נישט זאָרגען... עט! טאראַ־ראַ־ראַם, טאַ־ראַ־ראַ־ראַם, טאַ־ראַ־ראַ־ראַם!“ האָט ער אָנגעהויבען צו זינגען אויף די הויכע טענער, כאָטש די אויבערסטע ליפּ האָט זיך נערוויש בעוועגט.

דער עולם האָט איהם שוואך אונטערגעכאַפּט. אַלעמען האָט עפּיס מאָדנע דאָס הארץ געדריקט און עס האָט זיך זיי געוואָלט רע־דען וועגען זייער ארם לעבען, וועגען זייער עלענד און נויט...

„ער זאָגט, ער מיינט, אז ער איז שוין גאָר דער גרעסטער קבצן!“ האָט לייזער מפסיק געוועזען אין זינגען. „איך וואָלט אייך דערצעהלען, וואָלט איהר ערשט וויסען... איך האָב נאָך אויף זיך א גוטען בעל הבית, פון וועלכען איך קרעפּיר צעהן מאָל א טאָג. איך וואָלט אייך דערצעהלען...“

„נו, געננוג, נו!... וואָס איז דאָס פאר א רעד אום יום טוב!“ האָט זרח איבערגעריסען. „העלפט!... טאררא, טאררא, טאררא... מיר זיינען אלע גוטע קבצנים!... טירא־רירא, טריראראם... מיר האָבען אַלע גוטע פעקלעך... טאַרארא...“

„נאָך וואָסערע!“ האָט זיך פּנחס אָבגערופען. „טאַם־באַם־באַם... אלץ הייסט פעקלעך!... טאַם־באַם־באַם...“

„איז נישטאָ וואָס צו רעדען!“ האָט אויסגעשריען זרח. „איז לעבעדינגער! פרעהליכער! טאררראַ־ראַ! טארררא־רא!...“

ער האָט אָנגעהויבען צו זינגען מיט אַלע כחות און איז ארויפ־געשפּרונגען אויפ׳ן טיש. דער עולם איז טאקי לעבעדיגער געוואָרען. זיי זיינען אַלע אויפגעשפּרונגען פון די ערטער, האָבען געמאַכט א ראָד ארום טיש, ארייננעמענדיג אין קאָמפּאַניע דבורה׳ן אויך, און אָנגעהויבען צו טאַנצען. זיי האָבען זיך אַלע צושריען גאָר אויף די הויכע טענער און געטאָפּעט מיט די פיס, אז אלץ אין שטוב איז

אונטערגעשפּרונגען. דאָס האָבען זיי געוואָלט אריבערשרייען דעם אומעט, וועלכער האָט זיי שטארק געדריקט דאָס הארץ, די שרעקלי־כע זאָרגען, וועלכע האָבען שטילערהייט גענאָגט און גענאָגט. — אין דער לופט האָבען זיך טרערען געפיהלט.

און אַלץ שטאַרקער האָבען זיי געשריען, און זרח האָט גע־מאכט נאָך גרעסערע קונצען, גאַנץ פערגעסען זיין וועהטאָגדיגע ברוסט און נאָך העכער געזונגען:

„הוליע, הוליע, הוליע, קבצן!...“

.1895

[library stamp]

חיים משרת.

עס איז געוועזען איינע פון יענע ווינטער־נעכט, ווען דער אָרמ־מאַן ווערט ביי זיך שטאַרקער און העבט אָן מיט מעהר עזות צו רע־דען מיט'ן „סומך דלים“ און מאָנען ביי איהם התחייבות.

דער פראָסט קנאַקט, ברענט. אַ שטאַרקער ווינד בלאָזט און העבט אויף פון דער ערד א שנעענעם שטויב, טראָגט און דרעהט איהם אין דער לופט און שמייסט די דורכגעהער אין פנים אריין. עס פערכאַפּט ביי זיי דער אָטעם; דער שנעע־שטויב שניידט שרעק־ליך אין געזיכט.

אין דער לופט טראָגען זיך ארום טויזענדער קללות דעם ווינד און דעם וועטער, און דער ווינד ענטפערט אויף זיי מיט נאָך א הע־כערען פייפען און וואָיען, מיט נאָך א גרעסערען שטויב.

די גאַסען ווערען לערער; אלע איילען צו בעהאַלטען זיך פאר דעם שרעקליכען וועטער. „אשרי יושבי ביתך!“ וויצלען די בעלי־בתים פון ווארימע און ליכטיגע שטיבער און שמייכלען אונטער, ווי זיי וואָלטען געזאָגט א גרויסע חכמה.

„דער ווינד וועט גלאַט ניט אראָב,“ זאָגען אָרם און רייך: די רייכע — מיט א מינע פון געלעהרטע לוח־מאַכער, און די איינ־וואָהנער פון פינסטערע, קאַלטע און נאַסע דירות — מיט שרעק. דער אָרממאַן ווארפט איין אונרוהיגען בליק אויף די ציטערנדיגע שויבען און ראַמען און דערנאָך אויף דאָס קופּקעלע קליינע נפשות, וואָס האָבען זיך צונויפגעדריקט אין א ווינקעל און פערקרימען די פּנימלעך פאר קעלט און אנגסט ביי יעדעם פייף פון ווינד.

איינגעוויקעלט אין א צוריסענעם טוך מיט דער מאַמעס גרויסע שיך אויף די פיס, איז געלאָפען א מיידעלע פון א יאָהן צעהן—עלף

איבער דער גאַס. דער ווינד פלעגט זי אַלע ווײַלע אָבשטעלען. דאָ האָט ער זיך אַרײַנגעכאַפּט אונטער דאָס טוך, אָנגעבלאָזען עס ווי א זעגעל און געריסען ביי איהר פון קאָפּ; דאָ האָט ער איהר פערשיט די אויגען מיט שניידיגען טרוקענעם שנעע; דאָ האָט ער זיך אַרײַנגעיאָגט צו איהר אין מויל אַריין, און עס פערפּעהלט איהר אָטעם. זי האָט געמוזט אַלע ווײַלע אָבשטעלען זיך, מאַכען צו רעכט דאָס טוך, אויסרייבען די אויגען אָדער איבערקערען זיך און כאַפּען דעם אָטעם מיט א קרעכץ. אין ווענכען עס האָט זיך גע־הערט: „געוואַלד, וואָס וויל ער פון מיר?!...“

דאָך הערט זי נישט שטאַרק די קעלט. איהר קעפּעל איז זעהר פערנומען מיט איהר שליחות: זי לויפט רופען איהר טאַטען א היים, ווייל דער מאַמען איז עפּיס נישט גוט.

כמעט א דערפרערנע איז זי אַרײַנגעלאָפען אין גרינפעלד׳ס אייזען־קראָם, וואו איהר טאַטע חיים איז געוועזען א משרת.

„זעה, אין אַזא וועטער!“ האָט חיים דערשראָקען אויס־געשריען.

איהר האָט אָנגעכאַפּט ביים האַרצען: זי האָט זיך צוואויינט.

„קום אַ היים, דער מאַמען איז ניט גוט!“

חיים איז בלייך געוואָרען.

„איך געה שוין, איך געה!“ האָט ער געזאָגט. „לויף א היים, רבקה׳לע!“

„זאָלסט שוין קומען, הערסט!“ האָט איהם רבקה׳לע אָנגע־זאָגט און איז נישט ווילענדיג אַוועקגעגאַנגען.

„איך קום שוין, איך קום שוין,“ האָט ער געשטאַמעלט, ביז־גלייטענדיג זי ביז דער טיר.

ער האָט זי נישט פערהאַלטען, זי זאָל זיך אָנוואַרמען, ווייל ער ווייס, אז מען דאַרף זי נויטיג אין דער היים. ער ווייס, וואָס דאָר־טין טוט זיך. נאָך אין דער פריה האָט איהם דאָס ווייב אָנגע־זאָגט, אז היינט פיהלט זי זיך זעהר שלעכט, און ער זאָל זעהן קו־מען וואָס פריער א היים, ווארום מאַלע וואָס מען דאַרף. די

באַבע לאה, וואָס איז די לעצטע טעג כמעט פון זיין שטוב נישט ארויס, האָט איהם אויך דאָס זעלבע אָנגעזאָגט. דעם גאַנצען טאָג איז ער געשטאַנען, ווי אויף הייסע קוילען; אין אבענד איז ער נאָך אונרוהיגער געוואָרען. מעשה־שטן איז דער אונטער־משרת אוועקגעגאַנגען און זוימט זיך שוין עטליכע שעה, און דער בעל־הבית איז שטאַרק פערנומען מיט דעם באַלאַנס, ווי פאר א באַנק־ראָט. ער האָט זיך פערמאַכט פון אין דער פריה אין צווייטען צי־מער, אין קאַנטאָרקע, און מען קאָן מיט איהם א וואָרט נישט רעדען.

יעצט איז ער דאָך צוגעגאַנגען צו דער קאַנטאָרקע, האָט צוגע־לעגט איין אויער צו דער טיר, נור ער האָט גאָר נישט געהערט. ער איז געבליעבען א ווײלע שטעהן, ניט דערוועגענדיג זיך אויפצו־עפענען די טיר; זיין פנים האָט זיך פערקרימט פאר צער. ענדליך האָט ער זיך איינגעשטעלט און אויפגעעפענט א קליינע שפּאַרע. דער בעל הבית, א הויכער, דיקער פינף־און־פופציגער, איז געזעסען אָנגעשפּאַרט אָן ווענטעל פון שטול און גערויכערט א ציגאַר.

חיים האָט אריינגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין טיר און געמאַכט א רחמנות־פּנים.

„בעל הבית... הערר גרינפעלד...“ שטאַמעלט ער מיט געבעט. „מיין טאָכטער...“

הערר גרינפעלד האָט פערשטאַנען פון חיים׳ס טאָן, אז עס געהט נישט וועגען געשעפט, און איז געבליעבען זיצען אין דער איי־גענער פּאָזע, נישט א קער טוענדיג אפילו מיט׳ן קאָפּ אין חיים׳ס זייט. ער האָט נור א טראַכט געטאָן: „וואָס וויל שוין די פּלאָגע?“ א „צופּ“ געטאָן דעם ציגאַר און אין בייגעל ארויסגעלאָזען דעם רויך.

חיים האָט ווייטער אָנגעהויבען צו שטאַמלען זיין בקשה, נור נאָך מיט א ציטערדיגערן קול.

„הערר... הערר גרינפעלד... מיין טאָכטער... מיין ווייב....“

גרינפעלד האָט זיך צוגערוקט צום טיש, אריינגערוקט דעם קאָפּ אין דאָס גרויסע בוכהאַלטערישע בוך, וואָס איז פאר איהר געלעגען, און אָנגעקנויטשט די שטערן מיט א פערטראָגענער מיענע.

חיים האָט נאָך א מאָל א מאַך געטאָן מיט די ליפּען און אָנ־געהויבען צו צומאכען די טיר, און גלייך ווידער פערנאַנדערגע־עפענט, א קוק געטאָן מיט געבעט אויפ׳ן בעל הבית, געוואָלט זאָגען עפּיס און... איז אוועקגעגאַנגען פון טיר, לאָזענדיג זי האַלב־אָפען. די לינקע באַק האָט איהם עפּיס געפּלאַמט, גלייך עמיץ וואָלט איהם געפּאַטשט; אין די אויערען האָבען איהם געקלונגען אַלערליי זיד־לעריי, כאָטש קיינער האָט איהם יעצט א וואָרט נישט געזאָגט....

ער האָט פערבראָכען די הענד, אז די פינגער האָבען גע־קנאַקט, די האָר האָבען זיך איהם אויפגעהויבען, און מיט גרוים שרעק האָט ער געקוקט אויף די גאַסטיר, אז אָט־אָט וועט זיך ווייטער בעווייזען די האַלב נאַקעטע רבקה׳לע. ער איז עטליכע מאָל צוגעגאַנגען צו דער טיר פון קאַנטאָרקע, ביז דער בעל הבית האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט און צוגעמאַכט די טיר; חיים האָט זיך גאָר פערלאָרען. דאָס פּנים האָט זיך איהם פון האַרץ־וועהטאָג, פון יסורים, נאָך מעהר פערקרימט און איז געל געוואָרען.

א לאַנגע, שרעקליכע שעה איז פאַרביי. די גאַס־טיר האָט זיך געעפענט, און רבקה׳לע איז אריין. ער איז אָבגעשטאָרבען, דערזעהענדיג זי. עס האָט זיך איהם עפּיס ווי אָבגעריסען אין האַרצען.

„איך געה שוין... איך געה שוין...“ האָט ער ארויסגערעדט מיט שרעק, נישט וואַרטענדיג ביז זי וועט איהם עפּיס זאָגען.

„איך געה שוין!“ האָט זי איהם איבערגעקרימט דורך טרע־רען — „איך געה שוין“ — און קומט נישט! די מאַמע שרייט מיט בענומענע קולות, און מיך טרייבט מען ארום!... איך האָב שוין אָבגעפראָרען די פיס, האָב איך אָבגעפראָרען!... קום א היים, קום!“ האָט זי נאָך בייזער אויסגעשריען. „וואָס קאָנסטו זיך נישט אָב־רייסען, וואָס? !... קום א היים, קום!...“

דאָס האַרץ איז איהם פערגאָסען געוואָרען מיט בלוט.

„איך געה גלייך, איך געה...“ האָט ער געשטאַמעלט און א לאָז געטאָן זיך צו דער קאַנטאָרקע; ער האָט אויפגעעפענט שוין פעס־טער די טיר און גאַנץ הויך ארויסגערעדט:

„בעל הבית, מיין ווייב געהט צו קינד... איך מוז...“
דער בעל הבית האָט געבלעטערט דאָס גרויסע בוך. ער האָט א ווײלע געשוויגען און דערנאָך שטיל און קאַלטבלוטיג געענטפערט:
„זי וועט גאַנץ זיין.“
ער האָט אָנגעקנויטשט די שטערן, אָבגעשמעלט זיך אויף אַ חשבון און דערביי געטראַכט: „ער דאַרף אויך קינדלען... דער שלימזל! אַזאַ מין צרה...“ — ער האָט איבערגעקערט אַ בלאַט — „אַזאַ מין שלאַק!... אַ גרויסע זאַך — דאָס ווייב געהט צו קינד! ווי דאָס איז אַ ביסעל טייער ביי זיך!... ער זעהט, דאַכט זיך...“
„מיין טאָכטער איז שוין דאָ דאָס צווייטע מאָל,“ האָט איהם חיים שוין מיט אַ ניעדריגערן טאָן איבערגעריסען די מחשבות.
„הער, דול מיר ניט דעם קאָפּ!“ האָט גרינפעלד בייז אויס־געשריען, אַ קער טוענדיג צו איהם דעם קאָפּ.
„ער זעהט, דאַכט זיך, ווי איך בין פערנומען!“ האָט ער מיט כעס געטראַכט, דרעהענדיג צוריק דעם קאָפּ, און מיט בייזקייט אַ פיהר געטאָן די אויגען אויף דער געגען־וואַנד, ווי איינער וואָלט דאָרט געזעסען און ער וואָלט איהם געפרעגט: „וואָס זאָגט איהר צו מיין משרת׳עם קאָפּ?“...
„זעהט, בעל הבית...“ האָט חיים אָנגעהויבען נאָך ניעדריגער, מיט מעהר בקשה.
„מאַך צו די טיר, זאָג איך דיר!“ האָט יענער אויסגע־שריען, איבערדרעהענדיג זיך אויפ׳ן שטול און אָנשטעלענדיג אויף חיים׳ען די בייזע אויגען. חיים האָט לאַנגזאַם צוריק צוגעמאַכט די טיר.
„נו, וועסט שוין געהן אַ מאָל?“ האָט איהם געפרעגט רבקה׳לע, וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט און געקוקט אויף איהם בייז און קרום.
„איך געה, איך געה...“ האָט ער געשטאַמעלט, רויט ווערענ־דיג פאַר בושה פאַר דער קליינער טאָכטער.
„זעהסט דאָך!“ האָט ער צוגעגעבען, ווייזענדיג מיט׳ן קאָפּ און מיט דער האַנד אויף דער פערמאַכטער קאַנטאָרקע.

„וואָס זאָל איך זעהען, וואָס?“ האָט די קליינע בייז געשריען, „קום אַ היים, קום!“

„איך געה שוין... איך געה שוין...“ האָט ער קוים געזאָגט.

„טאַק קום!“ האָט רבקה׳לע אויסגעשריען מיט האַרץ.

„שאַ, שריי ניט אַזוי!“ איז ער שוין בייז געוואָרען דערמאָנענדיג זיך, אַז ער איז אַ טאַטע, און האָט זיך מיט שרעק אומגעקוקט אויף דער טיר פון קאַנטאָרקע. „געה אַהיים, געה! געה!... שריי דאָ נישט!...“

„יאָ, איך האָב זעהר מורא פאַר דיין בעל הבית!“ האָט זיך די קליינע צושריען. „קום אַהיים! איך וועל אָהן דיר ניט געהן!...“

חיים איז צוגעגאַנגען צו דער קאַנטאָרקע.

„ער דאַרף נאָך פרעגען ביי דעם בעל הבית!“ קרימט זיך רבקה׳לע. „מען נעמט און מען געהט!...“

ער האָט געמאַכט מיט׳ן פינגער, זי זאָל שווייגען.

„פש, טייערע זאַכען?“ האָט זי זיך ווייטער געקרימט. „איך האָב טאַקי אַ סך מורא פאַר איהם...“

„ששש!...“ האָט דער „טאַטע“ שטרענג אַ מאַך געטאָן אויף איהר מיט דער האַנד.

„יאָ, אַ ודאי!“ — האָט זי זיך נישט אויפגעהערט צו קרימען. „קום אַהיים, קום!...“

חיים האָט ווייטער אויפגעעפענט די טיר.

„איך וועל געהן אַהיים, בעל הבית.“

דער בעל הבית האָט נישט געענטפערט, מאַכענדיג אַ חשבון און אונטערזינגענדיג.

„איך מוז... דאָס ווייב איז...“

„מאַך צו די טיר!“ האָט דער בעל הבית שטרענג געענטפערט פון בוך.

„איך מוז געהן אַ היים!“ האָט חיים שוין אָנגעהויבען מיט אַ ברוגז׳דיגען טאָן. „דאָס ווייב איז אַ פאַרבייאיגע... איך מוז...“

„מאַך צו די טיר, זאָגט מען דאָך דיר!“ האָט גרינפעלד אויסגעשריען און אָנגעשטעלט אויף איהם די אויגען.

„איך מוז אהיים... מיין ווייב...“ איז חיים געשטאנען אויף זיינס.

„א, פּאָדליעץ דו! הונד איינער!...“ האָט זיך גרינעפּלד צו־שריען, אויפשפּרינגענדיג פון אָרט. „ארויס אין אל די רוחות!... דיין פוס זאָל דאָ מעהר נישט זיין!... זאָלסט מעהר ניט וואגען צו קומען אין קראָם!... פּאָדליעץ דו!...“

חיים איז פאר שרעק אָבגעשפּרונגען. ער האָט זיך א ביסעל פערלאָרען, נור גלייך האָט ער זיך א לאָז געטאָן צו דער גאס־טיר און איז ארויסגעלאָפען פון קראָם.

רבקה'לע איז נאָך א ווײלע איבערגעבליעבען און, האַלטענדיג זיך פאר דער טיר, האָט זי אויסגעשריען גרינפעלדען, וואָס איז גע־שטאנען אין טיר פון קאנטאָרקע מיט אויסגעגלאָצטע אויגען פאר כעס: „איהר זייט אליין א פּאָדליעץ! אליין א הונד! א ב ר א נ ד א י י ך א י ן א ל ע א י י ע ר ע ב י י נע ר!“

זי האָט אויף איהם געוואָרפען א פייערדיגען בליק און איז מיט נצחון ארויס פון קראָם.

חיים איז שוין געוועזען ווייט. רבקה'לע האָט געדארפט לוי־פען מיט אלע כוחות צו דעריאָגען איהם און, לויפענדיג, האָט זי נישט אויפגעהערט צו שעלטען מיט ביטערע קללות דעם בעל־הבית. חיים'ען האָט עס שטארק הנאה געטאָן; יעדע קללה האָט איהם אנגענעם געקלונגען, ווי א פיינע מוזיק. ער האָט געפיהלט, אז זי טוט א גוטע זאך, אז זי טוט, וואָס מען דארף טון און וואָס ער האָט געדארפט טון, ווען ער זאָל נישט זיין קיין ד ע ר ש ל אָ־ג ע נ ע ר...

ביי דעם לעצטען געדאנק האָט ער זיך איינגעבויגען, צונויפ־געדרעהט, אראָבגעלאָזען דעם קאָפּף, מאַכענדיג א זויערע מינע.

„א דערשלאָגענער, א דערשלאָגענער...“ האָבען קוים געמאכט זיינע ליפּען, און ער האָט דערפיהלט דעם פראָסט מיט דעם ווינד. עס האָט איהם אָנגעהויבען צו שווידערן; ער האָט זיך געשעמט פאר זיך אליין.

„א דערשלאָגענער, א דערשלאָגענער...“ נור פלוצלינג איז ער בייז געוואָרען און האָט אָנגעהויבען איבערצוחזרן אין הארצען יעדע קללה איהרע.

ער איז ביי זיך שטארקער געוואָרען און האָט זיך געלאָזט לוי־פען אין איין אָטעם. ער האָט שוין ווייטער נישט געפיהלט נישט דעם פראָסט, נישט דעם ווינד, וועלכער האָט געפייפט און גע־וואָיעט, צונויפגיסענדיג זיך מיט רבקה׳לעם קול און פערנאנדערטראָגענדיג איהרע קללות אין דער לופט. עס האָט זיך איהם געדאכט, אז דאָס פייפט נישט דער ווינד, נור פון איהם אליין, פון זיין הארצען טראָגען זיך די שניידענדיגע קולות. ער האָט אפילו נישט בע־מערקט, ווען ער איז ארויפגעקומען אויפ׳ן דריטען שטאָק און צו־געקומען צו זיין וואָהנונג, צו זיין שאלקע. ערשט ביי דער טיר האָבען איהם פערנאנדערגעשלאָגען משונה־ווילדע קולות. ער האָט א ציטער געטאָן — ער האָט דערהערט דעם ווייב׳ס קללות.

„זאָל ער נישט דערלעבען קומען א היים, אָי!“ האָט זי בי־טערליך געשריען. „פטור זאָל איך פון איהם ווערען, אָי, אי! ער קאָן זיך גאָר פון קראָם נישט אָברייסען, אָי, אי!... א בראנ...“

א שרעקליך ווער־געשריי האָט איבערגעריסען די קללות און אָנגעפילט דאָס גאנצע הויז.

ווי א שווערער פערברעכער, מיט א געבויגענעם קאָפּ, אראָב־געלאָזטע אויגען און א הארץ־קלאפּענים, איז ער אריין אין זיין וואָהנונג.

זי איז בעשטאנען פון צוויי קליינע חדרים. אין דעם ערשטען, וואָס האָט געדיענט אלס קיך און קינדער־צימער צוזאמען, איז כמעט פינסטער געוועזען, נור א קליינער שיין איז אריינגעפאלען פון דער האלב־אָפענער טיר פון צווייטען צימער. אין איין ווינ־קעל האָט זיך געריסען א קליין קינד פון א יאָהר אָנדערטהאלבען, מיט וועלכען עס האָט זיך געניאנטשעט איין אונבעקאנטע שכנה. אין דעם אנדער ווינקעל האָבען געשלוכצעט אין א קופּקעלע פּיעה

קליינע קינדער און האָבען זיך צולאָזט אויף א קול, דערזעהענדיג דעם פאָטער.

די שכנה האָט איבערגעגעבען רבקה׳לען דאָס קינד און ארויפגעוואָרפען זיך מיט זידלעריי אויף חיים׳ען. זי האָט געשוואָרען, אז מען טאָר איהם נישט אריינלאָזען אין א אידיש הויז, אז ער איז נישט ווערט, וואָס די ערד טראָגט איהם, אז אזא מאַן האָט זי נאָך נישט געזעהען, זינד זי איז א שטיקעל מענש.

„איידער אזא מאַן צו האָבען,“ האָט זי אויסגעפיהרט איהרע טענות, „איז בעסער גאָר נישט געבאָרען ווערען, טפוי!....“

זי האָט אויסגעשפּיגען מיט הארץ און געוואָרפען א גיפטיגען בליק אויף חיים׳ען, פעררינכטענדיג דאָס טיכעל אויפ׳ן קאָפּף.

ער האָט גאָר נישט געענטפערט. ער האָט מקבל באהבה געוועזען אלע זידלעריי, פיהלענדיג זיך העכסט שולדיג. דאָך האָט ער מיט די אויגען געבעטען הילף ביי רבקה׳לען — זי זאָל זיין זיין מליץ יושר, זי זאָל זאָגען, צו איז ער שולדיג צו נישט. נור רבקה׳לעס שווארצע, ברענענדיגע אויגען האָבען אויף איהם געקוקט מיט שנאה און נקמה.

„זעהר רעכט אויף דיר!“ האָט זי זיך בייז צושיפּעט. „האָסט געדארפט נויטיג פרעגען ביים בעל הבית, נויטיג געדארפט!... דאָ טוט זיך, און ער דארף פרעגען!... איך וואָלט איהם אַנגעשפּיגען אין צורה און אוועקגעגאַנגען!...“

חיים האָט א שווערען, שטילען קרעכץ געטאָן, א פיהר טוענדיג מיט די פּלייצעס, ווי אונטער א שווערען אייזערנעם יאָך, און אראָבגעלאָזען די אויגען.

אין צווייטען צימער, וואָס איז געוועזען אי א זאַל אי א שלאָף־צימער, האָבען זיך די קולות פערגרעסערט. חיים האָט זיך שטיל פערנאַנדערגעוויינט. איהם האָט זיך פערוואָלט א קוק טון אויפ׳ן ווייב — ער וואָלט זי געטרייסט, מיט א וואָרט געהאָלפען; ער וואָלט אויף איהר געקוקט און געהאָלפען ליידען, נור ער קאָן זיך נישט דערוועגען דאָס צו טון: דערזעהענדיג איהם, וועט זי נאָך מעהר אין כעס ווערען און נאָך גרעסערע יסורים האָבען.

עס האָט זיך איהם געוויינט איינמאָל פאר אלעמאָל, איינמאָל פאר אלע זיינע צרות פון זיין ארמען, קנעכטישען לעבען.

„געוואלד, רבונו של עולם!“ האָט זיך איהם ארויסגעריסען פון דעם פערבלוטיגטען הארץ.

דאָס איז געוועזען די בעסטע און שטארקסטע תפלה ביי דעם קנעכט אין מויל...

קוקענדיג אויפ׳ן טאטען, האָבען זיך די קינדער נאָך העכער צואוויינט; רבקה׳לע איז אויך צוגעשטאנען. „מאמינקע!“ האָבען אלע קינדער געקלאָגט מיט הערץ־רייסענדע קולות.

פון צווייטען צימער איז ארויס די באָבע מיט א געשריי, מען זאָל אויפהערען צו וויינען. נעבען דער קינדבעטאָרין זיינען געבליעבען א פּאָר שכנות, וועלכע האָבען געוואָרפען אויף חיים׳ען קרומע בליקען און געמאַכט מיט די הענד, אז ער זאָל אויפהערען צו וויינען און איינגעמען די קינדער.

עס איז געוואָרען שטילער. חיים האָט אָנגעהויבען צו בערוהי־גען זיך, און די באָבע האָט זיך אויף איהם ארויפגעוואָרפען מיט מוסר.

„ווי האָט איהר דאָס ניט גאָט אין הארצען?“ האָט זי בייז גע־זאָגט. „דאָס דארף דאָך טון עפּעס א גזלן... ווי אזוי קומט מען דאָס ניט אהיים, אין קראַם זאָל אפילו ברענען?!... מען דארף דאָס עפּעס צעהן מאָל שיקען נאָך אייך?!... טפוי!... מיינע שונאים, וואָס ווינשען מיר בייז, זאָלען האָבען אזעלכע מענער! האָט איהר כאָטש געבראַכט עפּיס געלד?“ האָט זי אויסגעלאָזען מיט פעראכטונג.

„געלד?“ האָט ער ארויסגערעדט ערשטוינט און ערשראָקען.

„וויפיעל געלד?!...“

„וואָס איז דאָס פאר א קשיות!“ האָט זיך די באָבע צושריען. „פון וואָסער תליה האָט איהר זיך דאָס אָבגעריסען?!... „וויפיעל געלד?!“ האָט זי איהם נאָכגעקרימט. „טפוי!...“

„איך האָב ביי זיך דריי און־פיערציג קאָפּיקעס,“ האָט ער שוואך ארויסגערעדט, פיהלענדיג, אז דאָס איז גאָר קיין געלד נישט.

„ווערגט זיך מיט די דריי און פיערציג קאָפּיקעס!“ האָט די אַלטע העכסט אין כעס אויסגעשריען. „אויף מיין לעבען האָב איך דאָך עפּעס אַזא מענשען ניט געזעהן!... וואָס וועט מען פריער טון מיט די דריי און פיערציג קאָפּיקעס?!...“ האָט זי איראָניש געשריען, ציהענדיג די לעצטע ווערטער. „דאָ דאַרף מען האָבען אַ בוטעל וויין, צימבריק־טראָפּען!... זי האָט דאָך שוין קיין קרעפטען נישט!... מען וועט אפשר דאַרפען האָבען אַ וואַנע... מען דאַרף און מען דאַרף... און ער האָט דריי און פיערציג קאָפּיקעס!...“ האָט זי זיך ווייטער פערקרימט. „טפוי! נישט געדאַכט זאָל ווערען אַזא מענש!...“

ער האָט זיך שטאַרק פערלאָרען.

„וועל איך אַ לויף טון צוריק אין קראָם,“ האָט ער קוים אַרויסגערעדט. נור אַ קאַלטער שוויים האָט בעדעקט זיין שטערן, און די האָר האָבען זיך איהם אויפגעשטעלט; ער האָט זיך דערמאָנט אויף דער פּצענע צווישען איהם און דעם בעל־הבית. אַ בליק פול מיט יאוש האָט ער אַ וואָרף געטאָן אויף רבקה׳לען, וואָס האָט זיך געניאַנטשעט מיט דעם קליינעם קינד און צוגעהערט און צוגעקוקט זיך צו אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין שטוב.

„קום מיט מיר, רבקה׳ניו!“ האָט זיך ביי איהם אַרויסגעריסען נעגען זיין ווילען.

די באָבע מיט דער שכנה זיינען אויסער זיך געוואָרען און אָנגעפאַלען אויף איהם.

„ווי שעמט איהר זיך דאָס נישט אַ נפל׳ע צו שלעפּען אין אַזא וועטער! אליין האָט איהר מורא צו געהן, וואָס? מען דאַרף דאָך עפּיס האָבען אַ האַרץ פון אַ גזלן, פון אַ רוצח היער?!..“

„און ווער איז אייך דאָ מחויב צו ניאַנטשען זיך מיט די קינדער?!...“ האָט די שכנה צוגעלעגט.

ער האָט אַ קוק געטאָן אין פענסטער און זיין געזיכט האָט זיך פערקרימט פאַר האַרץ־וועהטאָג. נור ער האָט גאָר נישט געזאָגט און געקוקט ווייטער אויף רבקה׳לען, וואַרטענדיג, וואָס וועט זי זאָגען.

רבקה׳לע האָט געוואָלט צושטעהן צו דער באָבען מיט דער שכנה, דער כעס האָט שוין אין איהר געברענט, נור דעם טאַטענס קוקען מיט געבעטע האָט אויף איהר געווירקט. זי האָט זיך פּלוצ־לינג א העב געטאָן פון אָרט און אויסגעשריען: „איך געה!“ זי האָט אריינגעשפּארט דאָס קינד דער שכנה און אויף גיך איינגע־וויקעלט זיך אין דער צוריסענער שאַל.

די באָבע מיט דער שכנה האָבען געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

„א שטוב מיט משוגעים!“ האָבען זיי געמורמעלט.

נור חיים האָט שוין געשמייכעלט. ער איז פרעהליכער געוואָ־רען, האָט מיט זיכערהייט, פרעהליך, פערשפּראָכען אליז, אלץ בריינגען און געלאָזען זיך מונטער געהן. ער האָט זיך געפיהלט עפּיס שטארקער מיט דער קליינער טאָכטער — און איהם האָט זיך געגלויבט, אז מיט איהר וועט ער ביי א י ה ם געווים אויסרייסען עטוואָס געלד.

אויפ׳ן וועג איז ער דאָך צוריק אריינגעפאַלען אין ספקות.

און טאָמער וועט ער פּאָרט נישט געבען? ער איז אָבהענגיג און אומעטיג געוואָרען.

„ער וועט נישט געבען, רבקה׳לע!“ האָט ער זיך געווענדט צו איהר און אריינגעקוקט איהר אין די אויגען, ווילענדיג וויסען, וואָס טראַכט זי. „וועסט זעהען, אז ער וועט ניט געבען! איך קען איהם שוין זעהר גוט!... ער וועט ווייטער אָנפאַלען מיט קולות און וועט טרייבען פון קראָם!...“

„יאָ, א ודאי!...“ האָט זיך רבקה׳לע געקרימט. „א קראנקער וועט ער שוין געבען! איך וועל מאכען אזעלכע קולות, אזעלכע קולות וועל איך מאַכען, אז איהם וועט ניט ניחא זיין דאָס לעבען... פינסטער און ביטער וועל איך איהם מאכען!... זאָל ער נור פּרובען ניט געבען!...“ האָט זי אויסגעשריען, קוים כאַפּענדיג דעם אָטעם, און איהרע שווארצע אויגען האָבען געפינקעלט, ווי ביי א טיגער.

חיים׳ען זיינען די ווערטער געווען א באַלזאַם צום געבראָ־כענעם האַרץ. עס איז איהם ווייטער גרינגער געוואָרען אויפ׳ן

הארצען און ער האָט שוין צוגערעדט גלאַט אַזוי, אום אויסצוקיהלען זיך דאָס הארץ:

„אַ רשע מרושע איז ער, רבקה'לע!... איך קען איהם שוין.... אַ צורר היהודים!... אַ המן, אַ וואהרער המן, ימח שמו וזכרו!... איין ארעסטאַנט, רבקה'לע!...“

„עס מאַכט ניט אויס!“ האָט רבקה'לע מיט זיכערהייט פעסט געענטפערט. „ער וועט שוין מיר מוזען געבען!... דאָס שווארצע יאָהר וועט איהם שוין נעמען!...“

חיים האָט געקוואָלען; ער איז געוואָרען פרעהליכער.

„אַ טייער קינד!“ האָט ער געטראַכט. „זאָל איהר נור גאָט מאריך ימים זיין! אַ פערגניגען אַזאַ קינד!“

זיינע מיט שנעע פערשאָטענע אויגען האָבען ארויסגעדריקט אַ ווארמע ליעבע צום קינד, וואָס איז געלאָפען נעבען איהם צונויפ־געקאָרטשעט, איינגעבויגען פאַר קעלט, און האָט זיך געראַנגעלט מיט דעם ווינד, נישט אויסרעדענדיג קיין אונצופריעדען וואָרט. רבקה'לע האָט דערפיהלט דעם טאַטענס בליק. זי האָט זיך צוגע־רוקט מיט ליעבע צום פאָטער, אויסגעגלייכט די דארינקע פלייצעס און אָנגעהויבען נאָך שטאַרקער צו געהן.

דער פאָטער מיט דער טאָכטער האָבען זיך געפיהלט שטאַרק און דרייסט און האָבען זיך אפילו פון דעם וועטער גאָר נישט אויס־געמאַכט.

נישט ווייט פון קראָם האָבען זיי דערזעהען, אַז דער בעל־הבית מיט'ן קלענערען משרת פערשליסען זי שוין. חיים האָט פלוצלונג פערלאָרען זיין מוט און מורא געקראָגען צו בעווייזען זיך פאַר דעם בעל־הבית.

„געה צו, רבקה'ניו,“ האָט ער ארויסגערעדט רויט ווערענדיג, שעמענדיג זיך פאַר זיך אליין, פאַר זיין נישט־מענשליכקייט, פאַר זיין דערשלאָגענהייט. „געה צו, רבקה'ניו, און בעט ביי איהם עטוואָס געלד... צוויי־דריי רובעל, רבקה'לע...“

רבקה'לע האָט אַ וואָרף געטאָן אויף איהם איהר בייזען קוק.

„אוי, אוי, א מענש!“ האָט זיך ביי איהר ארויסגעריסען מיט שנאה.

חיים האָט געשוויגען. דאָס בלוט האָט איהם ווייטער אריינגעשלאָגען אין פנים אריין, און ער... איז אָבגעטראָטען ווייטער א ביסעל, אז דער בעל־הבית זאָל איהם געוויס נישט בעמערקען... און רבקה׳לע איז שוין געשטאַנען נעבען גרינפעלד׳ן.

„דער טאַטע האָט געבעטען עפּים געלד... א דריי רובעלדיגע...“ האָט זי געזאָגט מיט א ברוגזדיגען טאָן.

„זאָג דיין טאַטען, אז איך האָב איהם ניט וואָס צו געבען!“ האָט גרינפעלד געענטפערט, נאָכמאַכענדיג איהר טאָן.

„די מאַמע געהט צו קינד,“ האָט רבקה׳לע דערהעכערט דעם קול. „מען דאַרף האָ...“

דער ווינד איז איהר אַריין אין מויל און האָט זי אויף א ווײלע פערשטיקט. זי איז קוים געקומען צו זיך. פאַר כעס האָט זי צונויפגעדריקט די ציין און א בייזער „אַי!“ האָט זיך ארויסגעריסען ביי איהר.

„מען דאַרף האָבען געלד!“ האָט זי זיך צושריען.

„וועט דיין מאַמע האָבען...“ האָט ער קאַלטבלוטיג געוויצעלט. ער האָט אריינגעלעגט די שליסעלעך אין קעשענע, אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון זיין פעלץ און גענומען אוועקגעהן.

„גיט מיר געלד, גיט מיר!“ האָט רבקה׳לע נאָך העכער אויסגעשריען, פערשטעלענדיג דעם וועג.

חיים האָט דערהערט און איז פערציטערט געוואָרען.

„זי רעדט שוין צו העזה׳דיג,“ האָט ער געטראַכט, און עס האָט איהם שוין פערדראָסען, וואָס ער האָט זי, די העזה׳ניצע, געשיקט.

„נו, מאַרש! אַוועק!“ האָט דערווײלע גרינפעלד געקאָמאַנדעוועט. „ניטאָ קיין געלד! געה!... אז דו ווילסט, וועסט דו בעקומען פאַר די פריהערדיגע קללות, פאַסקודניצע, דו!...“

„פּש! איך האָב זיך א ודאי פאַר אייך דערשראָקען!“ האָט זי זיך געקרימט געגען איהם. „גיט מיר געלד, גיט מיר!... איך וועל פון אייך ניט אָבטרעטען!...“

ער האָט גאָר נישט געענטפערט און איז אוועקגעגאַנגען זיין וועג.

„אזא קליינע פּאַסקודע!“ האָט ער געטראַכט, „זי וועט, דאַכט זיך, ביי מיר ניט אויספיהרען...“

רבקה'לע איז פון איהם נישט אָבגעשטאַנען. זי איז נאָכגע־לאָפען און גע'טענה'ט אין איין קול: געלד! דער ווינד האָט זי עט־ליכע מאָל פערשטיקט, און רבקה'לע איז אלץ בייזער און בייזער גע־וואָרען און האָט זיך לסוף פערנאַנדערגעוויינט אויפ'ן קול. איהר געוויין איז געווען שרעקליך, האַרצרייסענד — אין איהם האָבען זיך געהערט א טיעף אונגליק, גרויסע צרות, יאוש און בייזקייט. ביי חיים'ען, וועלכער איז זיי נאָכגעגאַנגען, האָבען זיך אָנגעשטעלט טרערען; פאַרבייגעהער האָבען זיך אָבגעשטעלט, קוקענדיג מיט פערוואונדערונג אויף דעם גוטען פּעלץ מיט דעם אָבגעריסענעם, וויינענדיגען קינד, וואָס לויפט איהם נאָך.

גרינפעלד האָט זיך דערשראָקען פאַר'ן געוויין. עס האָט איהם א שניט געטאָן אין האַרצען און פערדראָסען, וואָס ער האָט גאָר אָנ־געהויבען מיט דער „קליינער פּאַסקודע“, און ער האָט זיך מיט שרעק ארומגעקוקט. בעגעגענדיג זיך מיט אייניגע בליקען פון די פאַר־בייגעהער, האָט ער זיך נאָך מעהר פערלאָרען און אריינגעלאָזען די האַנד אין טאַש.

„מען האָט אפילו ניט געדאַרפט געבען,“ האָט ער געטראַכט, שלעפּענדיג פון טאַש צוויי פּאַפּיערלעך. „אזא שטיקעל חזיר זאָל אויספיהרען!...“

ער האָט איהר אריינגעשפּאַרט מיט כעס דאָס געלד.

„נאַ, נאַ, פּאַסקודניצע!“ האָט ער צוגעשריען, „און מאַרש, אוועק!“

ער האָט זי אָבגעשטויסען פון זיך און איז אוועקגעגאַנגען מיט גרויס פערדרוס, וואָס דאָס „קליין שטיקעל חזיר“ האָט ביי איהם אויסגעפיהרט. און דאָך האָט ער זיך ארומגעקוקט מיט גאווה אויף

ביבליאָטעק און לעז צימער פון אידיש נאַציאָנאַלען ארבייטער פערבאַנד.
LIBRARY AN

די פאַרביינגעהער, ווי ער וואָלט וועלען, אז זיי זאָלען איהם מודה זיין, אז ער איז א גוטער מענש...

רבקה'לע, דערפיהלענדיג אין האַנד דאָס געלד, האט אויפגע־הערט צו וויינען און נור שטיל געשלוכצעט. זיא האָט זיי קיים געהאַלטען אין איהרע פערפראָרענע הענטלעך און מיט די פער־לאָפענע אויגען קוים בעמערקט, אז דאָס זיינען נור צוויי פאַפּיער־לעך. זי האָט שוין געהאַט ברעה לאָזען זיך לויפען נאָך איהם און בעטען נאָך א רובעל. נור חיים איז אונטערגעגאַנגען.

„האָסט!" האָט ער אויסגעשריען מיט פרייד, דערזעהענדיג ביי איהר די פאַפּירלעך.

„אָבער נור צוויי רובעל!" האָט זי בייז און וויינענדיג אויס־געשריען.

„נו, מילא! וואָס קאָן מען מאַכען," האָט ער געזיפצט. „עס וועט מוזען זיין גענוג צוויי רובעל..."

ער האָט נאָך א זיפץ געטאָן און צוגענומען ביי איהר דאָס געלד.

„ער האָט פאָרט געגעבען, הי־י!..." האָט ער געזאָגט מיט א ברייטען שמייכעל נאָך א קליינעם שווייגען, אויסגלעטענדיג און צונויפלעגענדיג די צוויי רובעל.

„נו, אצינד, רבקה'לע," האָט ער אָנגעהויבען מיט זעהר א ליעבליכען טאָן, „לויף א היים, ביזט שוין א דערפראָרענע, און איך וועל לויפען נאָך וואָס מען דאַרף."

„געה, רבקה'ניו! געה, מיין טאָכטערקע!" האָט ער ארויסגע־רעדט נאָך ווייכער, פערריכטענדיג אויף איהר די שאַל.

„ניין, איך וועל שוין געהן מיט דיר," האָט זי געענטפערט.

חיים'ען איז דאָס זעהר אנגענעם געוועזען — ער האָט דאָס געוואָלט; דאָך פיהלט ער, אז ער טאָר זי נישט ארומשלעפּען מיט זיך.

„געה, געה א היים!" האָט ער געזאָגט מיט רחמנות. „עס איז דאָך קאַלט..."

„עס מאַכט ניט אויס,“ האָט זי איהם איבערגעריסען. „איך וועל ניט דערפראָרען ווערען.“

זיי זיינען ביידע שווייגענדיג אוועקגעגאַנגען אין אַפּטייק.

„ער האָט פאַרט געגעבען!“ האָט חיים אַרויסגערעדט פער־טראַכטערהייט, אָבגעהענדיג אַ ביסעל. אויף זיינע ליפּען איז גע־לעגען אַ שמייכעל, ווי ער וואָלט בעוואונדערן אַ זאַך, וואָס האָט גאָר קיינמאָל נישט געקאָנט טרעפען.

„יאָ, ער האָט שוין געמאָגט נישט געבען!...“ האָט רבקה׳לע אונ־טערגעכאַפּט, מיינענדיג, אַז דער פאָטער רעדט עס מיט איהר. „ער וואָלט שוין ביי מיר שיין אויסגעזעהן! איך וואָלט איהם...“

און רבקה׳לע האָט זיך פערנאַנדערגעקאָכט, צוהיצט, צושריען.

חיים איז געוועזען שטאַרק פערטיעפט אין רעיונות און האָט זי גאָר נישט געהערט. ער האָט אַפילו די אַפּטייק נישט בעמערקט, און רבקה׳לע האָט איהם געדאַרפט אָבשטעלען.

„הא, מיין טאָכטער, גוט צו זיין אַ משרת, הא?“ האָט ער זיך פּלוצלינג געווענדט צו איהר, אַרויסגעהענדיג פון אַפּטייק. „אַ לע־בען, הא? אַ חיות, וואָס, טאָכטערקע?...“

ער האָט אָנגעהויבען שנעל צו געהן, ווי ער וואָלט ענטלאָפען פון ענטפער. ער האָט נערוויש אָנגעטאַפּט די רפואות אין קעשע־נע, אין קאָפּף איז דורכגעפלויגען אַ געדאַנק וועגען דעם ווייב און ער האָט נאָך שנעלער אָנגעהויבען צו געהן.

„פאַר קיין געלד וואָלט איך קיין משרת ניט געוועזען!“ האָט רבקה׳לע געענטפערט, נאָכלויפענדיג נאָך דעם פאָטער.

חיים האָט זיך אָבגעשטעלט און אויסגעגלייכט מיט רבקה׳לען.

„מיינע שונאים,“ האָט ער געזאָגט און געלאָזען זיך ווייטער געהן מיט איין אַראָבגעלאָזענעם קאָפּף, „זאָלען זיין משרתים! אַלע שונאי ישראל!... קאַטאָרגע איז דאָס... ערגער פאַר קאַטאָרגע!... דעם גרעסטען שונא דאַרף מען דאָס ווינשען, טאָכטער מיינע... ער־גער ווי אַ פערקויפטער, איז אַ משרת... אַ פגירה האָט געמאָגט איינגעמען מיין בעל־הבית, איידער איך האָב איהם דערקענט!...

פופצעהן יאָהר,“ האָט ער אויפגעהויבען און איבערגעדרעהט דעב קאָפּף צו רבקה׳לען, וואָס איז איהם נאָכגעלאָפען מיט אַלע כוחות, און דערהעכערט דעם קול, „פופצעהן יאָהר, אז איך דיען שוין ביי איהם ערגער ווי ביי פּרעה׳ן אין מצרים... ערגער, רבקה׳לע, א סך ערגער!...“

ער האָט געציטערט ווי אין א קדחת. אין די אויערן האָבען איהם געקלונגען אלערליי קללות און זידלעריי; אויפ׳ן באַק האָט ער געשפּירט פינגער, דיקע, געזונדע פינגער, און ער האָט זיך צונויפ־געקאָרטשעט, ווי ער וואָלט וועלען ראטעווען זיין רוקען פון פעסטע פויסטען... נור גלייך האָט ער זיך ווידער דערמאָנט אויפ׳ן ווייב און אָנגעהויבען נאָך האסטיגער צו געהן...

„פאר קיין געלד וואָלט איך, דאכט זיך, ביי איהם ניט געוועזען,“ האָט רבקה׳לע גע׳טענ׳עט. „איך וואָלט איהם שוין לאנג א פולע צורה אָנגעשפּייט...“

„זאָג דאָס ניט, טאָכטערקע,“ האָט חיים זי איבערגעריסען שוואַך און אומעטיג, „די נויט ברעכט אייזען!... אז מען קאָן ניט אריבער, מוז מען ארונטער, קינד מיינס!...“

ער האָט שווער א זיפץ געטאָן.

„א ודאי, זעה אקאָרסט, ווי גלייבסטו,“ האָט זיך רבקה׳לע צו־היצט, און איהרע אויגען האָבען אויסגעדריקט שנאה צום פער־קנעכטעטען, דערשלאָגענעם פאָטער, „איך וועל אפשר אויך דיע־נען?!... אויך זיין א משרת?!... ניט דערלעבען וועט דאָס קיי־נער!...“

„דיך זאָל שוין גאָט אויסהיטען דערפון!“ האָט חיים געענטפערט אזוי ריהרענד, אז רבקה׳לע האָט אין הארץ באלד מיט איהם שלום געמאכט.

אין דער היים, ווען אלע זיינען אָנגעפאלען אויף איהם, וואָס ער האָט זיך אזוי פערזאמט מיט די רפואות, איז שוין רבקה׳לע זיין מליץ יושר געוועזען און האָט זיך מיט אלעמען אם בעסטען אָבגע־טענ׳עט.

„געהט איהר פּרובען בעטען געלד ביי זיין בעל הבית, זאָל איהם אראָב די נאָז !“ האָט זי געגראַמט.

חיים האָט פון איהר געקוואָלען, נחת געקליעבען.

„זי וועט שוין, דאַכט זיך, געווים קיין משרת ניט זיין“ — און זיין הארץ איז געוואָרען לאַנג און ברייט.

די מחשבות זיינען איהם פון קאָפּ נישט ארוים די גאַנצע נאַכט. זאָגענדיו תהלים, פערגלאָטצענדיג די אויגען צום הימעל און בעטענדיג הילף פאר זיין ווייב, האָט ער פאר איינוועגס געבע־טען, א גאָט זאָל איהם אויסלייזען פון משרת׳ים און זיינע קינדער גאָר נישט ברייננגען דערצו.

חיים האָט פּראָטעסטירט ! ער האָט פּראָטעסטירט געגען פונפ־צעהניעהריגע צרות, קלעפּ, שלעג, זידלעריי, געגען פונפצעהניעה־ריגע אונטערטעניגקייט, אונטערדריקטהייט, דערשלאָגענהייט, גע־גען פונפצעהניעהריגעס זיין „יענעם׳ס א מענש“...

ביסלעכוויוז האָט ער זיך אָנגעהויבען צו פּיהלען שטארקער, פרייער ; עס האָט זיך איהם שוין אויסגעדאכט, אז ער האָט אראָב־געוואָרפען פון זיך די קייטען, אז ער איז פּטור געוואָרען פון דעם פריערדיגען לעבען.

עס האָט זיך איהם געדאכט, אז זיין תפלה איז דערגאַנגען און צוגענומען געוואָרען.

„מזל טוב !“ האָבען איהם איבערגעריסען די מחשבות די שכנות און דער באָבעס פרעהליכע שטימען.

„מזל טוב !“ האָט די באָבע איבערגעחזר׳ט, „א צווילינג, און ביידע אינגלעך !... אָבער איז עס צוגעגאַנגען !...“

נור ער האָט זי נישט געהערט. מיט איין שפּרונג איז ער שוין געווען נעבען דער קינדבעטאָרין. פון זיינע אויגען האָבען זיך געגאָסען טייכען טרערען, נור דאָס זיינען געווען טרערען פאר שמחה, פאר גליק, אויף וואָס ער האָט געהאָפּט.

ער האָט אָנגעווינשט זיך — זיך אליין מיט דעם ווייב — און די נייגעבאָרענע קינדער אלעס גוטס מיט לאַנגע יאָהר.

„נור קיין משרתים זאָלען זיי נישט זיין, רבונו של עולם!“ האָט ער ארויסגערעדט זעהר ריהרענד, מיט געבעט.

דאָס ווייב האָט יעצט אַלעס פערשטאַנען און אויפגעהערט ברוגז צו זיין אויף איהם פאַר היינטיגע נאַכט.

„אמן הלואי!“ האָט זי געענטפערט מיט טרערען. „דער אויבערסטער זאָל שוין אונז אויך אויסלייזען און צושיקען א בע־סערע פרנסה.“

חיים איז עפּיס אינגער געוואָרען. זיין אכט־און־צוואַנציג־יעהריג פּנים, וואָס האָט בעקומען קנייטשען פאַר דער צייט, האָט זיך א ביסעל אויסגעגלעט. דאָס ווייב האָט זיך אויך אָנגעהויבען צו פיהלען שטאַרקער, און זייערע בליקען האָבען זיך צונויפגעגאָסען מיט ליעבע און טריייהייט.

און רבקה׳לעס אויגען האָבען געקוקט אויף טאַטע־מאַמע מיט גרויסער רחמנות און וואַרמער ליעבע...

אויף מאָרגען אין דער פריה, ווען עס איז געקומען די צייט צו געהן אין קראָם, איז איהם געוואָרען זעהר ביטער. ער איז וויע־דער חושב׳דיג און איינגעקנויטשט געוואָרען. ער האָט זיך דאָך אָנגעטאָן און געלאָזען זיך געהן: דאָס ווייב האָט אויך געהייסען געהן — ער וועט דאָך יעצט, ווען זי ליעגט אין קינדבעט, נישט בלייבען אָהן א שטעלע.

„וואוהין געהסטו?“ האָט איהם אָבגעשטעלט די קליינע רבקה׳לע.

„אין קראָם. וואָס איז?“ האָט ער זי געפרעגט, פערשטע־הענדיג איהר פראגע, נור ווילענדיג וויסען, וואָס וועט זי זאָגען.

„איך וואָלט איהם א סך אָנגעזאָגט,“ האָט די קליינע בייז געזאָגט. „ער וואָלט שוין לאַנג וואַרטען!... נאָך געהן בעטען זיך ביי איהם...“

ער האָט גאָר נישט געענטפערט און איז אוועק. רבקה׳לע האָט איהם נאָכגעשיקט זעהר א בייזען קוק, וועלכען ער האָט גוט געפיהלט, כאָטש ער האָט איהם נישט געזעהען.

מיט איין אראבגעלאזענעם קאפף איז ער אריין אין קראם. אויף זיינע ליפען איז געלעגען א נארישער שמייכעל; די רעכטע האנד האט ער געהאלטען הינטער'ן אויער.

„מיין ווייב האט געהאט א צווילינג, צוויי אינגלעך," האט ער חניפה'דיג געזאגט דעם בעל־הבית אנשטאט א „גוט מארגען".

„מזל טוב דיר!" האט דער בעל־הבית איראניש געענטפערט, קרום און מיט פעראכטונג א קוק טוענדיג אויף איהם. „אין דעם ביזטו גערעכט געראטען... שוין גלייך א מנין?..."

„ניין, ערשט א צווייענדיגע קאדריל!" האט חיים געוויצעלט מיט'ן נארישען שמייכעל.

„פארך איינער!" האט דער בעל־הבית בייז ארויסגערעדט, דערמאנענדיג זיך אויף דאס נעכטיגע.

חיים האט גאר נישט געענטפערט. מיט'ן שמייכעל פון א דערשלאגענעם האט ער זיך געשטעלט אויף זיין ארט הינ־טער'ן פערקויף־טיש.

אינוועניג, אין זיך, האט ער נור א שטילען און לאנגען זיפץ געטאן...

.1894

[library stamp]

אויסגעפיהרט.

משה לייב דער שלעסער איז געבארען געוואָרען צו זיין איין אַרטיסט — א „מאַקאַציאָר“, ווי עס זאָגט די גאַנצע שטאָדט, פערדרעהענדיג דאָס וואָרט „אַקטיאָר“. ער האָט אין זיך אזעלכע שטיק, זאָגט מען, אז מען קאָן בלייבען אָהן א בויך לאַכענדיג. וואו משה לייב איז, דאָרטין איז פרעהליך, און כאָטש זיין געזיכט איז, דאַכט זיך, שטענדיג ווי מיט אַ וואָלקען בעצויגען. שטעלט ער זיך ערגיץ צו, וועט שוין ארום איהם ווערען א רעדעל, אלע מיט אָנגעשטעלטע אויגען און אויערן, אָנגעגרייט צום לאַכען. דער עיקר געראָט איהם נאָכצומאַכען איין אַלטער פרוי. דאַרף ער נור פערלעגען די אונטערסטע ליפּ אויף דער אויבערסטער, ארויפלעגען די רעכטע האַנד אויף דער באַק און ארויסלאָזען אַ זויערן, קוויטשיגען טאָן אָהן ציינער, צולעגט זיך שוין דער עולם פאר געלעכטער.

דערפאר איז קיין וואונדער נישט, וואָס זיין בעל הבית, אָבלאָזענדיג די ארבייטער פורים ביי טאָג, האָט געבעטען איהם צו זיך צו דער סעודה משמח צו זיין א ביסעל.

משה לייב איז נישט זעהר צופריעדען געוועזען פון דער איינלאַדונג און האָט געענטפערט מיט א האַלבען מויל.

דער בעל הבית האָט אַ וואָרף געטאָן אויף איהם א בליק פון אונטער דער שטערן.

„זאָלסט קומען, הערסט!“ האָט ער איבערגעחזרט און געקוקט אויף זיין „מענש“, וואָס פאר א מיענע יענער וועט מאַכען.

„גוט,“ האָט משה לייב שוואַך ארויסגערעדט, נעמענדיג זיך פאר דאָס הענטעל פון דער טיר.

„מען זאָל נאָך דיר נישט דארפען שיקען!“ האָט איהם נאָכגעשריען דער פאַבריקאַנט.

משה לייב איז ארוים, און דער פאבּה־קאַנט האָט א מאַך געטאָן מיט׳ן קאָפּף אין זיין זייט, ווי ער וואָלט וועלען זאָגען: „וואָס זאָגט מען צו היינטיגע מענשען, ווי זיי מאַכען דאָס א ביסעל קוראזש!...“

אויף דער גאַס זיינען צוגעגאַנגען צו משה לייב׳ען דריי אַרבּייטער פון זיין פאַבּריק: זלמן לאַמינע, מענדעל קאָסאָי און חיים דער גרינער.

„הער איהם נישט,“ האָבען זיי אָנגעהויבען, איבערשלאָגענדיג איינער דעם אַנדערן, „זיי בעסער אין דער היים. מיר וועלען קומען צו דיר, מיר וועלען פערברייינגען. מאַלע ער וויל! הער איהם נישט!“

„און וואָס אַרט מיך, אז איך וועל געהן?“ האָט משה לייב געענטפערט.

„וואָס אַרט דיך?! פּרא־אדם!“ האָט זיך זלמן לאַמינע צובּייזערט. „וואָס, ביי דיר איז קיין געזינד נישטאָ? ביי דיר דאַרף מען צו דער סעודה נישט זיצען?“

משה לייב האָט געשוויגען. ער האָט דאָס אַליין געקלערט, דערפאַר האָט ער דאָך דעם בעל־הבית געענטפערט מיט א האַלבען מויל.

„זיי נישט קיין פערד און זיץ אין דער היים,“ האָט צוגעגעבען מענדעל קאָסאָי. „מיר וועלען קומען צו דיר און פערברייינגען א ביסעל די נאַכט. איהם וועט זיין פרעהליך אָהן דיר, נישט קשה!“

„גלאַט, ער וויל זיך פרעהליך מאַכען, דאַרף דיין געזינד האָבען א פערשטערטען פּורים?“ האָט אונטערגעכאַפּט חיים דער גרינער.

„מיר וועלען זעהן,“ האָט משה לייב געענטפערט מיט איין אומעטיגער מיענע.

„ניין,“ האָבען אויסגעשריען די אַרבּייטער, „מיר האָבען נישט וואָס צו זעהן! דו זאָלסט טאַקי זיין אין דער היים!“

„שטויב, דרויב, משה לייב,“ האָט משה לייב גלאַט אַזוי זיך אַרויסגערעדט מיט אַ טיעפען זיפץ, אויף קיינעם נישט קוקענדיג.

די חברים אָבער האָבען דאָס אָנגענומען פאַר אַ גוטען סמן.

„זאָלען מיר, הייסט עס, קומען צו דיר ביי דער נאַכט?“ האָט זלמן געפרעגט און אַריינגעקוקט איהם אין די אויגען.

„קומט... מילא... מיר וועלען זעהן....“ האָט משה לייב אָב־געשטאַמעלט.

„ווי איך בין אַ איד, אַז דו ביזט אַ גרויסער נאַר, אַ פערד און אַ שוטה דערצו!“ האָט זיך זלמן צוהיטצט און איז אָבגעשפרונגען פון משה לייב׳ען, פערנאַנדערשפרייטענדיג די הענד.

„פע, טאַקי אַ מאָדנער נאַר!“ האָט געזאָגט מענדעל.

„אַ פערד, אַ בהמה!“ האָט צוגעגעבען חיים.

„וואָס, דו האָסט קיין היים נישט?“ האָט זלמן גע׳טענ׳עט.

„ווי לאָזט מען דאָס גלאַט אַ געזינד אַליין?“ האָט מענדעל געזאָגט.

„איך זאָל אפילו וויסען, אַז ער וועט מיך מאָרגען אָבזאָגען, וואָלט איך נישט געגאַנגען. ביי מיר איז אויך יום־טוב!“ האָט חיים אונטערגעכאַפּט.

„ווי דען? אַזוי דאַרף זיין!“ האָט פערשטאַרקט זלמן.

„אַ וודאי!“ האָט זיך מענדעל געחתמעט.

און... מען איז זיך צוגאַנגען מיט דעם, אַז משה לייב „וועט זעהן“...

„דער בעל־הבית האָט געבעטען, איך זאָל קומען צו איהם צו דער סעודה,“ האָט ער געזאָגט חנה׳ן זיין ווייב, קומענדיג אַ היים. ער האָט גערעדט מיט אַ מיענע, גלייך איהם וואָלט שווער געווען מודה צו זיין זיך אין עפּיס אַ זינד.

„נו, און דו וואָס קלערסט?“ האָט זי איהם געפרעגט און אַ וואָרף געטאָן אויף איהם אַ שטעכעדיגען בליק.

„ווייס איך?“

„ווי הייסט „ווייס איך“? וואָס טייטש „ווייס איך“?“ האָט זי דערהעכערט דעם קול.

„מע דאַרף געהן, רעכען איך,“ האָט ער שוואַך אַרויסגערעדט.

„ווי הייסט, „מע דאַרף געהן“? און איך מיט די קינדער זאָלען זיצען און חשך׳ן?“ האָט זי געזאָגט מיט איין איינגעהאַלטענעם טאָן און אָנגעהויבען בלייך צו ווערען.

ער האָט געשוויגען און געקלאַפּט מיט׳ן פינגער אויפ׳ן טיש.

„ווי לעגט זיך דיר דאָס גאָר אויפ׳ן זינען?“ האָט זי שוין אָנגעהויבען הויך. „ווי איז גאָר דאָס רעכט ביי דיר? וואָס ביזטו ביי איהם א פערקויפטער, וואָס?“

„ער נויט דאָך מיך נישט פון קהל, ער האָט מיך געבעטען!“ האָט משה לייב געפּרובט פערררעדען זיין בעל־הבית.

„ווי בעט ער דאָס גאָר?“ האָט זיך דאָס ווייב צושריען. „פאַר וואָס זאָל ער גאָר בעטען? וואָס איז, ער ווייס נישט, אז דו האָסט אליין א געזינד? נור דיך אַרט דאָך זעהר שטאַרק דיין געזינד! פון דיינעט וועגען מאָגען מיר אַלע אויף דער וועלט נישט זיין! דו ביזט דען אויך א מענש?“

אין איהר קול האָבען זיך שוין געפּיהלט טרערען.

„שאַ, איך געה דאָך נאָך נישט!“ האָט משה לייב בייז אויסגעשריען.

„ניין, פאַר וואָס זאָלסטו גאָר איבעררערען,“ האָט זי געשריען מיט טרערען אויף די אויגען. „דער בעל־הבית בעט דיך, דאַנק איהם אָב און זאָג איהם, אז דו קאָנסט נישט קומען, דו האָסט אליין א געזינד, און גענוג — אויס מאַרק! וואָס איז נאָך דאָ דער ישוב הדעת?“

משה לייב האָט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ.

„דו האָסט נאָך מסתמא צוגעזאָגט צו קומען?“ האָט חנה געפּרעגט, איינדרינגענדיג אין איהם איהר בייזען בליק.

משה לייב האָט זיך געשטעלט ביים פענסטער, געשריבען מיט׳ן פינגער אויף דער שויב און געשוויגען.

„האַ? צוגעזאָגט? צוגעזאָגט?“ האָט חנה גיפטיג געשיפּעט.

„וועלען מיר זעהן, צו וועסטו געהן, צו נישט! וועלען מיר זעהן! סיידען דו ווילסט אָנמאַכען לייטיש געלעכטער, סיידען!"

זי האָט זיך שוין געוואָרפען, געשיקט פייערדיגע בליקען דעם מאַן און געקלאַפט אָן טיש מיט דער קוואָרט, וועלכע זי האָט געהאַלטען.

„ווי איז דאָס א מענש מיט א דעת..." האָט זי אָנגעהויבען צו ארבייטען מיט די הענד.

„וויפיעל בראַנפען זאָל איך קויפען?" האָט ער זי איבער־געריסען.

זי האָט זיך אָבגעהאַקט, געהאַלטען א ווײַלע די הענד אין דער לופטען און אַראָבלאָזענדיג זיי, געזאָגט מיט פעראַכטונג:

„קויף, וויפיעל דו ווילסט! וואָס פרעגסטו ביי מיר? נייע נייסען!"

און דאַן האָט זי ווייטער אָנגעהויבען איהרס, נור שוואַכער:

„איך זאָג טאַקי, ווי איז דאָס א מענש מיט א דעת"...

משה לייב איז ארויס פון שטוב.

„אוי, אוי, אוי, אוי!" האָט זי איהם יאָכגעשיקט. „אַלע מענשען, וואָס ווינשען מיר בייז, זאָלען זיין אַזעלכע מענשען ווי ער איז!"

פון דעסטוועגען איז זי פרעהליכער געוואָרען און האָט א גאַנ־צען טאָג געבאַקט און געקאָכט „מיט לייטען צו גלייך". ער האָט אויך געבראַכט פון גאַס „כל טוב": בראַנפען, הערינג, דריי אפּעל־סינען, א צעהנדליג עפּעל.

„ען," האָט זי גערעדט בעפּריערינגט, איינשטעלענדיג דאָס אַלץ אין אַלמערל, „גלאַט וועלען אוועקגעהן צום בעל הבית! מיך ארט נישט, אַז מען וועט ביי אונז אויף פערברייינגען. שלח מנות האָט מען, דאַנק גאָט, פערשפּיעלט... באָרכ־אַ־שעם, אויף דאָס כאַפּט נישט די ביטערע פרנסה... זאָל נאָך דאָס שטיקעל סעודה אויך נישט זיין!... דעם פּעמפּיק ווילט זיך! נישט קשה, ער וועט זיך אָנזויפען אָהן דיר..."

די אייגענע ווערטער האָט זי איבערגעחזרט, זעצענדיג זיך צו דער סעודה. זי איז געוועזען צופריעדען, וואָס ער האָט זי גע־פּאָלגט, נור זי האָט איהם נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס ביי איהם איז גאָר רעכט געוועזען אוועקצוגעהן צום בעל הבית.

משה לייב האָט אויסגעהערט איהרע טענות שווייגענדיגער־הייט. ער האָט נור געטראַכט, וואָס וועט איהם מאָרגען זאָגען דער בעל הבית.

„מילא, אָבשמייסען וועט ער מיך דאָך נישט,“ בעשליעסט ער ביי זיך און קוקט זיך אַרום אויף ווייב און קינדער מיט א שטיע־פּערישען בליק — גלייך וועט ער זיי שוין לוסטיג מאַכען.

אין שטוב איז געוועזען ריין און ליכטיג. חנה האָט זיך אָנגע־טאָן יום־טוב׳דיג און איהר פּנים איז אינגער געוואָרען. זי האָט אויך די פיער קינדערלעך אויסגעוואַשען און צוגעקליעבען, ווי זי האָט נור געקאָנט, פּערנעהענדיג פּאַר נאַכט די לעבער און ריסען אין זייערע בגדים׳לעך. זי האָט זיך גע׳בריה׳ט, געוואָלט בעצאָלען דעם מאַן פאַר איהר נצחון, און בעווייזען איהם, אז עס האָט זיך איהם געלוינט צו בלייבען אין דער היים.

נור זיי האָבען נאָך קיין צייט נישט געהאַט אראָבצושלינגען די ערשטע „המוציא“, איז געקומען דעם בעל־הבית׳ קלענערער זוהן, א אינגעל פון א יאָהר פיערצעהן.

„זעה, ער האָט זיך גאָר אוועקגעזעצט עסען!“ האָט ער אויס־געשריען. „דער טאַטע האָט געהייסען שוין קומען!“

ער איז צוגעגאַנגען און האָט אָנגענומען משה לייבען פּאַר׳ן אַרבעל. משה לייב האָט געשמייכעלט און געקוקט אויף דאָס ווייב. חנה האָט געוואָרפען ברגז׳דיגע בליקען אויפ׳ן אינגעל.

„קום, נו, קום!“ האָט יענער געשלעפּט משה לייבען.

„וואָס, „קום, נו, קום“?“ האָט חנה בייז אויסגעשריען. „איהר־ט־צעך בעגעהן אָהן איהם אויך... אָהן איהם איז ביי אייך די שמחה קיין שמחה נישט?“

אָבער דער אינגעל האָט זיך גערעדט זיינס און געצויגען משה לייבען פּאַר׳ן אַרבעל.

„נו קום, נו קום! דער טאַטע האָט אָהן דיר נישט געהייס
קומען!"

„איך וועל אָבעסען די סעודה, וועל איך קומען," האָט מ
לייב געזאָגט מיט א שמייכעל, קוקענדיג אויף דאָס ווייב.

„אַ האָר אויך נישט!" האָט יענע אויסגעשריען, „ביי אַ
איז אויך פּורים! ער דאַרף קיין ערטער נישט זוכען, וואו משנ
צו זיין! דו וועסט גאָר נישט אָנהעבען צו געהן!" האָט זי געשיפּ
צום מאַן.

אָבער דער אינגעל האָט איהם אַלץ געשלעפּט, דורכלאָזענד
פאַרביי די אויערן חנה'ס רעד.

„נו, גיכער, העב זיך! קום!"

„אז איך האָב געזאָגט, ער וועט נישט געהן, האָט איהר ניש
וואָס צו שלעפּען!" האָט חנה אויסגעשריען, אויפשפּרינגענדיג א
אראָבלאָזענדיג זיך צוריק אויפ'ן שטול.

„אָהן דיר וועל איך נישט אוועקגעהן," האָט געטענ'עט די
אינגעל. „קום, נו! מען דאַרף זיך גאָר ביי איהם בעטען!..."

משה לייב האָט נור געקוקט אויף חנה'ן. דער אינגעל האָ
דערוויילע אויפגעזוכט משה לייב'ס מאַנטעל און דערלאַנגט איה
משה לייבען.

משה לייב איז געפאַלען אויף אַ פּלאַן.

„ווייסטו גאָר וואָס, חנה, איך וועל יעצט געהן און וועל באַ
קומען."

זי איז אויף דערויף נישט איינגעגאַנגען.

„דרעה מיר קיין קאָפּ נישט! ער וועט באַלד קומען! נאָ
וואָס וועסטו זאָגען?! אפילו אויף א מינוט וועסטו אויך ניש
געהן!"

דער בעל־הבית האָט דערווייל צוגעשיקט זיין זוהן פערשטאַ
קונג: צוויי בחורים, משרתים פון זיין קראָם.

„וואָס לאָזט'ע זיך אזוי לאַנג בעטען?" האָט איינער אויס
געשריען.

„וועסט ערגער מאַכען, האָט דער בעל הבית געזאָגט,“ האָט צוגעגעבען דער צווייטער.

„די פלונית׳טע לאָזט נישט,“ האָט משה לייב געשמייכעלט.

חנה איז אויפגעשפּרונגען פון שטול און האָט זיך צושריען.

„ער וועט נישט געהן! ער איז נישט קיין פערקויפטער! ער וועט נישט געהן! לאָז ער נישט סטראשען! „ערגער מאַכען“! מען נעמט ביי איהם קיין נדבות נישט! נישטאָ, איך וועל נישט לאָזען! ער וועט נישט געהן!“ האָט זי זיך צושריען גאָר אויף די הויכע טענער, דערזעהענדיג ווי די משרתים האָבען גענומען העבען משה לייבען פון אָרט. זי האָט זיך א וואָרף געטאָן צו זיי.

„ע, מיר לאַכען פון דעם!“ האָבען זיי געזאָגט, אָבשטופּענדיג חנה׳ן. זיי האָבען גענומען משה לייבען אונטער די ארמס און ארויסגעפיהרט איהם פון שטוב. ער האָט נור געשמייכעלט...

חנה איז געבליעבען מיט די קינדער. דער כעס האָט אין איהר געברענט, זי האָט עפּיס נישט געוואוסט, וואָס זי זאָל טון. זי האָט געוואָרפען פייערדיגע בליקען אין אַלע זייטען, בייז אָבגע־רוקט אַלע שטולען פון טיש; פארבייגעהענדיג האָט זי אַראָבגעוואָר־פען א טעלער און צובראָכען. דאָס האָט זי נאָך מעהר צורייצט.

„א בראָך זאָל שוין זיין צו זיינע יאָהרען!“ האָט זי אויסגע־שריען. „אונטערברעכען זאָל ער זיך דעם קאָפּ!... אַי, מיין לע־בען!“ האָט זי פּלוצלינג א קוויטש געטאָן און געגעבען זיך מיטביידע פויסטען אין קאָפּ.

די פיער קליינע קינדער האָבען זיך דערשראָקען און צוא־וויינט.

„וויינען זאָלט איהר שוין נאָך אייער טאַטען!“ האָט זי זיך ארויפגעוואָרפען אויף זיי. „שטום זאָלט איהר מיר ווערען!“ האָט זי געקוויטשעט און אָנגעהויבען צו שלאָגען אויף רעכטס און לינקס.

די קינדער זיינען צולאָפען פון טיש און בעהאַלטען זיך אין די ווינקעלעך.

„מיין ביטער הארץ וועל איך אויסלאָזען צו אייער קאָפּ, צו

אייער לייב און לעבען, צו אייערע הענד און פיס!" האָט זי גע־
ברילט.

זי האָט זיך שווער אַראָבגעלאָזען אויף דאָס הילצערנע זיץ־
בעטעל און מיט א ווילדען קוק געקוקט ארום זיך. עס האָט זיך איהר
עפּיס געוואָלט טון — דאָס הארץ איז איהר שיער נישט ארויסגע־
שפּרונגען.

„א היים זאָל ער זיך מיר נישט דערוועגען צו קומען!" האָט
זי געשריען, גלייך איינער וואָלט זי געהערט. „דעם קאָפּ וועל איך
איהם צושפּאַלטען! מיט פּאָמאָיעס וועל איך איהם אָבגיסען! זאָל
ער גאָר נישט דערלעבען קומען א היים!..."

זי האָט זיך צורעדט און צושאָלטען. פּלוצלינג פאַלט איהר
איין צו מאכען פון אלץ א תל, עס זאָל פון גאָר נישט בלייבען קיין
שריד ופליט.

זי איז אויפגעשפּרונגען מיט א קוויטשעריי פון אָרט און א לאָז
געטאָן זיך צום אויוועז. נור אין דער מינוט האָט זיך די טיר גע־
עפענט און עס זיינען אריין זלמן לאמינע, מענדעל קאסאי, חיים דער
גרינגער מיט ווייב און קינד.

„גוט יום־טוב! — וואָס טוט זיך דאָ?" האָט זלמן געפרעגט
ארומקוקענדיג זיך. „וועמען בעוויינט מען דאָ?"

„זאָל מען איהם שוין טאַקי אויף איין אמת בעוויינען," האָט
חנה געענטפערט, אָבווישענדיג די טרערען מיט'ן פאַרטוך.
„יתומים זאָלען זיי מיר בלייבען!..."

„ער איז טאַקי אוועקגעגאנגען?" האָט געפרעגט חיים דער
גרינגער.

דאָס איז געוועזען נאָך בוימאויל צום פייער — און חנה
האָט אויפגעעפענט איהר מויל און געשאָטען מיט קללות...

די מאנסביל מיט די ווייבער האָבען גענומען איינהאַלטען זי.

„בערוהיגט אייך, חנה, מיר וועלען אויסקומען אָהן איהם."

„זעצט אייך, מיר וועלען פערברייננגען," האָט זלמן איהר גע־
זאָגט. „איך קאָן אויך רעדען ווי א מכשפה."

חנה'ן איז איינגעפאלען א גרויסער געדאַנק.

„ניין,“ האָט זי אויסגעשריען, „אַ טויטען וועל איך איהם ברייני־גען אהער!“

זי האָט געכאַפּט אַ טוך אויף זיך און איז פייל פון בויגען ארויסגעלאָפען פון טיר.

„פּראָים, וואהרע פּראָים!“ האָט מען איהר נאָכגעשיקט.

„און וואָס מיינט איהר, זי איז דען נישט גערעכט?“ האָט איין פרוי געפרעגט.

„גערעכט ווי דער טאָג!“ האָבען די מאַנסבילען געענטפערט.

„אז דער בעל הבית וואָלט ביי מיר אויפגעלאָפען ווערען.

וואָלט איך נישט געגאַנגען,“ האָט חיים געזאָגט.

„ווי הייסט, און איך וואָלט געגאַנגען?“ האָט מענדעל אונ־טערגעכאַפּט.

„ער איז אַ שטיק גאָר נישט, דער משה לייב!“

„אַ נאַר, אַ פערד!“

„אַ וואהרע בהמה!“

און חנה איז געלאָפען אין איין אינפּעט, אין איין אָטעם. זי האָט געברענט אין איין פייער און געפיהלט אין זיך אַ משונה׳דיגען כח.

זי האָט אַ שטאַרקען רים געטאָן דאָס גלעקעל פון דעם בעל הבית׳ס טיר, זיך גאָר נישט דערשראָקען פאַר דעם רעש, וועלכען זי האָט אָנגעמאַכט, און ארויסגערעדט נאָך אַ שאַרפע קללה. פון שטוב האָט זיך געהערט אַ שנעל לויפען. עמיין האָט אויפגעעפענט די טיר און, דערזעהענדיג זי, געלאָזט זיך לויפען צוריק. חנה האָט געהערט, ווי אין זאַל האָט עמיין ארויסגערעדט אויף גיך: „משה לייב, דיין ווייב איז געקומען!“

אז זי איז צו צום זאַל, האָט מען איהר מקבל פּנים געווען און פערשטעלט די טיר. זי האָט אריינגעקוקט אין זאַל, אָבער משה לייבען נישט געזעהן.

„וואו איז ער, וואו?“ האָט זי זיך צושריען. „זאָל ער בעסער מיט גוטען געהן אהיים!“

„נישטאָ איהם, ער איז אוועקגעגאַנגען,“ האָט מען איהר גע־ענטפערט.

„איך וועל פון דאַנען נישט אָבטרעטען,“ האָט זי שוין געשריען מיט טרערען.

„מען זאָגט דאָך אייך, אז ער איז שוין אַוועקגעגאַנגען... א אידענע א ביסעל!“

מען האָט זי אַריינגעלאָזען אין זאַל. זי האָט זיך ארומגעקוקט און משה לייבען נישט געזעהן.

„זאָלסט מיר שוין אַהיים געהן!“ האָט זי געיאָמערט, קוקענ־דיג ארום זיך.

קיינער האָט זיך נישט אָבגערופען.

„זאָלסט אויפהערען צו שפּיעלען זיך מיט מיר!“ האָט זי גע־שריען.

„מיא־או!“ האָט עס דערלאַנגט פון הינטער א טיר. דער עולם האָט זיך צולאַכט.

„מיאַקען זאָלסטו שוין דאָס לעצטע מאָל!“ האָט זי אויסגע־שריען און א וואָרף געטאָן זיך אויף דעם קול.

„א ברים! א פּשיק!“ האָט מען אויף איהר געמאַכט פון אַלע זייטען און פערשטעלט איהר דעם וועג.

נור משה לייב איז אַרויסגעקראָכען פון זיין אָרט. ער איז שוין געוועזען א ביסעל „פרעהליך“. ער האָט פערלעגט א ליפּ אויף א ליפּ און ארויפגעלעגט די האנד אויף דער באַק ווי איין אלטע אי־דענע. דער עולם האָט זיך געקייקעלט פאַר געלעכטער.

„שוין זאָלסטו מיר געהן אהיים!“ האָט זיך חנה אויף איהם אַרויפגעוואָרפען.

„א ודאי, א ודאי!“ האָט ער געשטאַמעלט ווי איין אלטע אי־דענע אָהן ציין און געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

מיט חנה׳ן האָט זיך אָנגעהויבען א היסטעריקע. זי האָט זיך צולאַכט און צוואויינט, געוואָרפען זיך אויף ד׳ר׳ערד און געריסען פון זיך די האָר.

אלע זיינען אַבהענדיג געוואָרען. משה ליב האָט זיך אין איין מינוט אויסגעניכטערט און גענומען זי בערוהיגען.

ער האָט אַזש נור געוויינט.

אַז חנה איז געקומען צו זיך, האָט ער זי גענומען אונטער'ן אָרם און געלאָזען זיך צו דער טיר מיט איין אַראָבגעלאָזענעם קאָפּף. ער האָט זיך געפיהלט פאַר אַ שטאַרקען זינדיגער.

„ס'אַר אַ שטיק זי האָט דאָס אַ ביסעל געמאַכט! דעם מאַן האָט מען ביי איהר צוגענומען!" האָט עמיץ ארויסגערעדט, ווען חנה איז געוועזען נעבען טיר.

חנה האָט זיך אויסגעגלייכט. דאָס בלוט האָט אין איהר אויפ־געקאָכט, און זי האָט געוואָלט אויסגיסען צו אַלעמען אין שטוב איהר ביטער הארץ. זי האָט זיי געוואָלט זאָגען עפּיס אַ שאַרף, הארב וואָרט — אַ וואָרט, וואָס זאָל אָננעמען ביי דער זיעבעטער ריפּ, וואָס זאָל שטעכען ווי מיט שפּיזען. זי האָט זיי אַלעמען גע־וואָלט ווינשען, זיי זאָלען ארבייטען אויף פרעמדע ווערקשטאַטען, זיין „יענעמס אַ מענש". נור זי האָט זיך איינגעהאַלטען. זי האָט בלויז נישט געלאָזען משה ליבען פערמאַכען די טיר. זי האָט זי אַליין צוגעמאַכט מיט אַ שטאַרקען קלאַפּ.

קראַנק, צובראָכען, פערוויינט האָט זיך חנה געשלעפּט אהיים. אָבער דאָך האָט זי זיך געפיהלט בעפריעדיגט.

איהרם האָט זי פּאָרט אויסגעפיהרט.

1894.

גוט־יום־טוב־ביטען.

.1

ביים בעל־הבית.

ביי תודרוס דעם מעבעלהענדלער איז פול געוועזען די שטוב מיט געסט, ווען עס זיינען אריינגעקומען צו איהם גוט־יום־טוב־ביטען זיינע ארבייטער לייזער דער הויכער, אברהם׳ל דער געלער און יענקעל דער דארער.

די ארבייטער האבען זיך פערלארען, געפינענדיג אזוי פיעל געסט. דאך שמייכלען זיי, און לייזער דער הויכער דערהוועגט זיך אויסצורופען מיט א בּרייטקייט, כאטש נישט אזוי הויך: „גוט יום טוב!“

„א, סקאציל קומט!“ ענטפערט די בעל־הבית׳טע.

„גוט יום־טוב, גוט יום־טוב!“ ענטפערט דער בעל־הבית. „קוים א מאל געקומען. שיינע מענשען!“

„א, סקאצין קומט!“ שרייט דעם בעל־הבית׳ קליינער זוהן. מיט א דין קול׳כעל און גיט א קלאפ לייזער דעם הויכען אין רוקען. לייזער שמייכעלט.

מען ווייזט זיי אן אויף שטולען ביי׳ם עק טיש. זיי זעצען זיך מיט דרך ארץ, פערקאסערענדיג די פאליעס פון די רעק. זיי ווייסען נישט, וואס צו טון מיט זיך און קוקען ארום די ווענד, בעטראכטען די בילדער, טאפען די שטולען אונטער זיך.

„וואס זיצט איהר אזוי?“ זאגט זיי דער בעל־הבית, איבער־רייסענדיג זיין געשפרעך מיט די אויבענאנענדיגע געסט. „גיסט זיך אן און מאכט לחיים.“

לייזער העבט זיך אויף פון זיין אָרט און ציהט זיך כמעט אוים איבער'ן טיש צו דערלאַנגען די פלאַש מיט בראַנפען.

„אָי, ביי איהם זיינען צוריסען די... !" שרייט אוים דער קליי־נער זוהן און פאַטשט מיט די הענד, — „דאָ הינטען צוריסען...“

לייזער ווערט רויט; אברהם'ל און יענקעל פערשעמען זיך אויך. דער אינגעל שפּארט זיך נאָך איין און וויל דוקא אויפ־העבען לייזער'ן און ווייזען דעם ריס. די מאַמע שרייט אויף איהם אָן און ער געהט אָב מיט אַ געלעכטער.

לייזער גיסט אָן זיך מיט די חברים.

„לחיים!" מאַכט ער צום בעל־הבית, „לחיים...“

„לחיים!" האַלטען איהם אונטער אברהם מיט יענקלען.

לייזער שמייכעלט — ער וויל נאָך עפּים זאָגען.

„לחיים, לחיים!" ענטפערט זיי דער בעל־הבית, איבעררייסענדיג זיין געשפּרעך מיט א אידען אין א צילינדער, און קערט זיך אום צום צילינדער צוריק.

לייזער מאַכט מיט די ליפּען; אברהם'ל און יענקעל קוקען אויף איהם.

„לחיים!" זאָגט ענדליך לייזער צו דער בעל־הבית'טע.

„לחיים טובים ולשלום!" ענטפערט זי זיי, „טרינקט געזונדערהייט!“

זי קערט צוריק אָב דעם קאָפּף צו דער אידענע, מיט וועלכער זי האָט גערעדט.

„הלואי אויף אייער רבקה'ס חתונה!" ווינשט לייזער מיט אַ חניפה'דיגען שמייכעל. די חברים העלפען איהם שמייכלען.

די בעל־הבית'טע שמייכעלט אָב צוריק, העפליך א נייג טוענדיג מיט'ן קאָפּף.

זיי טרינקען אוים די כוסות און פערבייסען. עסענדיג, הע־רען זיי זיך צו צום בעל הבית'ס געשפּרעך. ער רעדט פון זיינע געשעפטען.

„איך האָב, דאַנק גאָט, ניט וואָס צו זינדיגען," רעדט ר' תודרוס מיט א פרעהליכען טאָן. „א נאָמען, דאַנק גאָט, ווייסט

איהר דאַך אַליין... מענטשען, דאַנק גאָט, לעבען פון מיר"... ער
ווייזט אָן מיט דער האַנד אויפ'ן עק טיש, וואו עס זיצען די אָר־
בייטער, „און אַלץ איז לויב גאָט," זאָגט ער, ווערענדיג נאָך
פרעהליכער און צופּאַטשענדיג מיט דער האַנד אויפ'ן טיש, „און
לאָ'מיר טאַקע נעמען לחיים."

ער האָט אָנגעגאָסען די בעכער.

„ווייסטו גאָר וואָס, יענקעל?" ווענדט ער זיך צום דאַרען,
„זינג אונז גאָר דיין „מכלכל חיים". אַי, האָט ער אַ „מכלכל
חיים", זאָגט ער צו די אָרומיגע געסט. זיי שטעלען אָן די אויגען
אויף יענקלען.

אויף יענקעל'ס געזיכט טרעטען אַרויס רויטע פלעקען.

„נו, העב אָן!" קאָמאַנדירט דער בעל הבית.

„היינט קען איך עפּיס ניט זינגען," ענטפערט יענקעל.

„עפּיס הוסט איך און אין האַרץ טוט מיר וועה."

„נו, נו, לאָז זיך ניט בעטען," דערווידערט איהם ר' תודרוס.
„אַ נייעס ביי דיר הוסטען, נעם אַ ביסעל בראַנפען און זינג... לאָז
זיך ניט בעטען... גיס איהם אָן, לייזער!"

לייזער גיסט אָן. אַלע קוקען אויף יענקלען. יענקעל ענט־
פערט נישט מעהר. ער מאַכט לחיים, טרינקט אָב אַ ביסעל און
קוקט זיך איבער מיט לייזערן און אברהם'לען.

„איהר־ט־דאַך אונטערהעלפען?" זאָגט ער זיי שטיל, האַלב
בעטענדיג, האַלב הייסענדיג. ער העבט אָן מאַכען „די שטעל",
קוקענדיג אונטער'ן טיש. די חברים העלפען אונטער: פּאָם,
פּאָם, פּאָם...

דער בעל־הבית קוועלט.

„איהר וועט הערען... אַ טייער שטיק," זאָגט ער צו די געסט
און העבט אָן אונטערציהען דעם נגון.

נור פלוצלינג צוהוסט זיך יענקעל שטאַרק, ער קאָן קוים דעם
אָטעם כאַפּען; ער האַלט זיך פאַר די ברוסט; אַ שוויים בעדעקט
זיין שטערן... די חברים קוקען אויף איהם פערזאָרגט, ברומענדיג
זייער „פּאָם, פּאָם". די געסט קערען אָב די פּנים'ער מיט עקעל.

„אַ, אַ פלאַגע!“ מאַכט דער בעל־הבית פערדראָסיג. „איצ־טער איז שוין פערפאַלען, ער וועט זיך שוין נישט אָבהוסטען... דאָס שטיק איז אָבער א מין הפלא, זאָג איך אייך...“

יענקעל קאָן זיך טאַקי נישט אָבהוסטען. ער שטעהט אויף פון זיין אָרט אוועקצוגעהן א היים. די חברים העבען זיך אויך אויף.

„אַי, ביזטו א מענש!“ זאָגט דער בעל־הבית צו יענקלען. „מען בעט דיך עפּיס זינגען, פערהוסט דו זיך!“

די בעל־הבית׳טע בעמערקט דערווייל אויף אברהם׳לען א נייעם ראָק.

„זעה, דאָס איז ביי דיר א נייס?“ זאָגט זי צו איהם חניפה׳־דיג. „טראָג געזונטערהייט! וויפיעל האָסט׳ע בעצאָלט?“

„ער קאָסט מיר א רובעל אכט,“ ענטפערט אברהם׳ל, רויט ווערענדיג. „ביי אשר׳ען גענומען אויף אויסצאָלען...“

„אַ שיינער ראָק! זעהסט, תודרוס,“ ווענדט זי זיך צום מאַן, „זעהסט, ס׳אַר אַ ראָק אויף אברהם׳לען? כמעט א שענערער פאר דיינעם...“

„מילא!“ ענטפערט ר׳ תודרוס מיט א זיסען שמייכעל און העבט זיך אָן צו בעריהמען פאר זיינע געסט, אז ער האָט ליעב, מענשען זאָלען ביי איהם פערדיענען.

די אַרבייטער ווינשען אלעמען א גוטען יום־טוב און געהען אוועק.

„ווייז, ווייז דעם רים!“ שרייט דער אינגעל, נאָכלויפענדיג נאָך לייזער׳ן און העבענדיג ביי איהם די פּאָלעס פון ראָק.

„הערט!“ שרייט זיי נאָך דער בעל הבית, „מאָרגען זעהט למען השם, וואָס פריער קומען צו דער אַרבייט...“

.2

ביים „מענש“.

ביי שלום, משה קארלינס משרת, האָבען זיך שוין א סך געסט צונויפגעקליבען, אָבער עס איז נאָך אַלץ נישט שמחת־תורה׳דיג. אפילו הירשעל דער פויקער, וואָס פון איהם קאָן מען בלייבען אָהן א בויך לאַכענדיג, זיצט אויך כמעט גאָר ווי א שטאַטיק. ער וואַרפט אפילו אַ מאָל ארויס א „שטוקע“ — ער קרעהעט ווי א האָן אָדער הירזשעט ווי אַ פערד און דערביי שפּאַרט ער עפּיס אַריין אין מויל — און דער עולם צולאַכט זיך. נור באַלד בלייבט מען ווייטער רוהיג זיצען און מען העבט אָן צו קוקען אויף דער גאַסטיר.

שלום און דוואָשע זיין ווייב זיינען עפּיס אויך נישט גוט אויפגעלעגט, רעדען געכאַפּט, קוקען אויס די אויגען אויף דער גאַסטיר, און דוואָשע איילט זיך נישט צו דערלאַנגען דעם גאַנצען כיבוד צום טיש.

דאָס וואַרט מען אויף שלום׳ס בעל־הבית, אויף ר׳ משה קארלין.

„פאַר איהם דאַרף מען קיין פאַראַד נ׳ט מאַכען,“ זאָגט שלום צו זיינע געסט אין איין זייט צימער. „ער וועט נאָך זאָגען, אז איך עס זיין פלייש און טרינק זיין בלוט...“

„ער געהט דען גוט־יום־טוב־ב׳מען?“ רעדט דוואָשע בייז צווישען איהרע ווייבער אין דער אַנדער זייט צימער. „ער געהט דאָך מעהר נישט רעווידירען... ער געהט דאָך נאָר זעהען, צו האָט מען איהם נישט בעגנב׳עט...“

זי לאָזט אויס מיט א קללה.

אויפ׳ן געדעקטען טיש געפינט זיך מעהר נישט ווי איין פלאַש בראַנפּען, עטליכע קיכלעך, הערינג און אוגערקעס. פאַר די ווייבער האָט מען גאָר קיין טיש נישט געשטעלט. זיי זיצען אויף די בעטען ביי דער אַנדער וואַנד געגען טיש, און דוואָשע טראָגט זיי בראַנפּען מיט קיכלעך.

„שרעקט איך ניט,“ טרייסטען שלום מיט דוואָשען זייערע געסט, „אזא גוט יאָהר זאָלען מיר האָבען און אלע אונזערע גוטע פריינד, וואָס פאר א כיבוד עס שטעהט אין אויווען! זאָל נאָר דער „בעל הבאַנדזיע“ אוועקגעהן.“

און דוואָשע צורעדט זיך פאר איהרע ווייבער וועגען איהר כיבוד: ברעמזלעך, אַנגעפילטע קיישקעס, א געפילטע גאנז, גע־פילטע עפּעל...

„אליז, דאנק גאָט, ווי ביי א בעל־הבית'טע,“ ענדיגט זי איהר בעשרייבונג, „און איך דארף גאָר מורא האָבען פאר דעם המן!“

ענדליך עפענט זיך די גאסטיר און עס קומט אריין דער בעל־הבית: א קורצער, דיקער איד אין מיטעלע יאָהרען. אלע געסט שטעהען אויף פון די ערטער. שלום לויפט צו אראָבנעמען פון איהם דעם מאַנטעל; דוואָשע קרימט זיך.

„אַן ענגע לופט,“ זאָגט דער בעל־הבית, קרימענדיג די נאָז. „פאר וואָס מאכט מען ניט אויף אַ פענסטער? פע!“ בלאָזט ער אָב פון זיך.

שלום ווינקט צו איינעם, ער זאָל אויפמאכען א פענסטער.

ר' משה קוקט זיך ארום, גיט אַ נייג א ביסעל מיט'ן קאָפּף און געהט זיך זעצען צום אויבען־אָן. די ווייבער שיטען ארוים אין קיך.

„דו וואָהנסט דאך גאנץ פיין,“ זאָגט דער בעל־הבית צו שלום'ען, וואָס שטעהט נעבען איהם און קוקט איהם אין די אויגען אריין טריי און אונטערטעניג. „גאנץ היבש! וואָס זינדיגסטו?“

„ווער זינדיגט? איך זינדיג גאָר נישט!“ ענטפערט שלום. „בעסער, מעהר נישט, וואָלט נישט אויסמאכען.“

„ב־ע־ס־ע־ר!“ ציהט משה איראָניש, „אָט דאָס איז שוין ניט גוט! דערמיט אליין זינדיגסטו...“

דוואָשע ווארפט אויף איהם א בייזען בליק, קרימט מיט די ליפּען און געהט ארוים צו די ווייבער, אָבצוקיהלען דאָרטין דאָס הארץ מיט א קללה.

שלום גיסט דערווייל אָן א קעלעשאָק פאר דעם בעל הבית.

„מאכט ברכה,“ זאָגט ער, „אָט דאָס איז מיין כיבוד: אויף בעסערס האָט קיין פאראיבעל נים.“

„וואָס איז? גאַנץ גוט, גאַנץ גוט!“ ענטפערט דער בעל־הבית. ער טרינקט אָב א ביסעל בראַנפען און ברעכט אָב א שטיקעל קיכעל. דוואָשע קרימט זיך.

„גיב דאָס דיינע געסט!“ בורטשעט זי און שלעפט איהרע ווייבער צום אויווען, וואו עס שטעהט איהר „כל טוב“. שלום וויל דערוויילע איינקויפען זיך ביים בעל־הבית.

„איך האָב נעכטען געזעהן דעם פריין באסעוויטש,“ העבט ער אָן צו דערצעהלען מיט א חניפה'דיגען שמייכעל. דער בעל הבית קנויטשט אָן די שטערן און שטעלט אָן דאָס אויער.

„ער ווערט שוין ווייכער,“ דערצעהלט שלום ווייטער. „ער וועט שוין באלד נעמען אונזער מקח. איך האָב איהם אונטערגע־לאָזען א שפּילקע...“

שלום העבט אָן צו דערצעהלען מיט היין, וואָס פאר א שפּיל־קע ער האָט אונטערגעלאָזען דעם פריין. דוואָשע שטעהט אין קיך און זידט.

„ער דארף איהם דאָ נויטיג האָבען,“ שיפּעט זי. „ער האָט זיך פערררעדט מיט איהם!..“

די געסט זיצען און גענעצען, שמייכלען תמעוואטע, אָדער לויפען אין קיך צו די ווייבער, „אָבפּיהרען דאָס האַרץ“.

„ער האָט זיך אוועקגעזעצט, דער טרעמבויך!“ מאכט איינער מיט פערדרוס.

„לאָז איהם זיך אויסרוהען!“ זאָגט א צווייטער. „ער טראָגט נעבאך אויף זיך אזא משא כבדה...“

„ווי געפעלט איך מיין קעסעלפּויק?“ לויפט אריין הירשעל מיט א קאָמישער מיענע.

„נא, געה קלאפּ אונז עפּיס אויס!“ לאכט איינער, געבענדיג הירשלען א פּאָר ווילקעס.

מען צולאכט זיך און מען קוקט אריין אין דאָס צווייטע צי־מער אויפ'ן „קעסעלפּויק“.

שלום ענדיגט, און דער בעל־הבית שמייכעלט גנעדיג.

„מאָלאָדיעץ!"

„וואָס זיצט מען עפּיס ביי דיר ווי תשעה באב?" לעגט ער צו מיט זיין גנעדיגען שמייכעל. „זאָל מען זאָגען עפּיס א נגון".

„ע—טשע—טשע!" קרימט זיך דוואָשע. „עס ווילט זיך איהם. זאָגען איהם נאָך א נגון!"

שלום בעט זיך איין ביי א פּאָר געסט, זיי זאָלען „זאָגען" א נגון. יענע העבען אָן; פון קיך ווינקט מען זיי, זיי זאָלען אויפהערען, נור דער בעל־הבית הערט סיי־ווי־סיי נישט אוים ביז'ן סוף. ער שטעהט אויף, שלום דערלאַנגט איהם דעם מאַנטעל. ר' משה זאָגט אַלעמען א „גוטען יום־טוב" און געהט אַוועק.

אַלע אָטעמען פרייער אָב.

„גערדאַרפט זיך מיט איהם פּערערדען!" פאַלט אָן דוואָשע אויף שלום'ען.

„נו?" פיהרט שלום פּערנאַנדער מיט די הענד, „טרייבען איהם?"

דער פּויקער קרעהעט אוים ווי א האָן, און עס העבט זיך אָן איבערצוקערען די שטוב.

1894.

אברהם׳ל דער טויטער.

איך בין געשטאנען ביי קאצמאן דעם באקאליי־הענדלער אין קראם, ווען עס איז אריין א קליין, זעהר אָרם אָנגעטאָן, אידעל, פון א יאהר פינף און דרייסיג, מיט א ברייטען שווארצען באָרד, וואס האָט בעדעקט זיין ברייט, דאר פּנים, מיט קליינע, שווארצע אויגען, ארום וועלכע עס זיינען געלעגען בלויע רעדער, און האָט נישט־טאָ מיט א געבעט, נישט־טאָ מיט א חניפה׳דיגען שמייכעל ארויסגערעדט:

„גוט מאָרגען, ר׳ סענדער!"

קאצמאן האָט א וואָרף געטאָן אויף איהם א בייזען בליק, ווע־גענדיג מיין קויפּעכטס, און מיט כעס געענטפערט:

„דו האָסט ניט וואָס צו געהן צו מיר. איך האָב געזאָגט: ניין — איז ניין! אזעלכע מענשען דאַרף איך ניט."

„ערב פּסח, ר׳ סענדער, זאָגט אליין," האָט דאָס אידעל גע־זאָגט מיט דעם זעלבען טאָן. „איהר האָט דאָך קיין מענשען ניט... קיין מענשען..."

„איך בעט דיך ניט זאָרגען פאר מיר," האָט קאצמאן אָבגע־האקט. „ד ו וועסט ביי מיר ניט זיין."

„ערב פּסח..." האָט ווייטער אָנגעהויבען דאָס אידעל. „און איך וואָלט וועלען גלאַט וויסען, וואָס האָב איך דאָ אזוי פער־זינדיגט..."

„נו, הער, געה!"

קאצמאן איז רויט געוואָרען און האָט א מאך געטאָן מיט דער האנד אויף דער טיר.

דאָס אידעל האָט אָבגעשמייכעלט מיט פּעראכטונג, מיט דעם

איינענעם טאָן אָבגעקרעכצט, עפּיס א מורמעל געטאָן און איז ארויס.

„אַזאַ פּארך!" האָט קאַצמאַן איהם נאָכגעשיקט. „איך זאָג אייך הײנטיגע מענשען... נ—נ—נו—ו—ו!" האָט ער זיך געווענ־דעט צו מיר, אָבגעבענדיג מיר מיין קויפּעבטס.

איך האָב גענומען דאָס פּעקעל און בין שנעל ארויס נאָך דעם „היינטיגען מענשען".

ער איז געשטאַנען נישט ווייט פון קראָם; ארום איהם איז געוועזען אַ רעדעל פון נאָך „מענשען". איך בין צוגעגאַנגען צום רעדעל.

„און וויל נישט נעמען?" האָט איינער גערעדט גאַנץ ער־שטוינט. „אַ—א—א—א!"

ער האָט ארומגעקוקט די ארומיגע, דריקענדיג מיט די אקסלען און שאָקלענדיג דעם קאָפּף.

„אָט דער הערר האָט אויך געהערט," האָט געזאָגט דאָס אי־דעל, ווייזענדיג אויף מיר.

אַלע אויגען האָבען זיך געווענדעט צו מיר.

„איין אכזריות!" האָט א צווייטער אונטערגעכאַפּט. „ערב יום־טוב א גרויל... און פאר וואָס? פאר ווען?..."

„אויף קאַצמאַן'דלען פרעגט ער קשיות," האָט א דריטער געזאָגט.

„ע—ע—עך—עך—עך!" האָט דאָס אידעל אָבגעע־קרעכצט. „איך ווייס, איך וועל פּרובען א שיק טון דאָס ווייב."

ער איז ארויס פון רעדעל און געלאָזען זיך געהן מיט לאַנג־זאמע טריט. איך בין צוגעגאַנגען צו איהם און געפרעגט, וואָס האָט ער אזוי פערזינדיגט. ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּף, א קוק געטאָן אויף מיר און א מאך געטאָן מיט דער האנד:

„עט!"

איך וויל איהם פעראינטערעסירען און זאָג:

„קאַצמאַן מוז זיין א גוטע סחורה."

„ההחם, העהעהע!" איז געוועזען זיין קורצער ענטפער מיט א קאַפּ־שאָקלען.

„וואָס, מסתמא פּוגע בכבוד געוועזען?"

„פּוגע בכבוד געוועזען, כע! א כהן, א פערקאָכט הארץ, א טרפה'נע זעעל!" האָט ער פּלוצלונג ארויסגעשאָסען מיט הארץ און ביטערנים.

„איך האָב געהערט פון איהם..."

„אך... הם... ע־ע־ע!" האָט מיך דאָס אידעל איבערגעריסען: נישטאָ, הייסט עס, פון וועמען צו רעדען.

איך האָב איהם פאַרגעשלאָגען אריינצוגעהן מיט מיר אין א שיינק, אויסצוטרינקען א גלעזעל ביער. ער האָט איינגעוויליגט. אין שיינק האָט ער מיר אלץ דערצעהלט

פון אייביג אָן, זייט ער איז א שטיקעל מענש, האָט ער א חזקה צו פעררופען צו זיך זיינע פריינד פורים צו דער סעודה.

„דאָס גאנצע יאָהר," דערקלערט ער מיר, „דאָס גאנצע יאָהר איז מען פערהאוועט, שטענדיג דרעהט דער קאָפּ, דאָס — דאָס, דאָס — יענעס... און אַלץ פעהלט, ברוך השם... איז לכל הפחות א יום־טוב פערגעסט מען זיך א ביסעל. וואָס, מיינט איהר, וואָס טוט מען? אָט גאָר נישט... מען מאַכט זיך א ביסעל נאַריש. צו עסען און צו טרינקען איז דען פאַראַן א סך?... עט!... אויף מיינע שונאים געזאָגט געוואָרען... נאַטירליך, מען טאָר נישט זינדיגען... אָבער גאָר נישט... שכור ווערען קאָן מען נישט!... נור איך זאָג עס אייך אלץ אנקעגען דעם, אז גאָר נישט... נאַריש מאַכען זיך א ביסעל, ארויסשלאָגען א ביסעל די דאגות פון קאָפּ... און א שטי־קעל הוליאקע בין איך..."

איך האָב מיך איינגעקוקט אין איהם. עס האָט זיך מיר שווערליך געגלויבט, אז דאָס איינגעקאָרטשעטע, פער'חשך'טע, קליינע אידעל, וואָס זיצט נעבען מיר, זאָל זיין א הוליאקע, א פרעהליכע, ריהרעוודיגע בריה. ער האָט פערשטאַנען מיין קוקען אויף איהם.

„איך האָב פיינד צו לייקענען,“ האָט ער געזאָגט מיט א שמייכעל, „איך האָב טאַקי ליעב א ביסעל א הוליע טון. אויף דערויף איז מען דאָך א איד! מאַכט מען זיך א ביסעל משוגע... איך ווייס, מען שפּרינגט, מען הירזשעט ווי א פערד, מען קרעהט ווי א האָן... אָט גאָר נישט, מען קערט א ביסעל די וועלט... וואָס דען? מען מוז דאָך א ביסעל פערשלאָגען די רעיונות. אַז נישט וואָלט מען דאָך גאָר נישט געדארפט לעבען אויף דער וועלט...“

און טאַקי. זיין געהאַלט איז געוועזען צוואַנציג „קארבאָוואנצעס“ א חדש, האָט ער דערפאַר א ווייב מיט זעקס קינדער און א בלינדע מאַמע. דאָס ווייב האַנדעלט אפילו אונטער מיט פּעדערן, אַלטע קליידער און נאָך אזעלכע ארטיקלען, די מאַמע מאַכט זאָקען. נור „זייערע פּרנסות שטייען קוים אויף וואַסער מיט קאַשע“.

„נו, מילא, דאָס איז דאָך אַלץ גאָר נישט,“ האָט ער דערהעכערט דעם קול, אויסדערצעהלענדיג זיין אָרם און ביטער לעבען. „איך דערצעהל אייך מעהר נישט, אַז אָט, פערשטעהט איהר מיך... מוז מען דאָך א יום־טוב א ביסעל משוגע מאַכען זיך!...“

דעם פּורים האָט ער אויך צונויפגערופען צו זיך זיינע געסט, אויך אַזעלכע ביטערע הערצער ווי ער, און מען האָט זיך געזעצט צו דער סעודה. און עס איז טאַקי געוועזען פרעהליך. מען האָט פערגעסען דאָס גאַנצע שווערע לעבען. עס האָבען געלאַכט די גרויסע, עס האָבען געלאַכט די קליינע; אפילו די בלינדע מאַמע, וועלכע זיצט שטענדיג איבער א זאָק און וויינט, האָט אויך געלאַכט און געזאָגט וויצען, ווייל זי איז זעהר א קלוגע אידענע. עס איז געוועזען א פערגניגען, „איין אמת'ער אידישער יום־טוב!“ מען האָט געזונגען אידישע זאכען, חזנישע שטיקלעך. ער אַליין קאָן עס — ער האָט אַ שטיקעל קול'כעל און שבת א מאָל „קלאַפּט ער אָב א מוספ'ל“. נור אונטער זיינע געסט זיינען געוועזען זיין אַלטער פעטער גרשון דער חזן און הלל דער פאַרבער — „א פּאָר חברה לייט, וואָס, איך זאָג אייך טאַקע, אויף בילעטען צו געהן הערען זיי“... פּלוצלינג....

„ברוך הבא, סקאַציל קומט! דעם בעל הבית׳ דיענסט!....
וואָס איז, וואָס? דער בעל־הבית רופט. דער בעל־הבית רופט?...“ האָט ער איבערגע׳חזר׳ט מיט איראָניע און א העב געטאָןביידע הענד. „וואָס דאַרף מיך יעצט דער בעל־הבית, איך טאָר גאָר קיין בערוהטע רגע ניט האָבען? אָהן מיר קאָן ער זיך גאָר א מינוט ניט בעגעהן? איך האָב פּשוט ניט געוואָלט געהן, וואָס וועל איך געהן?“

נור ער איז פאָרט געגאַנגען. אַלע האָבען געהייסען; זאָל ער הערען, וואָס האָט עס אזוי אָנגעשבאַרט. גלאַט האָט די דיענסט פערזיכערט, אז מען וועט איהם ניט לאַנג אָבהאַלטען. זי וויים עס זיכער, און דער בעל הבית וואָהנט ניט ווייט פון איהם — איבער א גאָס. „מילא, געגאַנגען.“

„קוים ארויסגעשלעפּט איהם, דעם שררה,“ האָט איהם די דיענסט פער׳מסר׳ט פאר׳ן בעל הבית.

„א וודאי קוים ארויסגעשלעפּט מיך!“ ער איז געווען אָנגע־רוקט, ברוגז׳דיג.

„ניש׳קשה, ניש׳קשה,“ האָט געזאָגט דער בעל הבית, „וועסט אין דער היים גאָר נישט אָנווערען.“

„און טרעפט, אויף וואָס האָט מען מיך געדאַרפט?“ ער האָט א פּאַטש געטאָן אָן טיש. „טרעפּט!“

איך טו איהם דאָס פערגניגען און פּרוב מיך טרעפען.

„אין א שליחות מסתמא שיקען.“

ער האָט א קלאַפּ געטאָן מיט דער פויסט אָן טיש.

יאָ! נו, ווי געפעלט עס אייך א ביסעל? איך זאָג אייך... א! און טרעפּט, אין וואָס פאר א שליחות?“

נור מעהר טרעפען וויל איך נישט, און ער דערצעהלט ווייטער מיט התפעלות.

„איך זאָג אייך... א! ער האָט געדאַרפט שיקען שלח־מנות זיין [illegible]טער חאָניע צייטלין, וואָס וואָהנט, איך וויים וואו, ערגעץ הינטער [illegible]סטראָג, אין עק וועלט, איבער א שעה גאַנג... די דיענסט האָט מורא געהאַט אליין צו געהן, שיקט מען עס נאָך מיר, איך זאָל

געהן מיט איהר! אַ, איך זאָג אייך, איך בין אַן אָנגעצונדרענער געוואָרען..."

און ער האָט זיך אָבגעזאָגט. ער האָט געטענה'ט, און מיט היץ, מיט פייער, מיט אַ העלישען כעס געטענה'ט, אז ער האָט זיך ביי זיי נישט געשטעלט אויף בעגלייטען די דיענסט אין שלח־מנות טראָגען; אַז ער איז אויך אַ איד מיט אַלע אידען צוגלייך און ביי איהם איז אויך יום־טוב; אז ער וועט נישט פערשטערען זיין יום־טוב און נישט איבערלאָזען זיינע געסט אליין, וואָס איז, וואָס? דער פעטער חאָניע דארף בעקומען שלח־מנות. ער האָט אפילו אויסגעשפייט און געלאָזט זיך צו דער טיר. נור דער בעל־הבית האָט איהם גערופען צוריק. ער האָט זיך אָבגעשטעלט מיט איין זייט אויף דער שוועל און איין אָנגערוקטער געווארט, וואָס וועט איהם זאָגען דער בעל־הבית.

„אויב אזוי," האָט דער בעל־הבית געזאָגט מיט איין איינגע־האַלטענעם כעס, נור מען האָט שוין געזעהן, אז עס קאָכען אין איהם „די טרפה'נע דמים", „אויב אזוי, זאָלסטו מאָרגען נישט קומען אין געשעפט. איך דארף דיך נישט."

די בעל־הבית'טע האָט איהם גענומען איינרעדען, ער זאָל פאָל־גען און געהן. נור ער האָט זי נישט געהערט.

„איך בין אויך אַ גוט קינד! — אַז ביי אייך טראָגט אויס אזוי דער יושר, איז גוט! האָב איך געזאָגט, — טאָ לאָמיך בעסער אָנווערען די שטעלע. וואָס דען האָב איך געזאָלט זאָגען, האַ? נישט אזוי, וואָס? און בין אוועקגעגאַנגען. איך קאָן אייך זאָגען, עס האָט מיך גערירט ווי די וואנד. אָהן דער שטעלע, ווי מיט דער שטעלע, זאָל ער זיך שלאָגען מיט איהר קאָפּ אָן דער וואנד. נור געוואלט, וואו נעמט זיך דאָס אזאַ יושר ביי לייטען! אַז איך וויל נישט פארשטערען מיין יום־טוב און שלעפּען זיך מיט דער דיענסט אונטער די הרי־חושך, דארף איך דערפאר אָנווערען די שטעלע?... נור איך זאָג דאָך אייך... גאָר נישט... דרעה זיך איבער מיט דער שטעלע צוזאַמען!... עס האָט מיך נישט אָנגע־הויבען צו פערדריעסען. און אין דער היים אויך די זעלבע מעשה.

מען האָט זיך גוט אויסגעשפּייט און גאָר. נור ביי אַלעמען האָט זיך אויפ'ן מח נישט געלעגט: געוואָלט, אז איך וויל נישט געהן, דאַרף איך דערפאר אַנווערען די שטעלע?!...“

נור מען האָט געזונגען, געטאַנצט, געמאַכט זיך פרעהליך. און ווען מען האָט זיך געפיהלט נייעט גאָר יום־טוב'דיג, איז עס נור טאַקי דערפאר, וואָס מען האָט געפיהלט: „געוואָלט, ווי מען איז עס ביי יעדעם „איך וויים נישט וואָס“ אין גלות; ווי פאַר די פּאָר רובעליעס געהאַלט, וועלכע קומען נאָך אָן מיט גרינגעם שוויים, דאַרף מען זיין איין עבד כנעני.“

עטליכע מאָל האָט ער זיך געטראָפּען מיט דעם ווייב'ס אומעטיגע בליקען. „אַ אידענע, זעהט איהר!“ זי האָט זיך, דאַכט זיך, גאָר גע'בריה'ט און געשריען, אז זי וואָלט זיי דערפאַר נאָך אָנגעשפּייט אַ פולע צורה, און דאָך האָט דער געדאַנק, אז דער מאַן בלייבט אָהן אַ שטעלע, נישט געלאָזען זי רוהען.

„וואָס? וואָס קוקסטו וואָס אזוי?“ האָט ער איהר געזאָגט.
„האָסט מורא איך וועל אומגעהן אָהן אַ שטעלע? געה, בהמה, מיר וועלען פון הונגער נישט שטאַרבען, נישט קשה. עכ איז אַ נייס, הייסט עס, איז עס, כע־כע־כע!“

דאָך זיינען זיי יענע נאַכט נישט אזוי גיך איינגעשלאָפען. דאָס ווייב האָט זיך אומגעדרעהט פון איין זייט אויף דער אנדערער און געקרעכצט; און איהם האָט זיך אויך נישט געשלאָפען. אַלץ: „סטייטיש און סטייטש!“.... נור ער האָט נישט געקרעכצט.

„וואָס שלאָפסט נישט, חאשע?“

„אָ־אָה... גאָר נישט!“

„ליעגסט א ודאי מיט אָפענע אויגען?“

זי שווייגט.

„האַ?“

„ניין, ניין,“ האָט זי בייז אָבגעענטפערט, „שלאָף, וואָס ארט דיך!“

זי מיינט, ער פערשטעהט נישט. אָהאָ, ער פערשטעהט איהר אומוואַרפען און אומדרעהען זיך! אַ אידענע! באַלד עפּיס לאָזט זי•

אראָב די נאָז. איהם ווערט אויך א ביסעל נישט געשמאַק אויפ'ן הארצען ער האָט שיער, שיער אליין נישט אָבגעקרעכצט. נור ער האָט זיך איינגעהאַלטען.

„גע‏ה, ביזט א נאַר. קער זיך איבער אויף די רעכטע זייט און ווער אנטשלאָפען."

ער האָט עס טאקע אליין אויך געטאָן און נאָך אריבערגעצוי־גען איבער זיך די קאָלדרע.

אויף מאָרגען האָט מען זיך געפיהלט זעהר „נישט יפה'דיג".

„איך וויים, עפּיס נישט געוואוינט גלאַט אזוי אין א וואָכע־דיגען טאָג זיטצען אין דער היים," ערקלערט ער די „נישט יפה־דיגקייט".

און ווידער האָט מען געווארט, אז מען וועט איהם קומען רופען אין קראָם. עס האָט זיך אזוי געדאכט, נור דער טאָג איז אריבער, און פון בעל הבית איז מען נישט געקומען. און ער פון זיין זייט איז אויך נישט געגאַנגען בעטען זיך.

„איך בין נישט פון די מענישען," זאָגט ער מיט גאוה. „איך האָב פיינד צו בעטען זיך. דארפסט דו מיך ניט, דארף איך דיך נישט, זיינען מיר קיין פּאָר נישט, איז אוים שדוך, גאָר נישט! פע!..."

נור דאָס ווייב האָט נישט אויסגעהאַלטען, און אויפ'ן צווייטען טאָג איז זי אַוועק אין קראָם. ער האָט איהר געהייסען נישט געהן, נור זי האָט נישט געפאָלגט. אין קראָם איז שוין געוועזען א מיידעל. איז, דאכט זיך, נישטאָ שוין מעהר וואָס צו רעדען? נור דאָס ווייב האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען און צואוויינט זיך: „סטייטש, סטייטש! ערב פּסח אָבזאָגען, פאר וואָס? פאר ווען?" נאַטיר־ליך, האָט עס נישט געהאָלפען, זי האָט זיך מעהר נישט מיאוס געמאַכט. א היים איז זי געקומען א בייזע, האָט גאָר פערגעסען, אז פורים ביי נאַכט האָט זי איהם געגעבען גערעכט, און ארויפגע־וואָרפען זיך אויף איהם מיט ביטערע קללות.

„די פים וואָלטען איהם גאָר אָבנעמען, ווען ער וואָלט געהן מיט דער דיענסט!" האָט זי געשריען. „א שמחה איז אויף איהם אָנגעפאלען, הולינקען האָט זיך איהם געוואָלט..."

עס האָט זיך איהם אַליין שוין געדאכט, אז ער האָט געטאָן איין עולה.

נעכטען האָט מען געכאַפּט די נייע מיידעל נאַשענדיג. קאַצ־מאַן האָט פיינד אזא סחורה און געגעבען איהר גלייך „אַ פוהר מיט אַ גלעקעל“. דאָס ווייב איז באַלד צוגעשטאַנען: „געה, בעט זיך!“

„מיינט איהר, איך וואָלט געהן? איך אַליין וואָלט בשום אופן נישט געהן, אסור חזיר, איך האָב פיינד צו בעטען זיך. נור גאָר נישט — דאָס ווייב איז צוגעשטאַנען: „געה און געה“, ביז איך געגאַנגען. זאָל מיינע אריבערגעהן! אַי, איך האָב דאָך גע־וואוסט, אז עס איז איין עברה מיין טרחה? איך קען דאָך דעם קאַצמאַן׳דעל, דעם כהן, דאָס פארקאָכטע האריץ?!... נור גאָר נישט, זי וויל איך זאָל געהן, געה איך. נור וואָס האָב איך אויסגעפיהרט? גאָר נישט! איהר האָט דאָך געזעהן. מעהר נישט מיאוס געמאַכט זיך. עט!“

ער איז געבליבען זיצען מיט איין האַנד אָנגעשפּארט אָן טיש, מיט דער אַנדערער אָן קני און דעם קאָפּף אראָבגעלאָזען, אָנגעבוי־גען אָן אַ זייט.

„טרינקט אייער ביער,“ רייס איך איבער זיינע מחשבות.

ער האָט זיך אויסגעדרעהט מיט אַ קרעכץ צום ביער און אָנ־געטרונקען אַ ביסעל.

„אַזוי איז עס, האַ!... יעצט דארף מען פּרובירען אַ שיק טון דאָס ווייב, זי זאָל זיך דורכרעדען מיט דער בעל הבית׳טע. די בעל הבית׳טע איז פּאָרט מעהר מענש פאר׳ן בעל הבית. ווייס איך, אפשר וועט עס העלפען...“

„און מיינט איהר, מיר ווילט זיך יעצט שטארק אָנקומען צו איהם? אַ האָר אויך נישט. נור ווייל ערב יום־טוב... אַז נישט, אסור, אויב איך וואָלט צו איהם געהן. פאר קיין געלד נישט.“

„וואָס דען וואָלט איהר געטאָן?“

„וואָס? אַ דאגה וואָס! עס איז מיר דען דאָס ערשטע מאָל אויף מיין לעבען? אָט גאָר נישט, מען מוטשעט זיך איבער אַ

ביסעל און מען געפינט א שטעלע. און מיינט איהר, אז ער וועט מיך איצטער נישט נעמען, לעגט זיך שוין דער הימעל אויף דר'ערד? עט!... אָט העבען זיך אָן „פּאָדריאַדען", ווער איך גאָר אַ מצה־זעצער, און אז ניט, בין איך גאָר אַ סאַרוועַר אויף חתונות... איהר מיינט ד'ר'אמת'ן, איך בין שוין ביי מיר אראָבגעפאַלען? איך קען אייך זאָגען, אַ האָר אויף נישט. איך גיב א י ה ר מעהר נישט נאָך... און גלאַט אַ שטעלע, ווי זאָגט מען דאָס, פּאָרט אַ שטענדיגע זאַך... אפילו מישטיינס געזאָגט, די גליקען, וואָס מען כאַפּט שוין ביי קאַצמאַנען, נאָר גאָר נישט... אַ שטעלע! מילא, איך וועל פּרובירען אַ שיק טון דאָס ווייב."

ער האָט אויסגעטרונקען דעם רעשט ביער און איז אויפגע־שטאַנען פון אָרט.

ביים צושיידען זיך, האָב איך איהם געפרעגט, ווי רופט מען איהם.

„ווי רופט מען מיך?" האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל. „איהר האָט געהערט אין שטאָדט אברהם'ל דער טויטער? דאָס ב'ין איך? בי־י־י־י!"

איך האָב דעם נאָמען נישט געהערט, נור מיר האָט זיך גע־דאַכט, אז איך האָב געדאַרפט טרעפען זיין נאָמען. דער טויטער! דער טויטער, וואָס לעבט אייביג, האָב איך גלייך געמאַכט אַ פּירוש.

ער האָט אויף מיר געקוקט מיט זיין שמייכעל און איז גע־וועזען אַ פּנים צופריעדען מיט דעם איינדרוק, וואָס זיין נאָמען האָט אויף מיר געמאַכט.

„ומה שמכם?" האָט ער חניפה'דיג געלאַכט. „ווער זייט איהר, ההע? אָט גאָר נישט, לאָ'מיך אויך וויסען. מיר זיינען דאָך אידען, האַ? העהעהע..."

.1897

מען ווארט.

פרייטאָג פאר נאכט. בערגישולד דעם דרוקערס ארבייטער האָבען שוין געענדיגט זייער ארבייט, וואשען זיך אָב און געהען ארויס אין פאָרצימער, וואָס דיענט פאר א קאנטאָר, צו בעקומען זייער געלד.

די קאנטאָר איז א קליין פיערעקיג צימער, צוטיילט אויף צווייען דורך א ניעדריג ווענטעל פון שטאקעטלעך. הינטער'ן ווענטעל שטעהט א גרויסער שרייבטיש מיט דריי שטולען ארום איהם. די ווענד זיינען פערנומען מיט פאָליצעס, אויף וועלכע עס ליעגען אָבגעדרוקטע ביכער. אויף דער וואנד, לינקס פון טיש, היינגען אלערליי חשבונות, בריעף, נאָטיצען, א לוח, א זייגער; אויפ'ן טיש ליעגען פאפיערען, א קאנטאָר־בוך, שרייבגעצייג.

אַז דער בעל הבית אָדער זיין זוהן דער בוכהאלטער זיינען דאָ, טאָר קיין ארבייטער נישט אריבער הינטער דאָס ווענטעל. נור יעטצט זיינען די בעלי־הבתים נישטאָ, און די ארבייטער — א מאַן צעהן — הערשען איבער דער גאַנצער קאַנטאָר.

נחום „קאלאטירע", א מאַן פון א יאָהר פיערציג, פון הויכען וואוקס מיט אַ קליינעם, שיטערען, בלאָנדען בערדעל, גרויע אויגע־לעך און א רויטליכער נאָז, אין א ברודיגען העמד און אין איין אַלטען פערשמוצטען היטעל, צוואוארפט זיך אויף דעם בעל־הבית' ארט. די אנדערע צוויי שטולען פערכאפען מאיר און פייוועל, צוויי יונגע בחורים פון א יאהר ניינצעהן; צוויי עלטערע ארבייטער, משה דער געלער און הלל די לאנגע נאָז, זעצען זיך אויף א גרויסער קיפע פאפיער, וואָס ליעגט אויף ד'ר'ערד. אויפ'ן פענסטער זיצט, אויסגעצויגען די פיס, פישעל, א בחור פון אַ יאָהר פינף און צוואנ־ציג, מיט א שוואַרצען בערדיל, גערדעהטע וואָנצען, אין א ווייסען

העמד און אַ נייעם קאַפּעליוש; ער קוקט אַריין אין הויף, פייפט זיך אונטער אַ ליעד און קוקט זיך נישט אום אויף דאָס, וואָס טוט זיך אין קאַנטאָר.

אין טיר, וועלכע פיהרט אין דאָס מאַשינענצימער און אויף וועלכער עס שטעהט אָנגעשריבען: „פרעמדע מענשען דאַרפען נישט אַריין,“ שטעהט יאַשקע „קלאַפּער“, אַ אינגעל פון אַ יאָהר זעכצעהן, וועלכער האָט בעקומען דעם צונאָמען דערפאַר, וואָס ער לאַכט ווי געקלאַפּט. די איבריגע שטעהען אָנגעשפּאַרט אויף דאָס ווענטעל.

„ווי מיינט איהר, חברה, היינט וועלען מיר קריגען געלד?“ פרעגט משה דער געלער פון דער קיפּע פּאַפּיער.

„קדחת,“ האַקט אָב נחום.

„אַז ביידע זיינען נעלם געוואָרען, איז אַ שלעכטער סימן,“ מיינט מאיר.

דאָס פיהלען אַלע אַרבייטער, נור זיי זיינען שוין געוועהנט אָוועקצוגעהן פרייטאָג אָהן געלד און זיי זיינען יעצט אויך „מוכן ומזומן“ אוועקצוגעהן מיט לעדיגע הענד און קעשענעס. אָבער דאָך רייצט זיי עס אַ ביסעל און עס איז אונאַנגענעם — „מולקע“, ווי זיי דריקען זיך אויס — אוועקצוגעהן אָהן געלד.

„נו, איז וואָס וועט זיין? איהר וועט שוין אַ מאָל געבען געלד?“ רייסט איבער אין אַ ווייַלע אַרום די שטילקייט אַ יונגער אַרבייטער, וועלכער שטעהט אָנגעשפּאַרט אויפ'ן ווענטעל, ווענדענדיג זיך צו נחום'ען.

„געלד? אויף וואָס דאַרפסטו געלד?“ פרעגט איהם נחום איראָניש, נאָכמאַכענדיג דעם בעל־הבית' קול.

„איך דאַרף! ווי הייסט, אויף וואָס דאַרף איך?“ רעדט ברוגז דער אַרבייטער.

אַלע האַלטען איין דעם אָטעם. מען לאַכט נישט, נור אַ שמייכעל צוקרימט די מיילער. אפילו יאַשקע קלאַפּער, וועלכער לאַכט, ווען מען בעוויזט איהם אַ פינגער, האָט פערדעקט דאָס מויל מיט דער האַנד און שטיקט איין זיך דעם געלעכטער. מען

וויס, אז יעצט וועט זיין א גאנצער „טריאַטער“. נור פישעל אַליין זיצט נאָך אין דער פריערדיגער פּאָזע, פּיפּט זיין ליעדעל און קוקט זיך נישט אום. ער איז א מאָל געווען א כאָריסט אין אידישען טעאַטער און האַלט זיך פאר א מבין אויף אקטיאָרסקע „שטיק“. איהם שטעהט נישט אָן צו לאַכען און נתפעל צו ווערען פון „קאַלאַ־טירעס“ ברעכען זיך.

„און איך זאָג, אז דו דארפסט נישט,“ זאָגט נחום פערטראַ־גען און קוקט אריין מיט איין אנגעקנויטשטער שטערן אין א חשבון, וועלכער ליעגט פאר איהם אויפ׳ן טיש. „וועסט זיך שבת בעגעהן אָהן געלד אויך... ווייניגער עברות טון.“

„ווייניגער ארומשלעפען זיך מיט מאַשקען,“ לעגט צו הלל די לאַנגע נאָז.

„קע־קע־קע ! “ קלאַפּט אוים יאַשקע און פערשווינדט אין מאַ־שינענצימער.

„ס׳איז שוין מיין זאַך,“ ענטפערט דער יונגער ארבייטער מיט כעס און שמייכעלט, „איהר וועט פאר מיינע עברות נישט ליידען. איך דארף — מאַשקע בעט ! “

„נישטאָ, נישטאָ קיין געלד,“ ענטפערט נחום און קוקט אריין אין חשבון. „געה דיר געזונטערהייט. זונטאג זעה נור, למען השם, וואָס פריער קומען, מאַכסט דיר עפּעס צו לאַנגע שבתים...“

„און מיר וועט איהר עפּעס געבען ? “ מישט זיך אריין חיים „דראָנגיילע“, א זעהר הויכער און שמאַלער ארבייטער, פון א יאָהר פינף און דרייסיג, וועלכער שטעהט אָנגעשפּארט אויפ׳ן וואַנטעל.

„זאָל ער דאָס האָבען, וואָס ער וועט אונז אַלעמען געבען,“ מורמעלט פישעל פון פענסטער, ווי פאר זיך, נישט אָבברייסענדיג דעם בליק פון הויף.

נחום האַלט נישט אוים די ראָליע און צולאַכט זיך.

די ארבייטער האָבען זיך גלייך דערמאָנט, וואו זיי זיינען אין דער וועלט, און דערפיהלט דאָס אונאנגענעמע געפיהל, וואָס האָט זיי פריער געררייצט.

„עס ווערט שוין פינסטער, וואָס קומט ער נאָך נישט?“ פרעגט משה דער גלעזער אונגעדולדיג.

„ער איז געגאַנגען געלד מאַכען, טריקענט ער יעצט די פּאַ־פּיערלעך,“ וויצעלט פּייוועל.

„געהט אַ נור צו צו ריבציען אין שיינק, אויב איהר געפינט איהם נישט דאָרטין,“ זאָגט נחום.

„אַז וואָלט געוועזען אַ רעכטע חברה, וואָלט'ען געדאַרפט געהן מקל'ן איהם,“ זאָגט פישעל מיט פעראכטונג, אלץ נאָך קוקענ־דיג אין פענסטער.

„קום, נו!“ זאָגט נחום.

„ברעך זיך, ברעך זיך, קאַלאַטירע!“ איראָניזירט פישעל.

„מיט דיר איז גוט דעם אויוועז צו פערשטאָפּען.“

„אַ פּטשיק!“ ניעסט אוים נחום.

פישעל העבט אָן ווייטער צו פייפען.

עס ווערט אַ ווײַלע שטיל.

„אַה, זאָל ער דאָרטין...“ ברומט ארוים הלל די לאַנגע נאָז.

„וועט איהר מיר שוין געבען געלד?“ פרעגט ווייטער חיים „דראַנגיילע“ נחום'ען.

„דו אויך?“ ענטפערט איהם נחום מיט רוגזה. „וויפיעל קומט דיר?“

„שוין פאַר צוויי וואָכען.“

„דרעה נישט קיין קאָפּ! היינטיגע וואָך נאָך האָסטו ביי מיר גענומען געלט.“

„איך האָב ביי אייך היינטיגע וואָך אַ קאָפּיקע נישט גע־נומען.“

„וואָס זאָגט מען צו איהם, האַ?“ שרייט אוים נחום, פער־גלאָצט די אויגען און פערלעגט די הענד אויפ'ן בויך. „איך האָב איהם אליין געגעבען מאָנטאג, אָדער מיטוואָך, אָדער דאָנערסטאג, אָדער פריי... פריי... איך האָב איהם אליין געגעבען!...“

אלע צולעגען זיך פאַר געלעכטער. דאָס מאָל האָט איהם הפּנים גוט געלונגען נאָכצומאַכען דעם בעל־הבית, ווייל דער „מבין“

פון פענסטער האָט א וואָרף געטאָן אויף איהם א בליק און אויך צושמייכעלט זיך. נחום אליין שטארקט זיך נישט א שמייכעל צו טון.

„אָבער מיר?“ זאָגט איין אַנדער אַרבייטער פון ווענטעל.

„א נו, קומט דער פרייטאג, איז נישט איבערצוטראָגען!“ שפּרינגט אויף נחום.

„זאָל שוין זיין א מאָל געלט, בעל־הבית,“ זאָגען אייניגע אויף א מאָל.

„היינט איז ניטאָ קיין געלט, בנאמנות, קוילעט מיך פאר א קאָפּיקע,“ ענטפערט זיי נחום מיט איין אומעטיגען קול, מיט א געבעט.

„היינט איז נישטאָ, פאר אַכטטאָגען איז אויך נישט גע־ווען!“

„נו, וואָס קאָן מען מאַכען? וואָס זאָל איך טון? עס איז ניטאָ, איז ניטאָ.“

„א שיינער תירוץ!“

„מע גיט מיר נישט, גיב איך אייך נישט.“

נור די ארבייטער האָבען שוין געשפּיעלט דאָס „טריאטער“ אָהן חשק. עס איז אַלץ פינסטערער געוואָרען דרויסען און אין דער אייגענער צייט זיינען חשך'דיגער געוואָרען די אַרבייטערס פּנים'ער. עס איז זיי אַלץ אומעטיגער און אומעטיגער געוואָרען, און זיי האָ־בען נישט אויפגעהערט צו וואַרפען בליקען אין הויף אַריין פאר אונגעדולד.

„ער וואָלט שוין געקאָנט זיין א רעכטער מייסטער,“ זאָגט משה דער געלער גענעצענדיג און מאַכט מיט'ן קאָפּ אויף נחום'ען.

„אַזוי העלף מיר גאָט, ווי איך וואָלט קאָנען נישט צאָלען,“ וויצעלט נחום, און דער עולם צולאַכט זיך.

„אַנקעגען אונזער מייסטער איז ער נאָך א הונד,“ רופט זיך אָב פישעל פון פענסטער.

„איך רעד איהם דאָך נור נאָך, מבין מיינער!“ צוהיצט זיך נחום. „ווען איך בין אַליין מייסטער, וואָלט איהר געהערט פון

מיר אַנדערע דיבורים. וואָס ? געלט ?" צושרייט ער זיך פּלוצלינג, פערקוועטשט די ציין, גלאָצט די אויגען און כאַפּט פּיווולען פאַר'ן קאָלנער, „געלט ? !... אַרויס אין אַל די רוחות ! אָהן געלט ביזטו קראַנק צו אַרבייטען, אין דיין טאַטען אַריין ! ?"...

יאָשקע „קלאַפּט" אויף די הויכע טענער. דער איבריגער עולם שמייכעלט נור שוואַך. נחום קוקט זיך אַרום פערגניגט אויף די חברים. יאָשקע קוקט איהם אין מויל אַריין, נור דער עולם וואַרפט שוין ווייטער בליקען אין פענסטער. עס ווערט שטיל.

„אַ, נו ! " זיפצט אָב חיים „דראָנגיילע" אין אַ ווײַלע אַרום אונ־געדולדיג.

„איין אַרבייט !" כאַפּט אונטער מאיר מיט'ן זעלבען טאָן.

„מען האָט איהם דאָך פאָרט געדאַרפט אויפזוכען," זאָגט משה דער געלער.

„וואו זוכען ?" פרעגט פּיווועל פערדראָסיג.

„ביי ריבציען, זאָג איך אייך, הערט מיין וואָרט," זאָגט נחום.

„וואָלט איך איהם דאָרטין נור געפּאַקט," מיינט חיים, „וואָלט ער שוין געקראָגען ביי מיר געשעדיגט."

„גאָרנישט'ען זייט איהר אַלע !" זאָגט פישעל, קוקענדיג אין פענסטער, און דרעהט די נאָז.

„זיי דו די בריה, גיה דו, פּאַק איהם !" זאָגט איהם מאיר.

„עס וואָלט זיין אַ רעכטע חברה..."

„נו, גוט ! נו, קום !"

עי, באַבעס זייט איהר, באַבעס !" מאַכט יענער אַוועק מיט דער האַנד און קוקט זיך אפילו נישט אום.

„און דער גבור ריהרט זיך נישט פון אָרט," לאַכט נחום. „עה, חברה, קומט טאַקי, מיר וועלען איהם פּאַקען."

ער שפּרינגט אויף פון אָרט און העבט אָן צו פערשפּיעליען זיין רעקעל, נור פאַרביי דעם פענסטער איז פאַראיבער אַ שאָטען. נחום מיט די אַנדערע אַרבייטער שפּרינגען אַרויס פון הינטער דעם ווענ־טעל. מען צושטעלט זיך מיט אָנגעקנויטשטע שטערן און מען קוקט אויף די טיר.

„ייבא המן,“ זינגט עמיץ אוים. יאָשקע דריקט זיך דאָס מויל.

עס איז אריין בערגשולד, א הויכער דיקער איד פון א יאָהר פופציג מיט א ברייטען שיוליכען באָרד. מיט דעם געבלויזטען עמד און מיט דעם קאפעליוש אויפ'ן קאָפּף איז ער שוין א היינט־וועלטיגער, נור מיט די דינע פאות'לעך, וואָס ליעגען פערדרעהט נעבען די אויערן, מיט'ן לאנגען ראָק און מיט די הויזען אין די שטי־פעל איז ער נאָך א חסיד. איין ארבייטער, וועלכער איז בעקאַנט מיט די נעמען פון שמר'ס מעשות, האָט איהם א נאָמען געגעבען „האלב מענש, האלב אפּפע“.

„נישטאָ נאָך מענדעל?“ האָט ער געפרעגט, בלייבענדיג שטעהן אין דערשטיר.

„והילד איננו,“ ענטפערט נחום.

יאָשקע דריקט נאָך שטארקער די האנד צום מויל.

„איז דאָך שלעכט!...“ זינגט אוים בערגשולד, נעמט זיך פאַר'ן באָרד און קוקט צו דער פאדלאגע. „וואָס טוט מען, קינדער־לעך, עס איז דאָך ווייטער קיין געלט נישטאָ?...“

„איך האָב זיי דאָ א פריער געזאָגט,“ זאָגט נחום, און יאָשקע העבט אָן צו קלאפּען. נור די איבריגע זיינען שטארק אָנגערוקט.

„א שיינער תכלית איז עס,“ זאָגט חיים ברגז'דיג.

„איז וואָס קאָן איך טון? איך בין געגוג ארומגעלאָפען,“ ענטפערט בערגשולד און מאכט פערצווייפעלט מיט די הענד. „עס איז שוין שפּעט, אז נישט וואָלט מען געוואַרט אויף מענדלען. מענ־דעל דארף געווים ברייגגען געלט.“

„נו, א ודאי, וואָס האָב איך איך געזאָגט?“ וויצעלט נחום.

„ווער שטום א מאָל!“ שרייט אוים פישעל מיט כעס. „קא־לאטירע!“

„טאַקי ווער שטום א מאָל!“ בייזערן זיך איינינגע מיט א מאָל אויף נחום'ען.

„מען זאָל אַרבייטען און אַ קאָפּיקע נישט זעהן,“ מורמעלט פּישעל.

„ווי הייסט אַ קאָפּיקע נישט זעהן? דיר קומט עפּיס אַ סך?“ כאַפּט זיך אָן דער בעל הבית מיט פערדרוס.

„איך אַרבייט די וואָך, דאַרף איך דאָס געלד,“ זאָגט פּישעל מיט הארץ.

„נו, וואָס קען מען העלפען? עס איז אזא וואָך געוועזען,“ ענטפערט בערגשולד און נעמט זיך פאַר די שליסעלעך.

„איז וואָס וועט זיין? גיט כאָטש עפּיס געלט,“ רעדען עטליכע מיט אַ מאָל.

„וואָס? געלט? אַרויס אין אַל די רוחות!...“ חזרט איבער נחום מיט איין איינגעהאַלטענער שטימע. „אָבער מיר, רב אברהם, וואָלט איהר טאַקי געגעבען עפּיס געלט,“ ווענדט ער זיך צום בעל־הבית.

„נו, נו, מאַך זיך נישט נאַריש, קאַלאַטירע,“ שמייכעלט בערג־שולד גוטהאַרציג. „געהט, געהט, מען דאַרף שוין פערשליעסען די טיר, שוין שפּעט,“ זאָגט ער האַרציג־ווייך. „איהר וועט שוין זונ־טאַג געוויס בעקומען אייער געלט.“

די אַרבייטער בעוועגען זיך פויל, שטעלען איבער די פיס און ריהרען זיך נישט פון אָרט. משה דער גלעזער מאַכט אַ טריט צו דער טיר, דרעהט זיך צוריק אום און בורציעט.

„עס איז אַ גוטער פּלאַן, בנאמנות. כאָטש נעם און מאַך נישט דאָס אנדער מאָל קיין שבת.“

„אז איך זאָג: זונטאָג — איז זונטאָג“, פערזיכערט בערגשולד און עפענט די טיר. „נו, געהט, געהט, ביי לייטען בענשט מען שוין ליכט. וואָס איך האָב מיך אָנגעלאָפען אַ ביסעל.“

די אַרבייטער העבען אָן אָהן חשק אַרויסצוגעהן פון טיר.

„אַ רררררוחחח!...“ שעלטען אייניגע מיט כעס אויף יענער זייט טיר.

„בגפו יבא בגפו יצא,“ זינגט אויס נחום.

„אין אַל די שווארצע יאָהר אזא אַרבייט!“ בורציעט הלל.

„אַלע פרייטאג איינע דיבורים,“ זאָגט יאָשקע און קוקט אויף די עלטערע, צו זאָגט ער נישט אמת.

בערגשולד איילט אוועקצוגעהן און לאָזט איבער די ארבייטער נאָך אין הויף.

„מען האָט איהם געדארפט מקל'ען,“ זאָגט נחום.

„אָנרייבען א מאָרדע,“ כאַפּט אונטער פייוועל.

„ער זאָל נישט וויסען, פון וואנען ער איז געקומען,“ שטעלט צו מאיר.

„ברררר, אויף מיין עהרענוואָרט,“ זאָגט חיים „דראָנגיילע“, רייבענדיג די פויסטען.

„באבעם ! “ קרימט זיך פישעל.

.1896

אראב דאס יאך.

אויפ'ן שטאָדטמארק צו דער בערזשע פון די טרעגער און וועגעלפיהרער איז האַסטיג צוגעגאַנגען מיט גרויסע טריט א הויכער, סוטולאוואטער, אלטער איד, אָנגעטאָן אין צופּיצעלטע קליידער און אַרומגעגאַרטעלט מיט א שטריק. זיין איינגעפאלען, איינגעקאָרטשעט געזיכט איז געוועזען רויט, דער אויסגעקרימטער רוקען האָט זיך ווי אויסגעגלייכט, אין זיינע אויסגעלאָשענע, טיעף איינגעפאַלענע אויגען האָט זיך בעוויזען א פייערל, און ער האָט שטאַרק געמאַכט מיט די הענד.

א גרויסע זאַך האָט ער יעצט אָבגעטאָן, זעהר א גרויסע! א זאַך, פון וועלכער עס דארפען קלינגען אַלע אויערן — אויף בילעטען צו געהן זעהן און הערען עס! זיינע חברים וועלען שטאַרק הנאה האָבען דערפון, און ער לויפט זיי דערצעהלען. אגב פיהלט ער, אז ער דארף יעצט רעדען, ער מוז יעצט רעדען. עפּיס דריקט איהם מאָרנע דאָס האַרץ און העבט איהם די צונג...

„גאָר!“ האָט ער אויסגעשריען צו א קופּקעלע טרעגער און וועגעלפיהרער, וועלכע האָבען איהם שוין פּערוואונדערט אָנגעקוקט. „גאָר, פּטור געוואָרען פון וועגעלע, אָבגע'גמר'ט! דעם סוואָלעטש אין שטוב אריינגעוואָרפען!... אין שטוב!... אוים!...“

און דאָס קופּקעלע האָט שוין געוואוסט, וועגען וואָס ער רעדט און וועמען ער מיינט, און אָנגעקוקט איהם מיט חשד־אויגען — גלויבען איהם צו נישט?

„ער האָט געמיינט אין ד'ר'אמת'ן,“ האָט דער אַלטער ווייטער גערעדט, ווי ער וואָלט זיך וועלען פערענטפערן, „ער האָט געמיינט אין ד'ר'אמת'ן, אז ער מאָג מיט מיר טון, וואָס ער וויל, אז ער האָט

מיך שוין אין גאַנצען אָבגעקויפט, אין גאַנצען, מיט מיין ווייב און קינד! ניטאָ, אוים!...“

„וואָס ביזטו דאָס מיט א מאָל קלוג געוואָרען?“ האָט איין אַל־טער טרעגער געזאָגט. „וואָס האָסטו דאָס לאַנג נישט גערעדט? פּרא אדם, געלאָזט זיך קריכען אויפ’ן קאָפּ!... פאַר וואָס? פאַר ווען? שוטה!...“

„אָט גאָר נישט! איך האָב געליטען, האָב איך געליטען. איז גאָר נישט... האָב איך!... ער האָט דאָך מיר פאָרט געקויפט דאָס וועגעלע. ווי זאָגט מען... א טובה! זאָל ער קאָמאַנדעווען... זאָל ער... א גרויסע זאך... איך בין צו אַלץ געוואוינט... די גרויסע סלוזשבע אויך געדיענט...אבער מיין חו’קען?!... א קריינק איהם אין די ביינער, א קריינק!... אוים!... זיי מיר נישט קיין פריץ!... אין זאַל האָב א־ך איהם דאָס וועגעלע אריינגעוואָרפען! נא, ווערג זיך מיט איהם!...“

„ווי אזוי קומט ער צו חו’קען?“ האָט א צווייטער געפרעגט.

„ווי אזוי? ווי הייסט, ווי אזוי, ווי הייסט? ער האָט געבעט־טען, איך זאָל איהם שיקען חו’קען... דאָס ווייב איז אויף דער דאַטשע, מיט דער דיענסט איז זי... האָט ער געבעטען חו’קען, האָט ער... זי זאָל זיין ביי איהם אין שטוב... זי זאָל איהם דיענען... נו, פאַר וואָס ניט, פאַר וואָס? איך האָב געמיינט, איין עהרליכער מאַן, א גביר מיט א נאָמען, א גוטער מאַן... ער האָט דאָך מיר פאָרט דאָס וועגעלע געקויפט... זאָל זי זיין ביי איהם... וועט זי פערדיענען אויף א קליידעל, אויף שיך... זאָל זי זיין ביי איהם... איז זי אוועקגעגאַנגען צו איהם... היינט פאַר טאָג איז זי געקומען צו לויפען, איז זי... אָהן א נשמה, בלייך ווי די וואַנט... ניט טויט, ניט לעבעדיג... ער איז געקראָכען צו איהר... זי האָט זיך אָבער אויפגעכאַפּט... ער האָט געבאָטען געלד... אין צורה האָט זי איהם געשפּייט... איין עהרליך קינד... האָט ער געוואָלט מיט געוואַלט... האָט זי זיך מיט איהם געשלאָגען... קולות געמאַכט... קוים אַרויס־געריסען זיך פון איהם... דאָס וועגעלע, האָט ער געזאָגט, וועט ער דערפאַר אָבנעמען ביי מיר... דאָס בלוט האָט אין מיר אָנגעהויבען צו זידען... איך האָב אָנגעהויבען ברענען, ווי א העליש פייער...

אויסער זיך בין איך געוואָרען, אויסער זיך... איך האָב געכאַפּט דאָס וועגעלע און געלאָזט זיך לויפען צו איהם... אין שטוב אריינ־געלאָפען... ער איז געוועזען אין זאל, בין איך אריין אין זאל... איך האָב אויפגעהויבען דאָס וועגעלע אין דער לופטען און א שליידער געטאָן אויף ד'ר'ערד... עס האָט זיך א טרייסעל געטאָן דאָס גאַנצע הויז... דאָס גאַנצע הויז האָט זיך א טרייסעל געטאָן... איך האָב אַ גרויסען שפּיי געטאָן, טפו!... אָנגעבראַקעט א פולע צורה און א קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר.“

ער האָט אויפגעהויבען און אראָבגעלאָזען מיט כח די הענד, צו בעווייזען, ווי ער האָט אויפגעהויבען און אראָבגעוואָרפען דאָס שווערע וועגעלע, ווי ער האָט א קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר. זיין געזיכט האָט געברענט, זיינע אויגען האָבען געפינקעלט, זיין הייז־ריגער קול איז הילכיגער געוואָרען. ער האָט געערדט מיט אַלע גליעדער.

דער עולם האָט זיך שטאַרק פערנאַנדערגעלאַכט. „אָט אַזוי ביזטו א מענש!“ — „וואָס גוט איז גוט!“ — „אָט דאָס איז מעשה מענש!“

„זעהסטו,“ האָט צו איהם געזאָגט דער אַלטער טרעגער, „דו וואָלסט אונז אָבער לאַנג געפאָלגט, שוטה!... זיעבען חדשים איין עבד נכנע געוועזען, פּרא אדם!... פערקויפט זיך פאַר פיער רו־בעליעס, משוגענע בריאה!...“

„אבי אוים!“ האָט ער געענטפערט, „אין זאל איהם אריינגע־וואָרפען דאָס וועגעלע... א שליידער געטאָן... אויפגעהויבען און א שליידער געטאָן... ער וועט מיך שוין גערדיינקען!... די שויבען האָ־בען געקלונגען, אַזאַ שליידער געטאָן!...“

און נאָך לאַנג האָט דער אַלטער געחזרט די ווערטער, אויפ־העבענדיג און אראָבלאָזענדיג די הענד מיט כח.

ער האָט אין זיך געפיהלט א משונה־שטאַרקען כח. עפּיס א כח, אז ער וואָלט קאָנען אויפהעבען דאָס וועגעלע הויך, הויך און א שליידער טון אויף דער ערד, אז עס זאָל איינפאַלען דאָס הויז און

בעגראָבען אונטער זיך דעם רייכען מעהלער, פון וועלכען ער איי זיך זעהר א סך אויסגעשטאַנען.

ער האָט אין זיך געפיהלט עפּיס א נייע נשמה. עפּיס יוי א נייע הויט וואָלט זיך אויף איהם אָנגעצויגען. עפּיס, ווי אין איינעם מיט דעם וועגעלע האָט ער פון זיך אראָבגעוואָרפען א שרעקליך שווערע משא, וועלכע האָט איהם גערריקט אַזא צייט און געזאָלט דערשטיקען זיין טאַכטער!...

גאַנצע זיעבען חדשים איז ער אָבגעוועזען א קנעכט ביי דעם רייכען מעהלער, האָט געראַרפּט שטעהן נור נעבען זיין קראָם, געהן נור אין זיינע שליחות, פאָלגען איהם אין פייער און וואסער.

יענער איז זיך בעגאַנגען מיט איהם ווי מיט א פערד, נור עפּיס פלעגט ער איהם אויפוואַרפען מיט דעם וועגעלע, וואָס ער האָט איהם חנוכה געשיינקט מיט דעם תנאי, אז ער זאָל שטעהן נעבען זיין קראָם...

די חברים האָבען פון איהם געלאַכט — פאר דאָס וועגעלע האָט ער זיין בכורה, זיין פרייהייט פערקויפט.... האָבען איהם גע־זידעלט, פערד, שוטה, בהמה גערופען....

שלעכטע זיינען זיי, פערגעסען א טובה...

ער טוט דאָס נישט. א וועגעלע איז פאָרט א וועגעלע... פיה־רען דאָס זעקעל מעהל איז פאָרט נישט טראָגען. די פּלייצע איז שוין צוגעשטאַנען — באלד שוין א זיעבציגער... נור יעצט... א כפרה זיינע, זאָל ער זיך ווערגען מיט זיין וועגעלע!

ער פיהלט אין זיך יעצט שמשון הגבור׳ס כח און איהם דוכט זיך, אז זיין פּלייצע איז ווייטער יונג געוואָרען און איז שטאַרק מסוגל צו משאות.

על כל פנים, ער האָט דאָך געלעבט אָהן דאָס וועגעלע אויך...

קלערט זיך, מיט א וועגעלע איז טאַקי בעסער, לייכטער. ווערסט מיד, בלייבסטו שטעהן, בלאָזסט פון זיך אָב, טריקענסט דיר אָב דעם שוויים און פיהלסט דיך טאַקי אָבגערוהט, דאַרפסט נישט בלייבען שטעהן מיט דער שווערער משא אויפ׳ן רוקען און קוים־קוים פיהלען א דערלייכטערונג. — איין אנדערם מאָל, און

טאַקי גאַנץ אָפּט, געפינט זיך אַ קלייענר ווייסער חברה׳ניק, וועלכער איז אַ בעלן אויף אונטערשטופּען, גלאַט אַזוי, פון פערגניגען און שקאַצעקעריי וועגען. היינט אַראָב אַ באַרג! יעמאָלט דאַרף מען גאָר וויסען, ווי איינצוהאַלטען, מען זאָל זיך נישט פערנאַנדער־יאָגען...

נור מילא... מאַלע וואָס גוט איז!.. אַ טרעגער איז ער געווע־זען און אַ טרעגער וועט ער שוין שטאַרבען. מסתמא אַזוי בע־שערט...

אָבער, ניין... ער פיהלט זיך געזונד, זעהר געזונד!...

פרייער און לעבעדיגער זיינען געוואָרען זיינע בעוועגונגען, בריי־טער דאָס האַרץ, גלייכער דער רוקען, און ער האָט נאָך לאַנג גע־חזרט, ווי ער האָט אַריינגעוואָרפען דאָס וועגעלע, און פרייער און לעבעדיגער האָט ער געוואָרפען מיט די הענד אַרויף און אַראָב...

און זיין עולם האָט געלאַכט, געלאַכט, געלאַכט. די בלייכע צורות האָבען זיך בעדעקט מיט רויטקייט, פון שטערן האָבען זיך געקייקעלט גראָבע טראָפּען שוויים. זיי האָבען שוין קיין כח נישט, זיי האַלטען זיך שוין פאַר די זייטען, נור אויפהערען קאָנען זיי נישט...

„חזרים יושען,“ האָט זיך אָבגערופען אַ שטאָדטישער נגיד, פאַרבייגעהענדיג. „וואָס פעהלט זיי די שלעפּער? זיי האָבען עפּים אַ סך קאָפּדרעהענים?...“

.1893

ביבליאטעק און לעזע־צימער פון אידיש
נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד
LIBRARY AND READING ROOM OF THE
Jewish National Workers' Alliance

דראבקין.

.1

דראבקין איז געוועזען א זעהר גוטער ארבייטער — א בייטעל־נייהער, א שם דבר אין דער גאנצער שטאָדט. מען האָט איהם געלויבט אין די אויגען און אונטער די אויגען, און ער האָט געוואוסט, וואָס ער איז ווערט און געהאלטען הויך דעם קאָפּף. איהם האָט זיך געדאכט, אז ער איז בעשאפען געוואָרען צו זאָגען דעם אמת די בעלי־בתים און נור עפּיס פלעגט ער זיי פאָרוואָרפען, אז זיי לעבען פון זיין שוויים און בלוט, אז זיי זיינען עקספּלאָאטאטאָרס, בלוטזויגער, מענשענפרעסער און אזוי ווייטער און אזוי ווייטער. דערפאר האָט ער זיך אויף קיין אָרט א סך נישט געהאלטען און אין א יאָהר איז ער ארומגעגאנגען מעהר לעדיג, אלס געארבייט.

די בעלי־בתים האָבען איהם בעדויערט. זיי פלעגען רעדען:

„א שד מיט נעגעל איז דאָס, קיין גוטער איד זאָל איהם נישט קענען!... אָבער גאָלדענע הענד האָט ער!“

„ווען נישט זיין משוגעת וואָלט ער דאָך אין גאָלד געגאנגען. א שפּאס אזא אַרבייטער, שרים אַרבייטען דאָך מיט זיינע הענד!“

דאָך האָבען זיי איהם נישט געקאָנט ליידען, אפילו ווי מורא געהאט פאר איהם. אַלע האָבען איהם שוין געקאָנט, ווי א בייזען שילינג און פון דעסטוועגען פלעגט מען איהם נעמען צו דער ארבייט, ווייל מען האָט אַלץ געקלערט, טאָמער איז ער בעסער, שטילער, רוהיגער געוואָרען. אויך איז א שאָד, אז הענד, וועלכע ארבייטען אוים אין צוועלף שעה וויפיעל איין אנדערער אין א מעת־לעת, זאָלען ארומגעהן לעדיג. נור אין א פּאָר טעג ארום פלעגט מען זיך מוזען מיט א קרעכץ מודה זיין, אז ער איז דערזעלבער עזות

פנים, ווי געווען, אז עס איז געפעהרליך צו האַלטען איהם אין א אידישער שטוב, ווייל ער קאָן נאָך קאַליע מאַכען די איבעריגע אר־בייטער. מען פלעגט איהם ווייזען די טיר.

ער פלעגט דערפון גאָר נישט נתפעל ווערען. ביי איהם איז דאָס שוין געווען א שפּיעלכעל. ער איז געווען זיכער, אז סוף כל סוף וועלען די בעלי־בתים צו איהם אָנקומען, ווייל זיי דארפען און מוזען איהם האָבען, ווייל „מיט זיינע הענד ארבייטען שדים“. ער פלעגט נור איראָניש שמייכלען און דורכשטעכען די בעלי־בתים מיט א קוק, פאר וועלכען זיי האָבען פשוט געציטערט.

„וואָס, עס געפעלט אייך נישט מיין ליעדעל?“ פלעגט ער זאָ־גען. „פאר'ן אמת שלאָגט מען, האַ? עקספּלאָאַטאַטאָרעס, בלוט־זויגער!“

„דיך דארף מען פערזעצען אָדער אין אסטראָג, אָדער אין דולהויז,“ פלעגט ער בעקומען איין ענטפער, „דו ביזט פשוט א גע־פעהרליכער מענש! ביזט א משוגענער הונד!...“

„אַ, אוהום, טאַ־טאַ!“ פלעגט ער צוברומען מיט פערגניגען. „אָבער ווי געפעלט אייך מיין ארבייט? איך ארבייט געשווינד, האַ?“

דאָס האָט געשטאָכען די בעלי־בתים!

„אָבדארען זאָלען דיר דיינע הענד!“ איז געווען זייער ענט־פער. „וואָלסטו אזא מענש געווען, סאר איין ארבייטער דו ביזט, וואָלסט דו דאָך אין גאָלד געגאַנגען...“

„ביי אייך אין גאָלד געהן!!“ פלעגט ער זיך פּלוצלינג אָנכאַ־פּען פאר דאָס זייניגע. „פון פיערצעהנ'שעה'דיגער ארבייט מיט דעם געהאַלט, וואָס איהר גיט, וועל איך דאָך באַלד בעוואַקסען ווע־רען מיט גראָז! עקספּלאָאַטאַטאָרעס, בלוטזויגער, מענשענפרע־סער!...“

„ער איז שוין ווייטער דאָ!“ רייסט מען איהם איבער. „מארש, שלעפּ דיך! געה, שריי עס אויפ'ן גאַס!“

„אַ, אוהום, טאָ־מאָ!“ ברומט ער שוין ווייטער. „אייך גע־פעלט ניט! ווארט, ווארט!...“

ביי די לעצטע ווערטער פלעגט ער נאָך א מאַך טון דראָהענדיג מיט׳ן פינגער. אויף וואָס האָבען זיי צו וואַרטען, האָט ער אליין נישט געוואוסט, נור ער האָט געפיהלט, אז עפּים וועט אזוינס געשעהן, וואָס וועט פערגעהן די בעלי־בתים שאַרף אין נאָז.

מיט נצחון פלעגט ער אוועקגעהן פון די בעלי־בתים; פון זיינע אויגען האָט ארויסגעשיינט א פרייד, גלייך ער וואָלט יעצט א גוטע זאַך אויסגעפיהרט, און מיט זיין קוק פלעגט ער דורכשטעכען אלע הויכע בייכיגע אידען, וועלכע ער האָט בעגעגענט אין גאַס און גערעכענט פאר בעלי־בתים. און אין קאָפּ האָבען זיך איהם ארומגעדרעהט נאָך שאַרפזיניגערע דיבורים, וועלכע ער האָט געדאַרפט פיהרען און וועלכע ער וועט שוין איין אַנדערס מאָל זיכער פיהרען מיט די „עקספּלאָאטאַטאָרעס“, מיט די „בלוטזויגער“, „מענשענפרעסער“. און ער האָט זיך געזעהן ארומגערינגעלט פון ארבייטער, וועלכע העבען צו איהם זייערע אויגען, ווי צו זייער בעשיצער און בעהיטער. ער האָט זיך געפיהלט שטאַרק און ברייט אין דער דעה און איז געווען זעהר צופריעדען....

„אוים כלה ווייטער א מויד!“ האָט ער געזאָגט מיט א געלעכטער צו דער בעל־הבית׳טע פון זיין דירה, צו דער אלטינקער דינה, ארייגגעהענדיג אין שטוב.

יענע האָט איהם אַנגעקוקט פערוואונדערט — „פון וועלכער תליה האָט ער זיך דאָס אבגעריסען אין מיטען העלען טאָג.“

„ווייטער ארויסגעטריעבען?“ האָט די אלטינקע אויסגעשריען, קוקענדיג אויף איהם מיט פעראכטונג. „נישט געדאכט זאָלט איהר ווערען, סאַר א מענש איהר זייט!“

זי האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך שוין פון איהם מיאש געווען, אז ער איז א „לא יוצלח“ געווען און א „לא יוצלח“ וועט ער שוין בלייבען, געקוקט אָן א זייט און פערקרימט דאָס מויל. די קנויטשען אויף איהר געלען פארמיטענעם פנים זיינען נאָך טיעפער געוואָרען.

„איך האָב זיי אוועקגעגעבען א גאָב!“ האָט ער געלאַכט און זיינע אויגען האָבען געפינקעלט.

„גליקליך, ווי די ראבע קאַץ!“ האָט איהם די אַלטע מיט שפּאָס געענטפערט. „זיי זיינען טאקי שטארק נתפּעל געוואָרען, זעהט אַקאָרשט!“

„אַזעלכע עקספּלאָאטאטאָרעס, בלוטזויגער, מענשענפרעסער, די וועלט איז זיי גאָר קנאַפּ!“ האָט ער זיך גערעדט זיינס. „קוקען זיי אין די ציין, וואָס? זיי וועלען זיך בענוצען מיט אונזער שוויים און בלוט און מען זאָל זיי נאָך שווייגען?! פּע, אַ האָר אויך נישט! איך האָב פיינד צו שווייגען! אַזעלכע עקספּלאָאטאטאָרעס, בייטעל־שניידער! איך האָב פיינד צו שווייגען!...“

„פּש, אַ גרויסער קאָזיק!“ מאַכט חוזק די אַלטע. „אָבער וואָס האָט איהר אויסגעפיהרט? האָט מען א י י ך ארויסגעטריבען! פּלאַטאַטאָרעס — פּאַטאָרעס!...“

זי איז געוועזען בייז אויף דאָס שווערע אונפערשטענדליכע וואָרט. עס האָט זיך איהר געדאַכט, אז ווען נישט דאָס וואָרט, וואָלט דראַבקין צו קיין צרה נישט געקומען.

זי האָט שוין געוואָלט אויסשפּייען און אַוועקגעהן פון איהם. נור דראַבקין האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן איהרע ווערטער.

„ארויסגעטריעבען? אָי, אָי, כאַפּט זשע נישט! מען טרייבט מיך נישט אזוי גיך!“

„אַ גרויל!“ האָט זי זיך געקרימט. „איך וואָלט אייך אויפ׳ן שוועל נישט ארויפגעלאָזען!“

„זעהט איהר דאָך, און ז י י לאָזען מיך!“ האָט ער זיך גע־גרויסט.

„פראַים!“ האָט זי מיט עקעל ארויסגערעדט.

„אהא!“ האָט ער געענטפערט מיט נצחון.

נאָך דעם „אהא“ האָט שוין די אַלטיטשקע טאקי מעהר נישט גערעדט. זי האָט מיט פעראַכטונג אויסגעשפּיגען, פעררוקט דאָס טיכעל אויפ׳ן קאָפּ און אוועקגעגאַנגען פון איהם.

„פּלאַטאַטאָרעס, פּאַטאָרעס...“ האָט זי געחזרט פאר זיך דאָס שרעקליכע וואָרט, ברוגז׳דיג...

.2

אַנדערס האָט אויף איהם געקוקט חאַשקע, דער אַלטינקערס טאָכטער.

אז זי איז געקומען ביי דער נאַכט פון איהר אַרבייט — זי איז געווען א מאָדיסטין — האָט די מוטער בעגעגענט זי מיט די ווערטער:

„ער זיצט שוין ווייטער אויף דער פליישיגער באַנק.“

דערביי האָט זי א מאַך געטאָן מיט׳ן קאָפּ אויף דראַבקינ׳ס צימער.

„נו, איז וואָס?“ האָט די טאָכטער געפרעגט, אראָבנעמענדיג פון זיך דעם מאַנטעל.

די אַלטע איז געבליעבען אָבהענגדיג פון דער טאָכטערס ענט־פער און נישט געוואוסט, צו דאַרף זי דערויף ענטפּערען, צו נישט. זי האָט זיך געוואונדערט, וואָס די טאָכטער ווערט גאָר נישט נתפּעל.

אין דער מינוט איז דראַבקין ארויס פון זיין צימער.

„ווייטער א היימיגער!“ האָט ער לוסטיג געשמייכעלט.

„וואָס איז ביי אייך היינט פאָרגעקומען?“ האָט איהם חאַשקע געפרעגט.

„וואָס איז פאָרגעקומען? וואָס זאָל פאָרקומען? עס איז פאָר־געקומען! זיי זיינען בלוטזויגערס, עקספּלאָאַטאַטאָרעס און מעהר גאָר נישט!“ האָט ער זיך געהיצט.

„פּלאָטאַטאָרעס!...“ האָט די אַלטע מיט חזק איבערגעריסען.

„פאַר וואָס פאָרט זייט איהר היינט ארויסגעשפּרונגען?“ האָט חאַשקע געפרעגט, דורכלאָזענדיג דער מאַמעס איראָניע.

„פאַר וואָס? פאַר דאָס!“ האָט ער געשריען. „פאַר וואָס! איך קען ניט צוזעהן, וואָס עס טוט זיך. דאָס איז אונמענשליך, דאָס איז מערדעריש! אפרים דאַרף אַרבייטען אין אָבענד ביז נייען א זייגער און ער אַרבייט ביז האַלב עלף; אז ער איז היינט אין דער

פריה געקומען האַלב אַכט, נישט זיעבען, איז מען אויף איהם אָנגע־פאַלען, ווי אויף א משוגענעם הונד..."

„איז דאָס נישט זיין באָבעס דאגה?" האָט איהם די אַלטינקע איבערגעריסען.

„איך קאָן נישט ליידען, איך קאָן נישט שווייגען! האָב איך זיי פערגעבען!..."

„פּש... זייער העמד איז גאָר געוואָרען לייוואַנד!"

נור חאַשקע וואַרפט א בייזען בליק אויף דער מוטער.

„זאָל מען זיי דען שווייגען?" פרעגט זי מיט פעראַכטונג.

„זאָל א פ ר י ם שרייען! וואָס דאַרף ער שרייען?" האָט די אַלטינקע געענטפערט.

„און אז אפרים איז א לעמעלע? און אז אפרים לאָזט זיך קריכען אויפ'ן קאָפּ?" איז דראַבקין אויפגעשפּרונגען און דאָס גע־זיכט האָט זיך אויף איהם אָנגעצונדען.

חאַשקע האָט איראָניש און מיט נצחון געקוקט אויף דער מוטער.

„טאָ זאָל ער ליעגען אין ד'ר'ערד, זאָל ער פוילען, אז ער איז א נאַר!" האָט די אַלטע געזאָגט.

„איך קאָן נישט שווייגען! איך קאָן עס נישט צוזעהן!" האָט דראַבקין גערעדט מיט א טאָן נידריגער.

„טאָ ליעגט איהר אין ד'ר'ערד, פוילט איהר, אז איהר זייט אזא נאַר!"

„שעלטען זיך דאַרף מען אָבער נישט," האָט די טאָכטער ברוגז'דיג איבערגעריסען.

„טפוי, דו ביזט דאָך נישט בעסער פאַר איהם."

„דיר געפעלט נישט?"

נור דראַבקין דערלאָזט נישט, עס זאָל דערגעהן צו א קריעג.

„איך קאָן נישט שווייגען..."

ער האָט זיך צורעדט, צושריען. ערשטענס איז אפרים טאַקי גלאַט א לעמעלע; מען מאָג מיט איהם טון, וואָס מען וויל, און ער וועט שווייגען. און צווייטענס איז ער טאַקי נישט קיין שטאַר־

קער ארבייטער און אז כ'ען זאָל איהם אָבזאָגען פון איין אָרט, וועט ער א צווייטען ניט אזוי גיך קריגען, האָט ער פּשוט טאָקי מורא אָבצוזאָגען. אָבער ער! ער קאָן עס נישט צוזעהן. ער האָט דאָך פאר זיי ווייניג וואָס מורא צו האָבען, ער לאַכט פון זיי אויס. אזעלכע עקספּלאָאַטאַטאָרעס, בלוטזויגערס! ווענינ איז זיי, אלץ ווענינ...

און חאשקע האָט אויף איהם געקוקט מיט אויגען פול מיט ליעבע, געגעבען איהם גערעכט און איבערגעלעבט און איבערגע־פיהלט דאָס זעלבע, וואָס ער.

די אַלטינקע דינה האָט געשאָקעלט איראָניש מיט'ן קאָפּ.

„צוויי משוגעים! איינער ניט בעסער פאר דעם אַנדערן!...“

.3

אויף דראבקינען מיט חאשקען האָט מען געקוקט, ווי אויף חתן־כלה. „א ליובקע,“ האָט מען געלאַכט. עס האָט געקלונגען, אָבער קיין חאָנע איז עס נישט געוועזען.

דראבקין איז געוועזען א שיינער יונג. פון מיטעלען וואוקס, מיט ברייטע פּלייצעס, א ווייס, קיילעכדיג געזיכט, וואָס איז געוועזען ארומגעראמט מיט א בלאָנדען בערדעל; א מיטעלמעסיג מויל מיט דינע בלוט־רויטע ליפּען, אויף וועלכע עס זיינען געלעגען גע־דיכטע וואָנצען, א „געשניצטע“ נאָז, א הויכע, ברייטע שטערן און א קיילעכדיגער קאָפּ מיט לאַנגע געדיכטע טונקעל־בלאָנדע האָר. די טונקעל־גרויע אויגען האָבען איהם שטענדיג געפינקעלט. מיידלעך פלעגען זיך פערקוקען אויף איהם, געוואונשען זיך האָבען איהם פאר א חתן. נור ער האָט אויף מיידלעך נישט געקוקט. ער האָט זיך מיט זיי נישט געקאָנט און נישט געפיהרט. ער איז שטענדיג פערנומען געוועזען מיט זיינע „עקספּלאָאַטאַטאָרעס“; ער האָט אפילו נישט בעמערקט, מיט וואָס פאר אויגען חאַשקע קוקט אויף איהם. מיט חאַשקען האָט ער ליעב געהאַט צו רעדען, ווייל זי האָט איהם מיטגעפיהלט. זי האָט איהם פערשטאַנען, גערעכט געגעבען. מיט איהר וואָלט איהם נישט נמאס געוואָרען צו רעדען און רעדען,

אָהן אַיין אויפהער. ער האָט נור נישט געטראַכט חתונה צו האָבען. —

חאַשקע איז אויך געוועזען א שיין מיידעל.

„אַז מיין חאַשקע,“ האָט גערעדט די אַלטע, „זאָל זיך אָנטון אין לייטישע קליידער, וואָלט מען זיך אין איהר פּנים נישט געקאָנט איינקוקען, ווי אין דער זון.“ זי האָט אַ ביסעל איבערגעטריעבען, ווי אַ מוטער, אבער גאָר אַ ליגען האָט זי אויך נישט געזאָגט. חאַשקע איז געוועזען א ביסעל נידעריגער פאר דראבקינ'ען; מאָגער מיט איינגעצויגענע באַקען און א פלאַכער ברוסט. נור זי האָט געהאַט אַ זעהר עדעלע גלייכע טאַליע, א קליין שיין מויל מיט פיינע ליפּען, אַ גלייכע נאָז, קליינע אויערען און אַ שיינע שטערן, נור גאָר שיין זיינען געוועזען די לאַנגע שווארצע האָר מיט די בלויע אויגען.

ווען זי וואָלט געהאַט נדן, וואָלט מען זי שוין לאַנג אויסגעכאַפּט, נור זי האָט אַפילו קיין רעכט קליידעל נישט געהאַט, האָבען זיך בחורים אַרום איהר „גלאַט אַזוי“ ארומגעדרעהט, געזאָגט קאָמפּלימענטען, אויף וועלכע זי פלעגט אפילו מיט א שמייכעל נישט ענטפערען, געטשעפּעט זי מיט די הענד, וועלכע זיי פלעגען מיט בזיונות צוכאַפּען צוריק. זי האָט געקראָגען א נאָמען פון א „נישט ריהר מיך אָן“ און מען האָט גערעכענט, אַז שולדיג אין דעם איז איהר „ליובקע“ צו דראבקינען. —

און זי האָט איהם טאַקי געליעבט. אָבער איהר האָט זיך גערוכט, אַז דראבקין וועט קיינמאָל נישט חתונה האָבען. „ער האַלט גאָר ניט דערפון.“ ער האָט זי קיינמאָל מיט קיין וואָרט נישט בעליידיגט, ווער רעדט שוין מיט אַ האַנד. ער האָט מיט איהר שטענדיג נור וועגען „זיינע זאַכען“ גערעדט, וועגען יושר און נישט יושר, געזוכט דעם אמת ביי לייטען און נישט געפונען איהם. ער פלעגט שפּריצען מיט פייער, קלאַפּען אין טיש, לויפען איבער'ן צימער. „ניין, ער וועט נישט, ער דאַרף נישט און טאָר נישט חתונה האָבען!“

און ווען יאַ?... אַך, ווי זיי וואָלטען געלעבט! זי וואָלט געאַרבייט, א סך געאַרבייט, פאַר צווייען געאַרבייט... און ער פּער־

דיענט דאָך אויך. נור זי וואָלט איהם אין גאָר נישט געשטערט, אין גאָר נישט! זאָל ער בלייבען, ווי ער איז. דאָך אַ טייערער נפש!...
אַך, רבונו של עולם, ווי זיי וואָלטען געלעבט!...

אָבער ניין דאָך! באַלד וועלען קומען קינדער... זי וועט נישט ארבייטען... די מאַמע...

„גאָט, גאָט, פאר וואָס שטראָפסטו אזוי דעם אָרימאַן!“ ניין, ער טאָר נישט, ער טאָר נישט חתונה האָבען... אָבער... ווי זיי וואָלטען געלעבט, ווי זיי וואָלטען געלעבט!...

און זי האָט בעהאַלטען פון איהם איהרע געפיהלען. איהר איז דאָס אָנגעקומען שווער. אָ, וואָלט זי איהם אַרומגעאַפּען, און דריקען איהם צו זיך שטאַרק, שטאַרק, אריינדריקען אין איהם איהר נשמה, ווערען מיט איהם איין גוף... אָטעם פלעגט איהר פערפעהלען, אין די אויגען דרעהען און אין די שלייפען קלאַפּען, ווי מיט האַמערס. זי איז קוים איינגעזעסען נעבען איהם. ער זאָל נור נישט דער־קענען, וואָס אין איהר קומט פאָר. און אז ער וועט יאָ דערקענען?...

און אז ער וועט יאָ דערקענען און וועט זי ארומנעמען, און האַלזען, און קוסען, און גלעטען, און דריקען!...

אַ מין זאָנדערבאַר זיס געפיהל געהט איהר איבער'ן לייב, אז עס שוידערט איהר.

ער שטעהט דאָך אזוי נאָהענט נעבען איהר. זי פיהלט דאָך כמעט זיין אָטעם. און זי האָט געקוקט אויף יעדע בעוועגונג זיינע, געלייענט אין זיינע אויגען, טאָמער...

נור זי האָט זיך אַליין פערשעמט פאר איהרע געדאַנקען. וואָס איהר קאָן זיך וועלען? וועגען וואָס זי קאָן גאָר טראַכטען, ווען ער רעדט וועגען אזעלכע וויכטיגע זאכען?

דאָס פאַסט עפּיס... פּע!...

.4

דראבקין אָבער האָט חתונה געהאַט. נישט אויף חאַש־זען, נור אויף אַ חיענקען, אַ מיידעל מיט פינף הונדערט רובעל נדן. — —

דאָס האָט מיט איהם געטראָפען נאָך אַ שרעקליכען כעס אויף אַלע בעלי־בתים פון דער גאַנצער וועלט. עס איז ביי איהם אריין אין אַ נצחון: ער מוז ווערען אליין אַ בעל הבית.

„אויסגע־עוקר׳ט זאָלען זיי ווערען מן השורש, די עקספּלאָ־אטאטאָרעס!“ האָט ער געשריען, אומלויפענדיג איבער׳ן שטוב. „קיין געדעכנים זאָל פון זיי נישט בלייבען, פון די בלוטזויגער! זאָל מען זיי געדיכט זייהען און שיטער זאָלען זיי אויפוואקסען, די מענשענפרעסער! גענוג, אוים! איך ווער אליין אַ בעל הבית!...“

ער איז ענטשוויגען געוואָרען און איז אַלץ אומגעלאָפען אי־בער׳ן שטוב: ער האָט עפּים אָבגעקלערט.

„אַ בעל הבית וועט ער ווערען!“ האָט זיך די אַלטע אריינגע־מישט מיט איהר איראָניע, „אַ בעל־הבאַנדזיע!...“

זי האָט זיך שטעכעדיג צולאכט. חאַשקע האָט אויף איהר אונרוהיג אַ קוק געטאָן.

„פאַר זיך, נור פאַר זיך!“ האָט ער געזאָגט פערטראַכטערהייט.

„הע, וועט פערזעצען די הויזען!“ האָט די אַלטע געלאַכט.

און חאַשקע האָט איבערגעטראָגען איהר אונרוהיגען בליק אויף דראַבקינען: זי האָט טאַקי באַלד פון אָנהעב אַ קלער געטאָן, מיט וואָס וועט ער מאַכען פאַר זיך.

„נישקשה! איך וועל קריגען געלד!“ האָט ער פערזיכערט. „איך קאָן קריגען שותפים צעהן פאַר איינעם. מען קען מיך, וואָס פאַר אַ בעל־מלאכה איך בין.“

„הלואי!“ האָט די אַלטע געענטפערט מיט ספקות. זי האָט איהם וועניג געגלויבט, נור ביי חאַשקען איז אראָב אַ משא פון האַר־צען. זי האָט געגלויבט, אז עס וועט איהם געראָטען צו געפינען אַ שותף. — —

נור ער האָט געפונען דאָס, וואָס ער האָט נישט געזוכט. ער האָט געפונען אַ כלה מיט נדן.

דאָס איז געוועזען, ווען ער האָט זיך מיאש געוועזען צו געפי־נען אַ שותף. ער האָט אויסגעגאָסען זיין ביטער האַרץ פאַר איין אַלטען בעקאַנטען.

„שאַ, איך האָב פאַר דיר אַ שותף,“ האָט אויסגעשריען דער אַלטער בעקאַנטער, „און אַ שותף אויף דיין גאַנצען לעבען.“

דראַבקין האָט איהם אָנגעקוקט קשה'דיג.

„ווילסט אַ שדוך טון מיט פינף הונדערט רובעל נדן?“

דראַבקינען האָט זיך עפּיס אין האַרצען אָבגעריסען. אַ שדוך טון! פינף הונדערט רובעל! פאַר די אויגען האָט זיך איהם פּלוצ־לינג בעוויזען חאַשקעס פיגור.

„ד אָ ר ט י ן ווייל מען דיך זעהר,“ האָט דער פריינד ווייטער גערעדט, „אַ מיידעל, אַ ליאַלקע! אַ בריה — איינע אין דער וועלט... שאַ, אויך אַ בייטעלנייהערין.“

דראַבקין האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט בעגרייפען, און חאַשקע האָט זיך איהם געדרעהט פאַר די אויגען...

„דאָרטין ווייל מען דיך זעהר,“ האָט דער פריינד געהאַלטען אין איין רעדען. „די כלה איז דאַכט מיר פערליעבט אין דיר, זי קען דיך פון לאַנג אָן, געאַרבייט דאַכט זיך מיט דיר. נו, ווילסט דו? זאָג, ווערט דאָס איינס און צוויי. איך וועל ביי דיר קיין שדכנות נישט בעטען, איך וועל מיר נאָר נעמען אונטערפיהרער. נו?“

„אַ שדוך?“ האָט דראַבקין געשטאַמעלט. „מיר ווילט זיך דאָס גאָר נים!...“

„וואָס, דו ווילסט גאָר נישט חתונה האָבען?“ האָט איהם יענער איבערגעריסען מיט שפּאָט. „דו ווילסט אוועק אין אַ מאָ־נאַסטיר? זיי קיין נאַר נישט און לאָז זיך רעדען! פינף הונדערט רובעל נדן און דו ווערסט אַ בעל־הבית, דאָס ווייב וועט דיר זיין איין אמת'ער עוזר. דרעה קיין קאָפּ נישט!... ווי איך בין אַ איד, אז דו וועסט ביי מיר מוזען חתונה האָבען מיט דער מיידעל!...“

דער פריינד האָט זיך שוין שטאַרק געהיצט. ער האָט אָנגערו־פען דעם מחותן — גרונם דעם גלעזער, די כלה — חיענקע, אַ מיי־דעל מיט גאָלד גליך, שיין, אז דראַבקין מאָג זיך ענטקעגען איהר בעהאַלטען אין הרובע, קלוג — שייכות קלוג? — בלעם! עהרליך, ווי גאָט האָט געבאָטען, אַ כשר קינד — „אויף מיר אַזא יאָהר!“...

דער פריינד האָט געאַרבייט מיט אַלע כוחות, גערעדט, גע־

שריען, געקוויטשעט, גערונערט, געברילט — און דראַבקין האָט לסוף געמוזט פערגעהן מיט איהם אין א שיינק און שטעלען משקה און נאָך די ערשטע דריי כוסות איז דער פריינד ענטלאָפען צום מחותן.

„וועסט מיר דאַנקען, כל־זמן דו וועסט לעבען!" האָט ער גע־זאָגט צום געזעגענען זיך.

בלייבענדיג אליין האָט ערשט דראַבקין דערפיהלט, אז דאָס איז פאַר איהם אייגענטליך א גליק. פינף הונדערט רובעל! ער — מיט פינף הונדערט רובעל! ער וועט דאָך וועלטען איבערקערען, ער — מיט פינף הונדערט רובעל!...

און די כלה קען ער טאַקי. דער פריינד האָט קיין סך ליגענס נישט אָנגעזאָגט. זי איז נישט קיין אַ־אַי־אַי, אבער אזעלכע מייד־לעך וואַלגערען זיך נישט אין די גאַסען. יאָ, ער דער־מאָנט זיך אויף איהר גוט. זי איז א ביסעל העכער פאַר חאַשקען, פולער, דאַכט זיך, א ביסעל... א בלאָנדינקע... א לעבעדיג שטיק דאַרף זי, דאַכט זיך, זיין... א פיינוכע, א ריהרעוודיגע בריאה...

פינף הונדערט רובעל! דאָס איז דאָך פאַר איהם... שייכות צו זאָגען!... פינף הונדערט רובעל... ער וועט דאָך... הם...

ער גערדיינקט נישט אַקוראַט, אָבער זי איז, דאַכט זיך, א זעהר גוטע אַרבייטערין. וואַרט, ביי וועמען האָט ער מיט איהר גע־אַרבייט?

ער האָט צוגעמאַכט די אויגען און געוואָלט זיך דערמאָנען. ביי אברהם בער'ן? ניין... ביי... ביי... צום שוואַרץ יאָהר, ביי וועמען האָט ער עס געאַרבייט מיט איהר! ניין, ער וועט זיך נישט דערמאָנען. אָבער דאָס גערדיינקט ער אַקוראַט, אז זי איז א גוטע בייטעלנייהערין. און גלאַט ביי איהם אין די הענד וועט זי שוין ווערען א גוטע אַרבייטערין.

חאַשקעס פיגור איז איהם אַלץ געשטאַנען פאַר די אויגען, און איהם האָט זיך געדאַכט, אז ער טראַכט וועגען דער חיענקען און זעהט זי. — —

אז חאשקע איז געקומען, האָט ער איהר גלייך דערצעהלט דעם פּאָרשלאַג און געפּרעגט ביי איהר איין עצה.

חאשקע איז בלייך און רויט געוואָרען.

„אָ, טוט מיר היינט וועה דער קאָפּ!“ האָט זי געזאָגט און איהר קול האָט געציטערט.

דראבקין האָט געגלויבט איהר קאָפּוועהטאָג, די מוטער אויך.

„מסתמא פערטשאדיעט זיך,“ האָט די אַלטע געמורמעלט. „זיי האָבען דאָרטין אַלץ מורא דערפּראָרען ווערען! א פּאַהיבעל גאָר אויף זיי... איך וועל ארויסנעמען דאָס הייסע וואַסער פון אויוועז, וועסטו אויסוואַשען דעם קאָפּ.“

דאָס האָט זי אויסגעגאָסען איהר האַרץ צו חאשקעס בעלי־בתים'ס קעפּף. און איהר האַרץ איז יעצט געוועזען שטאַרק פּער־ביטערט: זי האָט גערעכענט דראבקינען פּאַר חאשקעס חתן.

חאשקע האָט געשוויגען. דראבקין האָט אויף איהר געקוקט און געוואַרט אויף איין ענטפּער.

„איהר קענט אפשר די חיענקען?“ האָט ער ווייטער אָנגעהויבען. „זי דאַרף דאָכט זיך זיין א וואויל מיידעל.“

„וואָס קאָן איך וויסען? ווי עס ווייזט אויס, איז דאָס גאָר ניט קרום. פינף הונדערט רובעל און חיענקע, ווי איך קען זי, איז טאַקי א וואוילע מיידעל. זאָל זיין מיט מזל!“

ביי די לעצטע ווערטער האָט איהר קול דאָך געציטערט.

די אַלטע האָט נישט געפונען קיין שלעכטע ווערטער אויף קאַליע צו מאַכען דעם שדוך און איז שטאַרק ברוגז געוואָרען: אויף חיענקען מיט איהרע פינף הונדערט רובעל, אויף דראבקינען, אויף חאשקען, אויף זיך און אויף איהר גאַנץ אָרם לעבען. זי האָט זיך איינגעהאַלטען פון טרערען און אָנגעגרייט בעזונדערע טענות פאַר'ן רבונו של עולם.

און דראבקין האָט דערווייַלע אויסגעלעגט זיינע פּלענער. ער האָט גערעדט פרעהליך און נישט בעמערקט דעם ארומיגען שמערץ — — —

ער האָט עס בעמערקט אין א פּאָר טעג ארום, ווען ער איז גע־

קומען מיט אַ שמחה און געזאָגט, אַז מאָרגען איז ביי איהם תנאים. חאַשקע איז בלייך געוואָרען, געכאַפּט זיך פאַר די ברוסט און איז שיער נישט אומגעפאַלען. ער איז געבליעבען מיט אַ וואָרט אויף די ליפּען : ער האָט אַלץ פערשטאַנען.

„חאַשקע, וואָס איז מיט אייך ?“ האָט ער פאַר שרעק אויסגע־שריען, כאָטש ער האָט געוואוסט, וואָס מיט איהר איז. ער האָט איהר דערלאַנגט אַ גלאָז וואַסער.

די אַלטע האָט אַרום איהר ארומגעטאַנצט און דראַבקין איז געשטאַנען, ווי אַ דערשלאָגענער. איהם האָבען זיך אויך טרערען אָנגעשטעלט. ער האָט ערשט בעגריפען, פּאַר וואָס חאַשקע איז איהם געשטאַנען די לעצטע צייט פאַר די אויגען, ווען ער האָט גאָר גערעדט וועגען דער כלה. ער האָט זיך ערשט געכאַפּט, ווער עס פעהלט איהם.

און איהם האָט זיך פערוואָלט אַ וואָרף טון זיך צו חאַשקען, ארומנעמען זי, האַלזען זי, קוסען זי, שווערען איהר, אַז ער וועט נור מיט איהר חתונה האָבען...

ער איז ענטלאָפען צו זיך אין צימער גאַנץ פערלאָרען, בלייך, אויפגערעגט.

„וואָס איז ער משוגע געוואָרען ?“ האָט די אַלטע בייז ארוים־גערעדט.

און חאַשקע האָט זיך נאָך ביטערער פערנאַנדערגעוויינט און שטאַרקער געדריקט זיך די ברוסט. —

.5

— — —

מען האָט אָבגעלעגט די חתונה אויף אַ האַלב יאָהר, נור דאָס נדן־געלד האָט מען איהם גלייך ארויסגעגעבען אויף די הענד, ער זאָל גלייך איינפיהרען אַ ווערקשטאַט. אַלע האָבען איהם גע־וואוסט פאַר איין אָרענטליכען מאַן.

ער האָט געקויפט אַ מאַשין, שערען, מעסערס ; צוואַנגען היל־צערנע האָט ער אַליין געמאַכט און געזעצט זיך צו דער אַרבייט צו־

זאמען מיט דער כלה. די ווערקשטאט איז געווען, נאטירליך, אויף איהר נאָמען.

מען האָט איהם פערשאָטען מיט ארבייט.

אויף איהם האָט זיך אָנגעצויגען א נייע הויט. ער איז געוואָרען פרעהליכער, לעבעדיגער, פרישער. ער האָט זיך גענומען צו דער ארבייט מיט היץ, ער האָט זיך נישט געקאָנט אָנזעטיגען. עס האָט זיך געדאכט, אז ער האָט געוואָלט ארייננכאפען, וואָס מעהרער און מעהרער.

ער האָט געשפּירט אזוינס, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געשפּירט. ער האָט געלד! ער האָט געלד! ער איז אליין א בעל־הבית! אָפט פלעגט איהם אָנהעבען צו קיצלען און ער פלעגט גליק־ליך שמייכלען און פערנאנדערזינגען זיך. ער האָט זיך געפיהלט איבערגליקליך. ער האָט געמאַכט פּלענער — דער נדן וועט זיך פערגרעסערען, ער וועט האָבען א סך געלד, ער וועט וועלטען אי־בערקעהרען!...

„איך וועל זיי בעוויזען!“ פלעגט ער אויסשרייען מיט נצחון גלאַט אין דער וועלט אריין, שטעפּענדיג אויף דער מאשין, נייהענדיג אין דער צוואנג.

„וועמען?“ האָט די כלה געפרעגט, אז ער האָט עס שוין א מאָל צעהן איבערגע׳חזר׳ט.

„אלעמען!“ האָט ער געענטפערט. „זיי וועלען שוין ביי מיר זעהן!“

און ער האָט זיך צורעדט, ווי ער וועט „זיי בעוויזען“. —

איין וואָלקען נור איז געווען אויף זיין ליכטיגען הימעל: ער האָט געביינקט נאָך חאשקען. חאשקע האָט איהם געפעהלט.

ער פלעגט פערבלינצען, פערשצורען די אויגען, אָנפּעכענדיג א פּאָדים, און קוקען אויף דער כלה, נור געטראַכט האָט ער בשעת מעשה וועגען חאשקען: ער האָט זי פערגלייכט מיט דער כלה.

„וואָס קוקסטו אזוי אויף מיר?“ פרעגט איהם חיענקע מיט א שמייכעל.

נור ער ענטפערט נישט און פּעכט.

„האַסט מיך נישט געזעהן ? ווילסט זעהן, צי האָסטו דיך נישט גענאַרט ?" פרעגט זי איהם ווייטער. זי וואַרפט די אַרבייט און נעמט איהם אַרום האַלז.

נור ער שווייגט. ער שטעקט אַריין דעם אָנגעפּעכטען פּאָדים אין נאָדעל און העבט אָן נייהען. ער פיהלט, אז ד י איז איהם פרעמד, ד י קען ער גאָר נישט.

„ביזט ברוגז ?" פרעגט איהם ד י, לאָזט איהם אָב דעם קאָפּף און איז שוין אַליין גרייט ברוגז צו ווערען.

„גאָר ברוגז," ענטפערט ער, קוקענדיג אויף דעם בייטעל אין צוואַנג און שטעבענדיג. „איך האָב געקוקט, איך טאָר אויף דיר נישט קוקען ?"

— — —

ער פלעגט צו חאשקען אָפט געהן, כאָטש אויף א ווייל'ע. און אין דער ווייל'ע האָבען זיי זיך אויך נישט גוט געפיהלט. בייביידען זיינען געשטאַנען טרערען אין די אויגען.

די אַלטינקע פלעגט זיך אַרויסמאַכען ביי זיין בעזוך אין קיך אַריין, בורטשענדיג און מיט איין אָנגעקנויטשטער שטערן. דאָר־טין פלעגט זי זיך אַוועקזעצען איבער א זאַק ביי א פינסטערען לעמ־פעל און קוקען פאַר זיך אין די האַלב־פינסטערנים אַריין און טראַכטען וועגען איהר נאַרישער און אונגליקליכער טאָכטער.

דראַבקין פלעגט זיך שטעלען אין פענסטער און שרייבען מיט'ן פינגער אויף דער שויב אָדער קוקען גלאַט אין דער וועלט אַריין אָהן קלאָרע געדאַנקען אין קאָפּף און וואַרטען, אז חאשקע זאָל עפּיס פרעגען.

און חאשקע איז געזעסען איבערגעבויגען איבער איין אַרבייט און אין האַרץ האָט איהר גענאָגט און גענאָגט.

זי האָט געפיהרט מיט זיך א שטאַרקע מלחמה. זי האָט גע־וואָלט אַלץ פערגעסען. אויס, פערפאַלען, מסתמא איז נישט בע־שערט ! און דאָך האָט זי נישט אָבגעלאָזען א שרעקליכע נאָגענדע ביינקענים. און אין דער שטילער נאַכט פלעגט זי נאַס מאַכען איהר קיסען מיט לאַנגזאַמע, וואַרמע טרערען. און אָפט פלעגט

זיך איהר דאַכטען, אז עס וועט זיין א טאָג, כאָטש ווער ווייס אין וויפיעל יאָהר אַרום, און ער וועט קומען צו איהר צו לויפען און... אַך, ביז׳ן סוף האָט זי קיינמאָל נישט דערטראַכט — — —

אָבער ער דארף דאָך נישט וויסען, וואָס אין איהר קומט פאָר! און חאַשקע מאַכט זיך האַרץ, אָטעמט פרייער אויף און העבט אָן די ערשטע צו רעדען.

„וואָס טוט זיך ביי אייך? פראַן אַרבייט?"

יאָ, וועגען דעם קאָן ער א סך רעדען און אָנדערצעהלען. עס איז איהם בלויז שווער אויפ׳ן האַרצען. ער זיפצט אָב און ענטפערט אונטער דער נאָז:

„עס אַרבייט זיך צו ביסלעך. אין אַרבייט וועט שוין גראָד קיין מניעה ניט זיין."

„אויף וועמען אַרבייט איהר יעצט?" פרעגט זי ווייטער, אַרי־בערלאָזענדיג זיינע לעצטע ווערטער.

„אויף עטקינען," ענטפערט ער מיט אַ האַלבען מויל, ווי ברוגז, וואָס זי רעדט אַלץ וועגען אזעלכע זאַכען.

אָבער ניין, דאָס מוז ער איהר טאַקי דערצעהלען, ווי ער האָט אָבגענומען דעם קרעמער עטקין ביי זיין אַלטען בעל־הבית, ביי משה ברוך׳ן. דאָס איז טאַקי העכסט אינטערעסאַנט. און ביסלעכ־ווייז צורעדט ער זיך און צוהיצט זיך, ווי ער האָט אַריינגעטראָגען צו עטקינען א שטיקעל אַרבייט און אַלע האָבען דאָרטין געלעקט די פינגער און גלייך האָט ער בעקומען א גאַנצע בעשטעלונג. און משה ברוך האָט איהם בעגעגענט און געשראָקען, אז ער וועט איהם צו־פּאַטשען די צורה. האַ־האַ־האַ, ער האָט טאַקי געפונען וועמען צו שרעקען! ניין, ער וועט נאָך איהם בעווייזען אזא קונץ, אז ער וועט נאָך אַריינגעהן צו בזשעשינסקען, אויף וועלכען משה ברוך אַרבייט, און זאָל ער איהם טאַקי וואָס טון! אַהאַ! ער קאָן איהם, דעם משה ברוך׳ן, גאַנץ גיך מאַכען פאַר אוים בעל־הבית... ער רע־כענט נאָך אַריינגעהן צו אברהם־בער׳ס קונדען. מיט אברהם בער׳ן מוז ער זיך אויך אָברעכענען אויף דער וועלט. ער ווייס אַלע קונ־דען זיינע, אפילו די נישט־היגע, און ער וועט צו אַלעמען פערנאַנ־

דערשיקען פּריוויזקוראַנטען... ניין, ער וועט זיי שוין בעוויזען!...
ער וועט שוין מיט זיי לערנען בלק!

און חאַשקע הערט און האָט הנאה. נור איין פראַגע דריקט זי,
און זי מוז זי פרעגען. זי בויגט אַראָב דעם קאָפּ איבער דער אַר־
בייט און מיט א פערשטיקטער שטימע פרעגט זי:

„וואָס מאַכט אייער חיענקע?"

ער רייסט איבער זיין ערצעהלען און ווערט ווייטער אומעטיג.

„וואָס זאָל זי מאַכען? אַרבייט."

און ווייטער קוקט ער אין פענסטער אריין אָהן יעדען געדאַנק
אין קאָפּ. און זי בלייבט זיצען איבערגעבויגען איבער איהר אַר־
בייט און העבט די אויגען נישט אויף. און באַלד צושיידען זיי זיך
מיט שטיינער אויפ'ן הארצען. — — — —

נור שפּעטער א ביסעל האָט איהם די ארבייט דעם קאָפּ פער־
דרעהט, אז ער האָט דאָס האַרץ פערגעסען. ער האָט זיך צוגע־
וואָהנט צו חיענקען און איז בערעדליכער געוואָרען. און איינמאָל
האָט ער אָנגעהויבען צו דערצעהלען איהר, וואָס ער פלעגט צוטון
מיט זיינע בעלי־בתים, ווי ער פלעגט זיך מיט זיי קריגען. זי האָט
געלאַכט. יא, זי וויים פון איהם און זיינע שטיק.

„איך האָב נאָך מיט קיינעם פון זיי קיין גוט וואָרט נישט גע־
רעדט. אפילו מיט דעם בעסטען," דערצעהלט ער איהר. „איך האָב
זיי שטענדיג בעוויזען מיינע נעגעל."

„איך וועל דיר זאָגען דעם אמת," האָט זי געזאָגט מיט איין
ערנסטער מינע. „איך וואָלט דיך אויפ'ן שוועל נישט ארויפגעלאָ־
זען, ווען איך וואָלט געווען דיין בעל־הבית, איך זאָל אפילו וויסען,
אז איך וועל פון דיר פערגולטען ווערען."

ער האָט גאָר נישט געענטפערט, שנעלער אָנגעהויבען צו שטע־
פען און געוואָרט, טאָמער וועט זי נאָך עפּים זאָגען.

„ביי אונז וועט דאָס נישט זיין," האָט זי געזאָגט.

„א ודאי נישט," האָט ער אונטערגעכאַפּט. „מיר וועלען זיך
אַנדערם בענעהן מיט ארבייטער."

„אַנדערם, צי נישט אַנדערם," האָט זי געענטפערט, „נור, אז

איינער וועט ביי אונז מאכען אזעלכע קונצען, איז גלייך פאר'ן קאל־נער און פון די טרעפ!..."

„דאס זאגסט ד ו אזוי..."

זיין קול האט געציטערט.

„און אזוי וועט עס טאקי זיין," האט זי געענטפערט מיט דעם זעלבען ערנסט. „בין איך א בעל־הבית, דארף איך זיין א בעל־הבית. איך וויים, איך האב אויך געארבייט ביי בעלי־בתים, איך האב מיך אויך געקריגט מיט זיי, זיינען זיי מכתמא ווערט געווע־זען; אבער גלאט אזוי, אהולעם קריגען זיך! מעהר וועט „זיי" נישט פעהלען ביי מיר!"

„ביי אונז וועט עס נישט קאנען פארקומען," האט ער געזאגט. „איך וועל זיי אין אלץ נאכגעבען."

„ווי הייסט אין אַלץ נאכגעבען?" — זי האט דערהעכערט אַ ביסעל די שטימע — „פע, א האר אויך נישט! פאר וואס זאל איך מיך בעסער בעגעהן, ווי מען איז זיך מיט מיר בעגאנגען?"

דראבקין איז בלייך געווארען; עס האט איהם א ציטער געטאן די האנד.

„דאס וועלען מיר שוין זעהן," האט ער שוואך ארויסגערעדט. ער האט זיך איינגעהאלטען, נור דאס בלוט האט אין איהם געקאכט.

„וואס וועלען מיר זעהען, וואס?" האט חיענקע געזאגט. „גע־ווים וועל איך מיך נישט בעסער בעגעהן, ווי מען איז זיך מיט מיר בעגאנגען. פאר וואס זאל איך זיי נאכגעבען? זיי זאלען מיר קריי־כען אויפ'ן קאפ?!"

ער האט גאר נישט געענטפערט. ער איז שוין געוועזען שטארק אין כעס און האט זיך איינגעהאַלטען נישט צו רעדען. ער האט זיך איינגעטיעפט אין דער ארבייט און מעהר א ווארט נישט גערערט, כאטש חיענקע איז נישט גיך ענטשוויגען גע־ווארען. — — —

ביי נאכט איז ער געלאפען צו חאשקען. ער האט איהר אי־בערגעגעבען דאס געשפרעך.

„איהר הערט עפּיס ווערטער?“ האָט ער אויסגעשריען צו־לעצט.

„זי איז גערעכט, ווי דער טאָג,“ האָט זיך די אַלטע אריינ־געמישט.

„סאַר אַ ווערטער, האַ?“ האָט ער איבערגע׳חזר׳ט און געקוקט חאַשקען אין די אויגען.

„נו?“ האָט יענע קאַלט ארויסגערעדט.

„ווי הייסט „נו“, וואָס טייטש „נו“?“ האָט ער אויסגעשריען.

„וואָס ווילט איהר, אז אלע זאָלען זיין מיט אייך אין איין מיינונג?“

„ווי הייסט „אין איין מיינונג“? וואָס טייטש „אין איין מיי־נונג“?“ האָט ער זיך געוואָרפען. „דאָס איז דאָך מיין כלה!“

„איהר האָט דאָך אָבער בעזונדערע קעפּ, בעזונדערע הערצער,“ האָט חאַשקע געענטפערט.

„ער וואָלט וועלען, אז זיין כלה זאָל זיין אזא פערד, ווי ער,“ האָט די אַלטע צוגעגעבען.

„ניין, אָט איהר? פאַר וואָס איהר?“ איז ער צוגעשטאנען צו חאַשקען.

„זי איז אַ לאַנגאָנעדיגער נאַר,“ האָט די אַלטע געענטפערט; נור חאַשקע האָט געשוויגען, רויט ווערענדיג.

„היינט פאַר וואָס זי?“ האָט ער גערעדט זיינס, מיינענדיג שוין די כלה.

„איז וואָס ווילט איהר?“ האָט איהם חאַשקע איבערגעריסען.

ער האָט עפּיס נישט גלייך געפונען אַ תירוץ.

„נו, זאָגט, וואָס ווילט איהר?“

„וואָס זאָל איך וועלען? איך וויל גאָר נישט,“ האָט ער געענט־פערט ברוגז׳דיג.

ער איז אוועק מיט גאָר נישט און ברוגז. ער האָט געוואָלט, אז חאַשקע זאָל איהם העלפען זיין אין כעס, ארויסגעהן פון זיך, ווי אלע מאָל. — — —

אויף מאָרגען האָט ער געפּרובט נאָך אַ מאָל דורכרעדען זיך

מיט חיענקען, נור ער האָט אויסגעהערט דאָסזעלבע, וואָס נעכטען.

„זאָג איך דיר," האָט ער שוין ארויסגערעדט שארף און פעסט, „אַז ביי אונז וועט מען זיך בעגעהן מיט די ארבייטער, ווי איך וויל!"

„זאָג איך דיר," האָט איהם חיענקע אָבגעשניטען, „אַז ערש־טע־ם האָבען מיר נאָך נישט און נעמען נאָך נישט קיין ארבייטער, און צווייטענס, וועל איך מיך מיט זיי בעגעהן, ווי א י ך וויל!"

„מיר וועלען זעהן!"

„וועלען מיר זעהן!"

ער איז ברוגז געוואָרען, זי איז ברוגז געוואָרען און האָבען שוין ניט גערעדט דעם גאַנצען טאָג.

„אַז ער איז אַזאַ מאַכער," האָט זי געטראַכט, „וועט ער שוין ביי מיר נישט זיין קיין פריץ איבער דאָס געלד."

ער איז געזעסען, ווי אויף שפּילקעס. ער איז געווען שרעק־ליך אין כעס, דאָס בלוט האָט אין איהם געקאָכט. ער האָט גע־וואָלט אויפשפּרינגען, א שפּיי טון, א שטאַרקען שפּיי טון און צוריי־סען אויף אייביג מיט דער כלה. נור עפּיס האָט איהם אויפגע־האַלטען. דאָס „עפּיס" האָט איהם ניט דערלאָזען טון, וואָס איהם האָט זיך אַזוי געוואָלט. דאָס „עפּיס" האָט איהם צוגעשמידט צום אָרט, איינגעהאַלטען זיין כעס. און דאָס „עפּיס" איז איהם אַליין נישט זעהר דייטליך געווען. ער האָט עס נור שטאַרק געפיהלט, פון דעם „עפּיס" איז איהם געגאַנגען ־ ווארמקייט איבער'ן גאַנצען גוף — — — און דוקא פון דער בוזים־קעשענע...

„נו, נו, מיר וועלען זעהן!" האָט ער געטראַכט, „נאָך דער חתונה וועלען מיר א סימן האָבען." — —

ביי'ם צושיידען זיך אין יענעם טאָג, האָט איהם חיענקע גע־זאָגט:

„נו, לויף אויף גיך צו דיין חאשקען און פער'מסר ריך."

„אַז איך וועל צו איהר וועלען לויפען, וועל איך ביי דיר נישט פרעגען."

חיענקע האָט געוועזען ביי זיך בעשלאָסען אויסצופיהרען, ער

זאָל אויפהערען צו געהן צו חאַשקען: געפעלט איהם חאַשקע בעסער, טאָ זאָל ער זי נעמען. זי קאָן בעשטעהן האָבען א חתן פאר זיך אליין.

נור ביי איהר איז געבליעבען, ביז דער חתונה נישט פערפיהרען מיט איהם קיין סקאַנדאַלען. נאָך דער חתונה וועט זי שוין וויסען, ווי צו מאַכען, ער זאָל צו חאַשקען אויפהערען צו געהן און זי זאָל ביי זיי אויפ'ן שוועל נישט ארויף. —

אָבער ער האָט גאָר נישט געוואָלט געהן צו חאַשקען — נישט היינט און נישט מאָרגען און איבערהויפט... וואָצו? ער איז געוועזען אויף איהר ברוגז. — — —

.6

פרעהליך זיינען געוועזען צו דער חתונה חיענקע מיט איהרע עלטערן: פון די פינף הונדערט רובעל נדן איז אונטער דער צייט געוואָרען זיעבענהונדערט; חיענקע האָט זיך געפיהלט פאר א גבירה, און איהרע עלטערן פאַר א גבירה'ס א טאַטע־מאַמע.

דראַבקין איז אָבער געוועזען נישט אין גוטען הומאָר. ער האָט עפּיס מורא געהאַט. נאָך דער חתונה וועט זיך אָנהעבען א מלחמה. —

די מלחמה האָט זיך טאַקי אָנגעהויבען אין פינף חדשים ארום נאָך דער חתונה. זיי האָבען בעשלאָסען אָנהעבען אויסצואַרבייטען אייגענע סחורה און נישט וואַרטען, ביז מען וועט זיי ברייננגען אַרבייט פון די קראָמען. מען האָט געדאַרפט פערפיהרען שוין א גאַנצע ווערקשטאַט מיט אַרבייטער.

ער האָט זיך געזעהן מיט עטליכע אַרבייטער, אַלטע חברים, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען געאַרבייט.

„וואָס, חברה, איהר וועט געהן צו מיר אַרבייטען?"

„איששש, דראַבקינ'דעל! דו ווערסט טאַקי א גאַנצער בעל־הבית?"

„הערסט, ער איז דאָך גאָר קיין יאָלד נישט!"

„נו, וועט איהר געהן אַרבייטען?"

„פאר וואָס נישט? וועסט דאָך מסתמא צאָלען אין צווייען.“ די ארבייטער האָבען געלאַכט.

„מיט מיר האָט איהר דאָך נישט וואָס צו רעדען וועגען אזעל־כע זאכען,“ האָט ער זיי געזאָגט און געטראַכט בשעת מעשה וועגען דעם ווייב.

„וועסטו טאַקי צאָלען אין צווייען?“

„איהר האָט ניט וואָס צו רעדען, פערד! איהר נעמט ביי מיר מעהר, ווי ביי אַלעמען און איהר וועט א סך וועניגער ארבייטען.“

זיי זיינען זיך אַלע צוגאַנגען צופריעדען. איהם האָט זיך גע־ראַכט, אז ער האָט זיינס פאָרט אויסגעפיהרט. —

„מאָרגען וועלען קומען פיער ארבייטער,“ האָט ער געזאָגט חיענקען, קומענדיג אהיים. ער האָט אָנגעהויבען אויסצורעכענען: „אברהמעל, וואָס האָט געאַרבייט ביי אברהם בער'ן; לייבקע, וואָס“...

„וואָס וועסטו זיי צאָלען?“ האָט זי איהם איבערגעריסען און געקוקט אויף איהם פון אונטער דער אָנגעקנייטשטער שטערן.

ער האָט געשוויגען. ער האָט געטראַכט, וויפיעל צו זאָגען איהר.

„וואָס שווייגסטו?“ האָט זי שוין שטרענגער געפרעגט און שאַרפער איינגעקוקט זיך אין איהם.

ער איז געוואָרען מיט א מאָל דרייסט ביי זיך, שטאַרק אין דער דעה. וואָס האָט ער מורא צו האָבען פאר איהר? ער וועט איהר זאָגען! זי וועט ניט וועלען, איז ווי זי וויל זיך! ער האָט איהר אויסגעלעגט מיט א פרעהליכען שמייכעל אַלע בעדינגונגען מיט די ארבייטער.

„אַלע בייזע חלומות צו מיינע שונאים'ס קעפּ!“ האָט זי אויסגעשריען, א פּאַטש טוענדיג מיט די הענד. „וואָס ביזטו, שיכור צי משוגע??! סאַר א ברייטער פּריץ! וואָס דאַרפסטו א סך — נעם מיין נדן און צושיינק!...“

„דו ווילסט נישט, איז ווי דו ווילסט זיך!“ האָט ער בייז

ארויסגערעדט. „איך וועל נישט זיין אזוי ווי אלע. איך וויל נישט זיין קיין בייטעלשניידער!“

„זעה אקאָרסט — א בייטעלשניידער!“ האָט זי גיפטיג גע־ענטפערט. „דיינע פּרנסות! איך, א מעוברתע, וועל ארבייטען פיערצעהן און פונפצעהן שעה און זיי וועלען ביי מיר ארומגעהן, ווי די פּריצים! נישט דערלעבען וועלען מיינע שונאים! אזוי לאַנג קריינקען זיי, ווי לאַנג דאָס איז נאָך נישט געוועזען און וועט ניט זיין!...“

„איך האָב דאָך דיר געזאָגט,“ האָט ער שאַרף אָבגעשניטען, „דו ווילסט נישט, איז ווי דו ווילסט זיך!“

„וואָס איז דאָס פאַר א ווערטער!“ האָט זי אויסגעשריען. „די בעל־הבית׳טע לעת־עתה בין איך, דאָס געלד איז נאָך לעת־עתה מיינס!... דו האָסט עפּיס א סך געבראַכט? וועט מסתמא זיין ווי איך וויל. וועסטו זעהן, צי זיי וועלען ביי מיר ארבייטען, צי נישט. גאָר נישט — א בעל־טובה, ען!“

„הער, חיענקע, מאַך קיין קונצען נישט!“

„מאַך דו קיין קונצען נישט! וואָס וועסטו טון? וועסט מיך שלאָגען? פאַר אַזעלכע זאַכען האָב איך גאָר קיין מורא נישט!...“

זי האָט שוין געקוויטשעט.

ער האָט אויף איהר בייז געקוקט און געסקריעט מיט די ציין.

פּלוצלינג האָט זי זיך אָנגעטאָן און איז ענטלאָפען צו איהרע עלטערן.—

אין א שעה אַרום איז געקומען דער טאַטע, די מאַמע, דעם טאַטענס ברודער יונה דער שניידער און דער מאַמעס ברודער יחיאל דער שוסטער; חיענקע, טריאומפירענד, מיט נצחון, פאָראויס. דראַבקין האָט זיי בעגעגענט נישט מיט א פרעהליכען געזיכט און געטאָן זיך זיין אַרבייט אויף דער מאַשין.

„וואָס טוט זיך דאָ ביי איך?“ האָט אָנגעהויבען גרונם דער גלעזער.

„וואָס ביזטו אַזוי אָנגערוקט?“ האָט די שוויגער גיפטיג גע־פרעגט. „דו ביזט נאָך אפשר גערעכט?“

„איך פרעג ביי קיינעם נישט, צי בין איך גערעכט צי נישט,“ האָט ער נאָך גיפטיגער געענטפערט.

„אַ פיינער תירוץ,“ האָט די שוויגער אַרויסגערעדט בע־לײדיגט.

„מיר געפעהלט ער,“ האָט דראַבקין געענטפערט און געשטעפּט.

„הער, קיין עזות־פּנים דאַרף מען פון דעסטוועגן נישט זיין,“ האָט גרונם שוין ברוגז׳דיג געזאָגט.

נור חיענקע מישט זיך אַריין און דערלאָזט נישט צו אַ קריעג.

„מאַכט איהם, מאַכט איהם דעם חשבון,“ האָט זי זיך גע־ווענדט צום פעטער יונה, „זאָל ער הערען.“

„לעג אוועק יעצט די אַרבייט,“ האָט געזאָגט דער פעטער יחיאל, „און לאָז דיך רעדען.“

„איך האָב נישט וואָס צו רעדען.“

„זיי דאָך קיין קינד נישט!“

„וואָס האָב איך וואָס צו רעדען, וואָס?“ — ער האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט — „איך האָב געזאָגט איין מאָל פאַר אַלע מאָל, איך וועל נישט זיין קיין בייטעלשניידער.“

„דו רעדסט דאָך, ווי אַ קינד,“ האָט אָנגעהויבען דער פעטער יונה. „איך בין אויך קיין בייטעלשניידער נישט און ווי איך בע־געה זיך מיט מיינע אַרבייטער איז אויף מיר אַזאַ יאָהר! נור אַלץ דאַרף דאָך זיין מיט אַ חשבון! דו, אינגעל, דו,“ האָט ער אָנגע־הויבען מיט דעם ניגון פון גמרא, „דו ווערסט אַ נייער פאַבריקאַנט, אַ נייער קאָנקורענט אויפ׳ן פּלאַץ, דאַרפסטו זעהן פערקויפען וואָס וועלוועלער דיין סחורה, היינט אַז זי וועט דיר קאָסטען טייערער ווי אַלעמען?“ האָט ער געענדיגט איראָניש, אוועקשטעלענדיג זיך אין די באָקעס, מיט די הענד אין די זייטען, בעקוקענדיג אַלעמען מיט נצחון.

„איך וויים די חשבונות!“ האָט דראַבקין גע׳עקשנ׳ט זיך.

„ניין, דו ווייסט נישט!“ האָט דער שניידער אויסגעשריען, אַ מאַך געטאָן מיט דער רעכטער האַנד און צוריק אוועקגעשטעלט זי אין דער זייט. „דו ווייסט נישט! אַז דו וואָלסט געוואוסט,

וואָלסטו דאָס ניט וועלען טון!.. נאָך אַ מאָל, דו, אינגעל, דו" — ער האָט ווידער אָנגעהויבען מיט דעם גמרא־ניגון — „אַרבייט־געלד וועט דיר קאָסטען כמעט אין צווייען טייערער, ווי איין אַנ־דערען, אויסאַרבייטען אין טאָג וועלען זיי אין צווייען ווענינגער ווי ביי איין אַנדערען, נו, קאָפּ, גיב שכל! וועט דאָך דיין סחורה זיין אין פיערען טייערער!... ווער וועט זי ביי דיר קויפען? זי וועט דען זיין מיט פליטערלעך?"

„אַז איך וויל נישט וויסען פון חשבונות!" האָט דראַבקין אויסגעשריען.

„ביזטו דאָך אַ נאַר, אַ חמור, אַ פערשטאָפּטער קאָפּ!" האָט זיך יונה צוהיצט.

„דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען זעה איך גאָר אַזאַ מענ־שען!" האָט געזאָגט יחיאל און געדריקט מיט די אַקסלען.

„שאַ, וואָס איז דאָס אייער דאגה," האָט זיך דראַבקין געביי־זערט, „וואָס איך וועל וועלען, דאָס וועל איך טון!"

„ווי הייסט, וואָס דו וועסט וועלען?!" האָט גרונם געשריען, „דו ביזט נאָך נישט קיין בעל־הבית, לעת־עתה איז נאָך חיענקע די בעל־הבית'טע!"

„אַ ודאי!" האָט אונטערגעכאַפּט די שוויגער.

„אַ ודאי!" האָט אונטערגעכאַפּט חיענקע.

„דו ביזט נאָך דערצו אַ גרויסער עזות־פּנים, אַ שייגאַץ!" האָט זיך גרונם געזידעלט.

„אַ באַלוואַן, אַ פערד, פערשטעהט ניט פון דאַנען אַהער," האָט זיך יונה געהיצט. „איהם וועט קאָסטען די סחורה..."

„מען דאַרף איהם פערזעצען מיט אַלע משוגעים!" איז יחיאל אריינגעפאַלען אין יונה'ס גמרא־ניגון.

„דערלעבט זיך נחת!" האָט די שוויגער פאַר זיך געברומט.

„גאָר נישט, אַ ברייטער פּאַן!" האָט חיענקע געוואָרפען צו איהם גיפטיגע בליקען.

דראַבקין האָט געכאַפּט דעם מאַנטעל און איז ענטלאָפען פון שטוב. —

.7

ער איז ענטלאָפען צו חאשקען.

ער איז געווען שרעקליך בלייך, אז חאשקע און די אלטע האָבען זיך דערשראָקען.

„וואָס איז מיט אייך?“ האָט חאשקע אויסגעשריען.

ער האָט זיך א וואָרף געטאָן אויף דאָס הילצערנע זיץ־בעטעל, אראָבגעלאָזען דעם קאָפף און געשוויגען.ביידע פרויען האָבען אויף איהם געקוקט.

„וואָס האָט ביי אייך די צונג אָבגענומען?“ האָט ענדליך די אלטע איבערגעריסען דאָס שווייגען.

„וואָס איז ביי אייך געשעהן? רעדט דאָך,“ האָט חאשקע געזאָגט.

„וואָס זאָל געשעהן?“ האָט ער ביין ארויסגערעדט, „עס איז געשעהן! מיין ווייב איז נישט בעסער פאַר אלעמען! זי וואָלט וועלען זיך אין גאנצען און גאָר!“

ער האָט גענומען אויסלעגען אלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דער היים.

„א חכמה זיין ווייב, אויף מיר אזא יאָהר,“ האָט די אלטע גע־זאָגט, אויסהערענדיג.

נור ער וויל וויסען, וואָס חאשקע וועט זאָגען.

„נו, ווי געפעלען אייך די חשבונות?“ האָט ער זי געפרעגט און איינגעקוקט זיך איהר אין די אויגען.

„איך האָב קיין חשבון נישט געלערנט...“

ער האָט געמאַכט איין אונגעדולדיגע בעוועגונג און זי האָט צוגעלעגט:

„נור מיר דאכט, אז די חשבונות זיינען ריכטיג.“

„און אז זיי זיינען ריכטיג, איז וואָס?“

ער האָט אָנגעהויבען ווערען בייז.

„וויים איך וואָס?“ האָט חאשקע קאַלט געענטפערט, „אז זיי זיינען ריכטיג, קאָן א פּנים אנדערש נישט זיין.“

„ווי הייסט נישט זיין אַנדערש? זאָל איך אויך טון, ווי אַלע אַנדערע בעלי־בתים?“

„ווער הייסט אייך ווערען אַ בעל־הבית?“

ער האָט זי נשתומם'דיג אָנגעקוקט.

„וואָס קוקט איהר, וואָס? אַרבייט, ווי איהר האָט געאַרבייט, ווילט נישט פערפיהרען קיין פאַבריק...“

„אָט איז דיר גאָר!“

„אַ וודאי אַזוי!“

ער איז אַוועק פון חאַשקען מיט רציחה.

„וואָס איהר קאָן איינפאַלען!“

.8

חיענקע האָט געוואוסט, אַז ער איז ענטלאָפען צו חאַשקען און, אַז ער איז געקומען אַ היים, האָט זי איהם בעגעגענט מיט די ווערטער:

„נו, וואָס? געוועזען שוין ביי דיין „פּאָליובוויניצע“, געוועזען?“

נור זיין געזיכט איז געוועזען אַזוי אָנגערוקט און פינסטער, אַז ביי איהר איז געוואָרען אַ ספק, צו איז ער גאָר געוועזען ביי חאַשקען, און אויב ער איז יאָ געוועזען, האָט ער דאָרטין מסתמא שלעכט אָבגעשניטען. און אויב אַזוי, האָט זי פון זיינעטוועגען גאָר אַנדערע דיבורים.

זי האָט איהם שאַרף אָנגעזאָגט, ער זאָל קיין סקאַנדאַלען נישט פערפיהרען און קיין לייטיש געלעכטער נישט מאַכען.

„אַ מענשען זאָל גאָר איינפאַלען אַזאַ משוגעת!“ מען וואָלט דאָך נאָך אונז נאָכגעלאָפען אין די גאַסען. גלאַט, ווער? וואָס? ווען? ווערען פריש און פרעהליך און משוגע און האָרעווען אויף די אַרבייטער. וואָס דאַרף איך יעמאָלט דעם גאַנצען עסק? דאַרף איך דאָך קיין פאַבריק ניט פערפיהרען.“

די לעצטע ווערטער דערמאָנען איהם חאַשקעס עצה. נור — — דאָס איז דאָך אַ נאַרישקייט... זיי ווייסען ביידע נישט, וואָס זיי

רעדען. ער וועט טון, וואָס ער וויל. ער פרעגט ביי קיינעם קיין עצה נישט.

און חיענקע האָט ווייטער גערעדט:

„זאָלסטו מאָרגען זאָגען דיינע ארבייטער, אז ווילען זיי ארבייטען, ווי זיי האָבען געארבייט, טאָ זאָלען זיי זיך שטעלען אר־בייטען, אז נישט, טאָ זאָלען זיי געהן געזונדערהייט. דאַרף מען זיי נישט, מען וועט געפינען די מציאות!"

„איך פרעג ביי דיר נישט, וואָס צו זאָגען זיי," האָט ער קאַלט געענטפערט און אויסגעצויגען זיך אויף דער קאַנאַפּע.

חיענקע האָט אויף איהם בייז א קוק געטאָן. עס האָט איהר אָטעם פערפעהלט. וואָס זאָל זי יעצט טון? שרייען, וויינען, אָדער געבען איהם אָדער זיך אין קאָפּ מיט דער שעער, וועלכע זי האַלט אין האנד? זי האָט א שליידער געטאָן די שעער אויף דער ערד, איז אויפגעשפרונגען פון שטול און אָנגעהויבען אומצוגעהן איבער'ן שטוב. זי האָט זיך איינגעהאַלטען פון שרייען. זי האָט געוואוסט, אז זי וועט אויספיהרען איהר'ס. דאָך ווילט זיך איהר נוקם זיין זיך מיט עפּיס אין איהם. זי וואָלט מיט פערגניגען — געשטאָכען איהם מיט נאָדלען...

זי האָט זיך אַריינגעלעגט אין בעט. אין קאָפּ האָבען זיך איהר ארומגעדרעהט אלערליי געדאַנקען, ווי בעסער נוקם זיין זיך אין דעם מאַן. די ערשטע זאַך איז שוין ביי איהר געבליעבען, אָב־צוליעגען אזוי די גאַנצע נאַכט נישט איין אויסגעטאָנענע אין נישט איין אויסגעבעטענעם בעט.

און ער איז געלעגען און גע'חלום'ט. ער האָט גאָר נישט גע־קאָנט בעטראַכטען. ער האָט אין זיין פאַנטאַזיע גערעדט און גע־זידעלט זיך מיט דער גאַנצער וועלט. עס זיינען איהם ארויפגעקו־מען אויפ'ן זין אַלטע בילדער פון זיין לעבען, סצענען אין די ווערק־שטאַטען, אין וועלכע ער האָט געארבייט, חאַשקע... „ניין, אָבער וואָס איהר קאָן איינפאַלען!" עס שטעלט זיך איהם פאָר א גרויסע, גרויסע ווערקשטאַט מיט א סך ארבייטער און ער איז דער בעל־

הבית — און דאָס הארץ העבט איהם אָן שטאַרקער צו קלאַ־פען. — —

חיענקע האָט שוין לאַנג וועגען גאָר נישט געטראַכט, עס האָט איהר נור נאָך א ביסעל געדריקט דאָס הארץ די נישט איינגעלאָשע־נע נקמה. זי איז אַראָב פון בעט, אויסגעבעט עס, האָט זיך אויס־געטאָן און צוריק אַריינגעלעגט. זיין בעט האָט זי געלאָזען נישט אויסגעבעט. אָבער עס האָט איהר אָנגעהויבען צו פערדריסען, וואָס ער ליעגט אזוי און געהט נישט שלאָפען.

„וואָס ברענט די לאָמפּ? נאַפט קאָסט ביליג?“ האָט זי נישט פריינדליך געזאָגט.

ער איז געבליעבען אונבעוועגט.

דאָס האָט זי שרעקליך גערייצט. דאָס הארץ פּלאַצט איהר שיער, עס ווילט זיך איהר וויעדער עפּיס טון איהם, נור זי געפינט נישט וואָס. זי דרעהט איבער דעם קאָפּף צו דער וואנד, ליעגט מיט אָפענע אויגען און טראַכט, אז זי וועט איהם טון „כל הרשעות שבעולם“, וואָס ער וועט וועלען, וועט זי שטענדיג טון פערקערט.

און אין א וויילע ארום שפּרינגט זי אויף פון בעט מיט האסט, לויפט צו צום טיש און פערלעשט די לאָמפּ.

„ליעג אין חשך!“ האָט זי בייז און שאַרף געשיפּעט, אריינ־קריכענדיג צוריק אין בעט.

ער איז געבליעבען אונבעוועגט.

„וואָס אַרט מיך, אז ער ליעגט אזוי,“ האָט זי געטראכט, „זאָל ער כאָטש אייביג נישט אויפשטעהן!“

נור עס פערדריסט איהר ביז צום טויט.

זי שפּרינגט אויף און אין דער פינסטער העבט זי אָן אויס־בעטען זיין בעט. זי טוט עס מיט כעס, שליידערט דאָס ליילעך, ווארפט די קיסען, רייסט די דעקע.

ער איז געבליעבען אויף דער קאַנאַפּע, אין דער זעלבער פּאָזע, אונבעוועגט. — —

— — —

ער איז געלעגען און געטראַכט און נקמה גענומען. אהא, ער

געהט נישט שלאָפען! ער ווייס, ווי זי „פוילט“ יעצט, ווי זי איז יעצט אין כעס. זאָל זי וויסען!

ער וועט אַרבייטען, ווי אַ פערד און וועט נאָך קיין דעה נישט האָבען און וועט נאָך נישט קאָנען טון, וואָס ער וויל?!... ער איז יעצט דער בעל־הבית און זיי מאָגען אַלע כאָטש אויפגעלאָפען ווערען...

נור ער ווייס, אַז חיענקע וועט זיך נישט אָבשטעלען פאַר די גרעסטע סקאַנדאַלען און ער פיהלט, אַז ער וועט גאָר נישט קאָנען אויספיהרען. וועט ער יענסמאָל גאָר צורייסען מיט חיענקען, גט׳ן זיך מיט איהר — עס האָט איהם אָנגעהויבען שטאַרק אין די שלייפען צו זעצען און אין הארץ צו קלאַפּען — זאָל זי זיך שלאָגען קאָפּ אָן וואַנד מיט איהר געלד, מיט איהר ווערקשטאַט, מיט האַק און פּאַק! ער וועט חתונה האָבען מיט האַשקען און לעבען, ווי ער פערשטעהט: אַ שטיל, רוהיג און עהרליך לעבען, זיי האָבען זיך דאָך אַזוי ליעב! ווי אַזוי איז ער דאָס אַריבערגעפאַלען מיט זיין חתונה? אַ מאָדנע נאַרישקייט!...

אָבער עס ווערט איהם אומעטיג, שווער אויפ׳ן האַרצען. אָרמקייט. צוויי מתים געהען טאַנצען. ווייטער ווערען אַ פּועל און האָבען צו טון מיט די בעלי־בתים. וויפיעל פערדיענט האַשקע? אַ קליינינגקייט, און די אַלטע אַ צוגאָב... אפילו אַ גוטע אַלטינקע. זי האָט איהם אַזוי ליעב. אבער דאָך... ער זיפצט אָב.

ער האָט דאָך שוין אַ היבש קאַפּיטאַל. באַלד אַ קיילעכדיגע טויזענד.

ער פיהלט אַ מאָדנע וואַרעמקייט אין גאַנצען קערפּער.

און אַרבייט האָט ער זעהר אַ סך. ער קאָן טאַקי אין דער אמת׳ן איינפיהרען אַ גרויסע פאַבריק און מיט דער צייט — — —

עס פערכאַפּט איהם אַזש דער אָטעם. ער קאָן טאַקי זעהר ווייט אַוועק, ער קאָן טאַקי אין דער אמת׳ן וועלטען איבערקעהרען. ער — מיט אַזאַ קאַפּיטאַל און מיט אַזאַ נאָמען, וועלכען ער האָט געקראָגען, און מיט חיענקען. זי איז אַ גרויסע בריה אַ בריה נפלאה. זי אַרבייט, ווי דער שטאַרקסטער מאַנסביל.

און זי איז טאַקי אַ שיין ווייבעל. טאַקי גאָר אַ שיינס, שענער אַלס מיידעלוויים. אַ סך שענער פאַר חאַשקען. עס דאַכט זיך איהם, אַז ער האָט בעליידיגט חאַשקען און פערשעמט זיך, נור דער מידער מאָרך טראַכט ווייטער.

חיענקע האָט איהם אויך זעהר ליעב, אָבער שטאַרק ליעב. זי האָט איהם דאָך פאָרט אויסגעבעט דאָס בעט, האַהאַהאַ! — — — —

און אין דער אמת'ן זיינען זיי דאָך אַלע גערעכט. „דו, אינ־געל, דו, אַרבייט געלד וועט דיר קאָסטען כמעט אין צווייען; ווי איין אַנדערען, אויסאַרבייטען אין טאָג וועלען זיי אין צווייען וו'ניגער, ווי ביי איין אַנדערן! נו, קאָפּ!... וועט דאָך דיין סחורה קאָסטען אין פיערען טייערער"... האָבען איהם געקלונגען אין קאָפּף דעם פעטער יונה'ס ווערטער מיט דעם ניגון פון דער גמרא. נור ער בע־גרייפט עפּיס נישט דעם חשבון. פאַר וואָס וועט זיין סחורה זיין טייערער אין פיערען, נישט אין צווייען?

„נור מיר דוכט, אַז די חשבונות זיינען ריכטיג," קלינגען איהם אין קאָפּ חאַשקעס ווערטער.

ער וועט פּרובען אַליין איבעררעכענען. ער שטרענגט אָן דעם מח. שכירות וועלען זיי בעקומען... נו, נישט אין צווייען. אַזאַ נאַר איז ער נישט, כאָטש ער האָט קיין חשבון נישט געלערנט. ער גיט זיי נור מיט עפּיס טייערער. נו, און אויסאַרבייטען וועלען זיי — פאַר וואָס עפּיס אין צווייען וועניגער? וואו אין צווייען וועניגער!... וועניגער נאַטירליך, אָבער נישט אין צווייען — „נו, קאָפּ, וועט דאָך דיין סחורה"... הערט ער ווידער דעם פעטער יונה'ס ווערטער. איז אין וויפיעל טייערער וועט איהם קאָסטען זיין סחורה? ער וויל עס וויסען און קנויטשט אָן די שטערן. „כבקרת רועה עדרו... כבקרת רועה עדרו"... דערמאָנט זיך איהם אַ שטיקעל חזנות. נור ער טרייבט עס אַוועק און טראַכט ווייטער דעם חשבון. אָבער זיין שלעפריגער קאָפּף איז שוין צוגעשטאַנען — ער קאָן נישט אויסרע־כענען.

„...אַז די חשבונות זיינען ריכטיג"... פליהט איהם דורך אין קאָפּף אַ שטיקעל פון חאַשקעס ענטפער.

ביבליאָטעק און לעזע־... פון ארבייטער פערבאנד
נאַציאָנאַלען
LIBRARY AND READING ROOM OF THE
Jewish National Wo...

ער העבט שוין אָן איינשלאָפֿן. דאָך טרייבט ער פון זיך דעם שלאָף, ווייל ער וויל בעקלערען.

איז וואָס זאָל ער מאַכען? די חשבונות זיינען ריכטיג. „ווער הייסט אייך ווערען א בעל הבית?“... ע! זי איז א גרויסער נאַר, די חאשקע... א מאָל זאָגט זי א גרויסע נאַרישקייט, פערבעסערט ער זיך. ער האָט זיך גלאַט אביסעל צוגעאיילט מיט די ארבייטער, ער האָט א פריער געדאַרפט איבעררעכענען. קיין קאָנטראַקט האָט ער דאָך מיט זיי נישט געמאַכט — האָט ער א טעות געהאַט, נור דערפאַר וועט זיי זיין ביי איהם גוט! ער וועט זיי קיינמאָל קיין קרום וואָרט נישט זאָגען!...

נו, יעצט וועט ער שלאָפען. דאָס איבעריגע וועט ער מאָרגען דערקלערען. ער וועט זיך אויסטון און געהן אין בעט. און פאַר־בייגעהענדיג זאָל ער שוין טאַקי שלום מאַכען מיט חיענקען? ער וואָלט שוין צו איהר צוגעהן, ארומנעמען זי און א קוש טון. זעהר א שיין ווייבעל. און א גרויסע בריה. א פייערדיגע אשת־חיל. עס ציהט איהם עפּיס שטאַרק צו איהר. נור ער שטאַרקט זיך, ער וויים נאָך נישט, וואָס ער וועט מאָרגען טון. און גלאַט פיהלט ער, אז ער דאַרף זיך נאָך נישט אונטערגעבען...

נור עס ווערט איהם שטאַרק אומעטיג. ער בייֵנקט נאָך חיענ־קען. ער וויל זי רופען בײ'ם נאָמען, ער וויל געהן צו איהר — און ווערט איינגעשלאָפען אויפ'ן קאַנאַפּע מיט'ן געדאַנק, אז די ארביי־טער וועט ביי איהם זיין זעהר גוט. — — —

.9

„א, ער האָט מיר אבגעטאָן! ער איז אָבגעלעגען די נאַכט אויף דער קאַנאַפּע!... מאָגסט פון מיינעטוועגען אייביג ליעגען!...“

דאָס זיינען געווען די ערשטע ווערטער חיענקעס, ווען זי האָט אין דער פריה אויפגעעפענט די אויגען און דערזעהען דעם מאַן אויף דער קאַנאַפּע.

דראַבקין האָט געוואָלט ענטפערען מיט ליעבליכע ווערטער. עס האָט זיך איהם געוואָלט א שפּיעל טון מיט איהר. עס האָט

איהם אַלץ אזוי געצויגען צו חיענקען. נור ער האָט נאָך געוואָלט ברוגז זיין. ער האָט זיך דאָך נאָך נישט געקאָנט אָבזאָגען פון דעם געדאנק, אז ביי איהם וועלען גאָר זיין אַנדערע פּונקטען מיט די אַרבייטער. ער האָט אויף חיענקעס ווערטער גאָר נישט געענטפערט און אָנגעבלאָזען זיך.

ער פיהלט, אז ער וועט נישט קאָנען משנה זיין מיט די אַר־בייטער, וואָס וועלען קומען. עס בלייבט ביי איהם אוועקצוגעהן פון שטוב — ער זאָל נישט זיין, ווען זיי וועלען קומען. זאָל חיענקע טון וואָס זי וויל. ער וועט זיין ריין. עס ווערט איהם אזוי אונאנגע־נעם פון דעם, וואָס עס וועט נישט זיין, ווי ער וויל. עס בעווייזט זיך ערגעץ אין קאָפּ דער געדאנק, אז ער דאַרף וואַרפען „הכל באשר לכל“. נור דער געדאנק האָט קיין ממשות נישט. דראבקין מאַכט זיך, ווי ער בעמערקט גאָר נישט דעם געדאנק. ער האַלט עס פאַר קליגער נישט זיין אין דער היים. ער האָט זיך אויף גיך אָנגעטאָן און איז אוועק.

„וואוהין געהסטו?“

„וואוהין איך דאַרף!“

נור חיענקע האָט זיך נישט בעליידיגט. זי האָט פערשטאַנען זיין המצאה און געפרייט זיך.

„אַהאַ, מיניסטער מיינער!“ האָט זי אויסגערעדט מיט נצחון און געמאַכט נאָך איהם מיט׳ן קאָפּ, ווען ער האָט צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך.

אין גיכען זיינען געקומען די אַרבייטער איינער נאָך דעם אַנ־דערען. חיענקע האָט זיי בעגעגענט אַ ביסעל „האַלבזייטיג“, נישט געקוקט אויף זיי, געמאַכט זיך זוכענדיג עפּיס.

„וואו איז דראבקין?“

„אוועקגעגאַנגען!“ האָט זי געענטפערט אונטער דער נאָז.

„וואָס איז?“

„מיר זיינען געקומען אַרבייטען. ער האָט אונז בעשטעלט. ער האָט אייך דען גאָר נישט דערצעהלט?“

„אַרבייטען זייט איהר געקומען?“ האָט זי אַ ביסעל דער־

העבערט דעם קול מיט גיפט און מיט א מאָל אויסגעשאָסען איהר גאַנצען כעס. „שיינע מענשען זייט איהר, נישטאָ וואָס צו רעדען! האָבען געפונען אַ נאַר און... און גאָר נישט. א נאַר האָבען זיי געפונען. איהר האָט זיך דאָך גאָר אליין געדאַרפט שעמען אויסרעדען זיך אַזעלכע פּונקטען. דאָס איז דאָך אַ „גזל׳אוואַיע“! וואָס, מיר זיינען עפּיס די גרויסע גבירים? עס שיטען זיך ביי אונז די רובעלס? פון וואַנען זאָלען מיר נעמען צולעגען צו אייך?“ — זי האָט שוין כמעט ווי געשריען — „געפונען אַ נאַר און פערדרעהט איהם אַ קאָפּ! ביי איהם איז דאָך אַלץ רעכט, מען זאָגט איהם אַזוי — זאָל זיין אַזוי. אז עס וואָלט געקומען נאָך איינער און זאָגען איהם, ער זאָל אַלץ אוועקשיינקען, וואָלט ער אַלץ אוועקשיינקען. ער קוקט עפּיס? איהם אַרט עפּיס? אַ נאַרישקייט, וואָס איהר האָט נישט געבעטען כפל כפלים פאַר דאָס, וואָס איהר וועט זיטצען און קוקען אויף איהם!... פּע, אויף מיין וואָרט!...“

„וואָס האָט איהר זיך דאָ אַזוי צושריען?“ האָט איין אַרבייטער געזאָגט מיט איין איראָנישען שמייכעל. „איהר ווילט נישט, דאַרף מען נישט! מען זיינען אָהן אַרבייט נישט אַרומגעגאַנגען און וועלען נישט אַרומגעהן. מיר האָבען זיך איהם נישט אָנגעשלאָגען אויף. ער האָט אונז געבעטען...“

„איז וואָס? דאַרף מען אַזוי שינדען די הויט?“ האָט חיענקע בעליידיגט געזאָגט. „איהר האָט דאָ אָנגעטראָפען...?“

„אַז מען גיט, פאַר וואָס זאָלען מיר נישט נעמען?“

„דאָס איז דאָך די מעשה, וואָס איהר האָט אָנגעטראָפען אויף אַ נאַר. נור איך האָב נאָך אויך דאַנק גאָט אַ שטיקעל דעה. ווילט איהר אַרבייטען, ווי אומעדום, מאָגט איהר זיך שוין שטעלען אַרבייטען. אַז נישט, איז ווי איהר ווילט אייך — איך וועל קריגען אַרבייטער.“

„מיר ווייסען גאָר נישט,“ האָבען זיך די אַרבייטער גע׳עקשנ׳ט. „דראַבקין האָט אונז געהייסען קומען אַרבייטען.“

„אָט דערפאַר, אָ, וועל איך אייך אפילו אומזיסט נישט נע-

מען,“ האָט חיענקע געוואָרפען זיך מיט כעס. „זאָל אייך דראבקין געמען! דאָ בין א י ך די בעל־הבית׳טע.“

די ארבייטער האָבען אַ ווײַלע געקוקט אויף איהר מיט פער־אכטונג, מיט א שמייכעל אויף די ליפּען, און געווענדט זיך צו דער טיר.

„אוי, קינדער!“ האָט איינער לוסטיג אָבגעקרעכצט, „וואָס אַרט אייך, דראבקינ׳ען איז יעצט נאָך ערגער ביי דער נייער בעל־הבית׳טע, ווי א מאָל ביי די אַלטע בעלי־בתים.“

חיענקע האָט נור אַ וואָרף געטאָן א גיפטיגען בליק און אָב־געשוויגען. —

נישט ווייט אָבגעהענדיג אין גאַס, האָבען די ארבייטער דער־זעהען דראבקינען. אין האַרצען האָט זיך איהם א ריס געטאָן. ער איז אויף גיך פע־שוואונדען געוואָרען הינטער א טויער.

„ער האָט זיך אָבגעטראָגען, דער חברה־מאַן!“

„איהר ווייסט, מען דארף איהם דאָ אויפוואַרטען און אָנריי־בען איהם א נאָז.“

דאָס איז געפּעלען געוואָרען. א פּאָר ארבייטער זיינען אריין אין הויף און צוויי זיינען געבליעבען נעבען טויער. און דראבקין האָט דאָס צוגעזעהן און געמוזט זיך בעהאַלטען אין איין אָרט, וואו שלעכטע ריחות האָבען איהם דעם אָטעם פערכאַפּט... און ער איז געשטאַנען און די ארבייטער האָבען זיך פון אָרט נישט גערירט.

און וואָס האָט ער אייגענטליך צו בעהאַלטען זיך? האָט ער געטראַכט. ער האָט עפּיס זייערס פערנומען? ער האָט זיי אונ־טערגעפיהרט? פון א שטעלע אָבגערעדט? ער קאָן זיי אפילו בע־צאָלען פאר דעם טאָג, אויב זיי ווילען.

און ער איז געשטאַנען, ווי א צוגעשמידטער... א מאָדנעס שטאַרק געפיהל פון בושה האָט איהם געהאַלטען. שטעהענדיג אין דעם געשטאַנק בעהאַלטענערהייט, האָט ער געפיהלט, אז ער טרעט ארויף אויף א נייעם וועג, אז ער ווערט גאָר א נייער דראבקין. ער האָט זיך אַליין קיין רעכנונג נישט געקאָנט אָבגעבען, וואָס ער ווערט, וואָס עס קומט פאָר אין זיין כאַראַקטער, אין זיין גאַנצען

וועזען. עטליכע מאָל איז איהם אַרויפגעשוואומען אין קאָפּ חאשקע, מיט חיענקען הינטער זיך; עס האָבען איהם דורכגעקלונ־גען אין קאָפּ שטיקלעך פון זיינע אַלטע דבורים, נור אַלץ עפּיס, ווי אַלטע געזיכטער, אַלטע קליינג, זאכען פון אַ מאָל...

און ער איז געשטאַנען, ווי אַ צוגעשמידטער.

נור עס מוז דאָך נעמען אַ סוף. ער האָט זיך בעשלאָסען אַרויסצוגעהן פון זיין בעהאַלטענעם אָרט. מיט אַ הוסט האט ער אויפגעעפענט די טיר, מיט איין ערנסטען געזיכט אָנגעהויבען צו פערשפּילען דאָס רעקעל און געקוקט צו דער ערד מיט אַ מיענע פון אַ זעהר פערטראַגענעם און פערנומענעם. דאָס היטעל אפילו איז אַ ביסעל געוועזען פערדרעהט. איהם האָט זיך געראַכט, אַז אויב ער וועט אויף זיי נישט קוקען, וועט זיך איהם אפשר איינגעבען דורכגעהן נישט בעמערקטערהייט. יעדענפאַלס זאָלען זיי מיינען, אַז ער איז שטאַרק פערטראָגען.

די אַרבייטער זיינען איהם געגאַנגען ענטגעגען. ער האָט גראָד אויפגעהויבען די אויגען און בעגעגענט זיך מיט זייערע בליי־קען. אַ זיסער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף זיינע ליפּען — ער האָט זיך געמאַכט, ווי ער דערזעהט זיי ערשט.

„וואָס עפּיס אזוי לאַנג געזעסען?...“

„וואו?... ווען?... הא, דאָרטין?... אזוי... דער מאָגען...“

„דער מאָגען! לאָבוז, דו! מיר פערשטעהען דיינע שטיק. בע־האַלטען זיך...“

„בעהאַלטען זיך?... וואָס איז?... פון וועמען! פון וועמען דאַרף איך מיך בעהאַלטען? פאַר וועמען האָבען איך וואָס מורא צו האָבען?“ האָט ער געגעבען אָנצוהערען.

„זאָג, וואָס האָבען מיר נעכטען אָבגערעדט?“ האָט שוין איין אַרבייטער געזאָגט מיט הארץ.

„יאָ, איך האָב טאַקי מיט איך געוואָלט רעדען וועגען דעם,“ האָט ער אָנגעהויבען פריינדליך. „איך מוז בלייבען אַ ליגנער. דאָס ווייב איז אויף מיר נעכטען אָנגעפאַלען און דאָס ווייב'ס „סאַ־

פּאָכע"... אוי, ע!... איך האָב געהאַט אַ כאָג... אַ!..." ער האָט גע־דריקט מיט די אַקסלען און געמאַכט מיט די הענד, געבענדיג צו פערשטעהן, וואָס פאַר אַ טאָג ער האָט געהאַט. „מען האָט מיך געמאַכט פאַר אַ משוגענעם. וואָלט איהר הערען! מיט איין וואָרט, גאָספּאָדאַ, איך מוז חרטה האָבען."

און ער האָט זיי נאָך אַ מאָל איבערגע'חזר'ט, וואָס פאַר אַ טאָג ער האָט געהאַט. ער האָט גערעדט פריינדליך און ווי פער־דראָסיג. ער האָט דאָך נישט געוואָלט אָנווערען זיין ווערט אין די אויגען פון זיינע אַמאָליגע חברים, און דער עיקר האָט ער מורא געהאַט פאַר זייער וויץ, פאַר זייערע שטעכווערטער. די אַרבייטער האָבען געקוקט אויף איהם מיט פעראַכטונג, נישט גלויבענדיג איהם אַ וואָרט. ער האָט זיך נישט אָבגעראַטעוועט פון שטעכווערטער.

„עקספּלאָאַטאַטאָרעס, בלוטזויגער... דראַבקין, נו! לאָבוז, דו אַ רוח... עקספּלאָאַטאַטאָרעס, בלוטזויגער, בייטעלשניידער..." האָ־בען איהם די אַרבייטער גערעדט ביי'ם פערנאַנדערגעהן זיך.

דאָס האָט איהם טאַקי געשטאָכען. די ווערטער געהערען איהם. ער קאָן אויף זיי גאָר נישט ענטפערן. ער פיהלט, אז ער אַליין איז נאָך נישט קיין עקספּלאָאַטאַטאָר און בלוטזויגער, אָבער ער קאָן גלאַט יעצט די ווערטער נישט אַרויפּברייננגען אויף דער צונג. און עפּיס פערדריסט איהם עס אזוי שטאַרק. און ער וויל אַלץ פער־שטעהן, בעגרייפען, וואָס מיט איהם איז: דאַכט זיך דער זעלביגער מענש וואָס נעכטען און עהרנעכטען און פּאָרט נישט דער זעלבער. די אַלטע צייט, ווען ער איז געוועזען איין איינפאַכער אַרבייטער, איז ווי מיט אַ וואָלקען פערצויגען, עפּיס לאַנג, לאַנג געוועזען, און פאַר דער נייער קומענדיגער צייט שעמט ער זיך — — נור אונ־טער'ן בוזים דערפיהלט ער אַ וואַרמקייט — און ווי ער האָט דער־פיהלט די וואַרמקייט, האָט ער פערגעסען אויף אַלץ: אויף אַלע צייטען, אויף די אַרבייטער, אויף די שטעכווערטער און אויף אַלע בייזע און אונרוהיגע געדאַנקען.

.10

ער איז געקומען א היים א בערוהיגטער. ער האָט זיך גע־מאַכט אונשולדיג אין דעם, וואָס מען האָט אָבגעזאָגט די אַרביי־טער — דאָס הייסט, נאָך איהם נאָך, וואָלטען זיי געמאָגט אַרבייטען, ווי ער אליין האָט געוואָלט, נור חיענקע, איהר „סאַפּאָכע"... ער איז נישט שולדיג — — — דאָך האָט ער געפיהלט צו חיענקען אַזאַ פריינדשאַפט, וועלכע ער האָט נישט געפיהלט די גאַנצע צייט פאַר און נאָך דער חתונה.

„משלח געוועזען דיינע אַרבייטער," האָט איהם חיענקע בע־געגענט, שטעלענדיג דעם סאַמאָוואַר. „איצטער איז אויס!... איצטער וועסטו ביי מיר קיין פריז נישט זיין!... איצטער וועל איך שוין דינגען אַרבייטער!"

„דינג דו!" האָט ער שוואַך געענטפערט. ער איז געוועזען צופריעדען פון דעם, וואָס ער וועט זיך נישט דאַרפען דינגען מיט די נייע אַרבייטער, וואָס זיין געוויסען וועט ווייטער בלייבען ריין.

נור זיין צופריעדענהייט האָט ער נישט אַרויסגעוויעזען.

„מיניסטער מיינער!" האָט חיענקע אויסגערעדט מיט גיפט און שפּאָט, אַריינקוקענדיג אין קוימען פון סאַמאָוואַר.

ער האָט גאָר נישט געענטפערט און גענומען זיך צו דער אַר־בייט.

פון דער אַרבייט האָט ער געוואָרפען בליקען אויף חיענקען, וועלכע האָט זיך בעשעפטיגט מיט שטוביגע זאַכען. זי איז געווע־זען אין כעס און נישט געקוקט אין זיין זייט. ער האָט זיך אויך געמאַכט נישט קוקענדיג אויף איהר.

„אַ שיינע איז חיענקע... אַ שיין ווייבעל," טראַכט ער, און גנב'עט אויף איהר אַ בליק. „אַ פיינע געשטאַלט — סאַר אַ ברוסט"... ער כאַפּט זיך, אז ער האָט גאָר קיינמאָל נישט געטראַכט וועגען „אַזעלכע זאַכען"... נור ער קאָן זיך נישט אָבגעבען קיין חשבון, וואָס מיט איהם איז. עפּיס ציהט איהם צו חיענקען. אָט וואָלט ער יעצט געוואָרפען די אַרבייט און צו איהר צוגעלאָפען...

ער קאָן זיך נישט פאָרשטעלען, ווי וואָלט ער זי א קוס געטאָן, נור ער וואָלט עס זיכער געטאָן, ווען ער וואָלט יעצט צו איהר צוגעלאָפען. ער שעמט זיך פאר דאָס געפיהל; ער ווייס גאָר נישט, ווי קומט עס צו איהם, נור עס ציהט איהם — — אין גיכען וואַרפט ער די אַרבייט און שטעהט אויף פון אָרט. ער שעמט זיך פאר דעם געדאַנק, וואָס האָט איהם אויפגעהויבען פון אָרט, און העבט אָן צו זוכען עפּיס אויפ'ן טיש, אין שטוב און דרעהט זיך אזוי צו צו חיענקען.

„וואָס הערט זיך מיט'ן סאַמאָוואַר?" פרעגט ער אָנגערוקט, וועלענדיג גאָר אַנדערע און פריינדליכערע דבורים פיהרען.

„טאַפּ איהם, וועסטו וויסען," ענטפערט חיענקע בייז, ווישענדיג די גלעזער.

„טאַפּ איהם, וועסטו וויסען!" קרימט ער זי איבער גוטהאַרציג און שמייכעלט אונטער, ארויפלעגענדיג א האַנד אויפ'ן סאַמאָוואַר. ער ווייס נישט, וואָס ער זאָל איהר זאָגען עפּיס אזוינס, וואָס זאָל זי שלום מאכען.

„ווּעמען קלערסטו נעמען צו דער אַרבייט?"

„וועסט א סימן האָבען!"

זי פיהלט, אז ער זוכט איהר התקרבות און אז עס איז יעצט איהר צייט נוקם צו זיין זיך אין איהם פאר דאָס נעכטיגע. ער וועט שוין ליעגען ביי איהרע פיס!

„וועסט א סימן האָבען!" מישט ער זי ווייטער איבער מיט א שמייכעל. אָבער עס העבט איהם שוין אָן צו פערדריסען איהר טאָן. און פאר וואָס טאַקי נישט רעכט גוט בייז ווערען, אויסזידלען זי, קלאַפּען אָן טיש, בעווייזען, אַז ער איז דער בעל־הבית אין שטוב?

ער דריקט צונויף די ציין, מאכט איין אין־כעס'דיגע מיענע און געהט צוריק צו זיין אַרבייט.

אָבער זי ווערט נישט נתפעל. זי ווייס זיכער, אז זי האָט די אויבערהאַנד — און זאָל ער נור אָנהעבען א ביסעל צו קאָמאַנדעווען, וועט זי איהם אוועקגעבען א גאָב, אז ער וועט נישט וויסען, פון וואַנען דאָס איז איהם געקומען!

און ער זיצט און אַרבייט און פּיהלט, אז ער איז גאָר אויף חיענקען נישט אין כעס, אז ער מאַכט נור אַ בייזע מיענע אום אָנ־צושרעקען זי, כדי זי זאָל ווייכער ווערען. ער גנב'עט בליקען אויף חיענקען און ווייס, אז ער ליעבט זי, אז שפּעטער א ווײלע וועט ער זי האַלטען אין זיינע הענד, אויף זיין ישוים און וועט זי האַלזען, קוסען, דריקען. און עס ווערט איהם אַזוי וואַרם און ווייך ביי'ם האַרצען און ער אַרבייט מיט חשק, אַרבייט און גנב'עט בליקען אויף חיענקען — —

„געה טרינקען טיי!“ האָט חיענקע געקאָמאַנדירט מיט אַ בייזען טאָן.

ער איז געבליעבען זיצען. דאָס האָט געזאָלט בעדייטען, אז ער איז אין כעס און וויל זי מיט איהר טיי נישט קענען.

„געהסט צי נישט? אז נישט, גיס איך אריין דיין טיי אין פּאָמויניצע אריין!“

ער האָט לאַנגזאם אוועקגעלעגט די ארבייט און איז אויפגעשטאַנען מיט אַ שמייכעל. דאָס האָט געזאָלט בעדייטען, אז ער איז גאָרנישט ברוגז און נייסט געוואָלט מיט איהר שפּיעלען אין צו להכעיס, נור ער איז געוועזען פערנומען און נישט געקאָנט אוועק־לעגען די אַרבייט. ער האָט געהויבען די הענד אין דער הויך, גע־צויגען זיך, געגעניצט און געשמייכעלט.

„אָבער ביזטו אַ בעל־כעכן!“ האָט ער געזאָגט און געלאַכט.

ער האָט עס געמיינט ערנסט. ער האָט געוואָלט, זי זאָל אויפ־הערען אין כעס צו זיין, זי זאָל גוט ווערען און לאָסען זיך צו איהם, ווי שטענדיג.

ער איז צוגעגאַנגען צום טיש און אַ קניפּ געטאָן זי אין באַק. זי האָט אָבגעשטויסען זיין האַנד:

„אוועק!“

„פּש, פּש, פּש, וואָס פאר אַ בייזע פּריצה!“ — ער האָט זיך צוגעזעצט נעבען איהר און ארומגענומען זי.

„אוועק בעסער מיט גוטען!“ זי האָט זיך געריסען פון איהם.

ער האָט זי צוגערריקט צו זיך, צוגעבויגט צו זיך איהר קאָפּ און גענומען קוסען, פערשטיקענדיג מיט זיין מויל איהר געשריי. זי האָט אָנגעכאַפּט דאָס גלאָז מיט הייסען טיי, אָבער ער האָט עס ארויסגעכאַפּט. זי האָט זיך פון איהם קוים ארויסגעריסען.

„איך וועל דיר געבען מיט עפּעס אין קאָפּ!“ האָט זי גע־שריען, אויפשפּרינגענדיג. ער האָט געלאַכט מיט אַ מיאוס'ען תאוה'דיגען געלעכטער. — —

דער שאָטען פון זיין מיאוס'ען תאוה'דיגען געלעכטער איז נאָך געלעגען אויף זיינע ליפּען, ווען ער איז צוריק געגאַנגען צו זיין אַרבייט. ער האָט נאָך געשפּירט די קוסען אויף זיינע ליפּען און געפיהלט זיך אָנגעזעטיגט, געשטילט דאָס הארץ. ער האָט פרעהליך אָנגעהויבען צו אַרבייטען און געוואוסט, אז סוף כל סוף, נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג, און חיענקע וועט זיך איבערבעטען. ער האָט פערגעסען די גאַנצע וועלט.

11.

פּאַר נאַכט זיינען געקומען חאַשקע מיט דער אַלטינקער. זיי האָבען געוואָלט זעהן, וואָס טוט זיך, ביי וואָס איז עס געבליעבען.

„אַ, חאַשקע, דינה!“ האָט ־ראַבקין ארויסגערופען מיט אַ גע־מאַכטער שמחה. ער האָט גאָ־ נישט געוואָלט, חאַשקע זאָל קו־מען. זי האָט איהם דערמאָנט דאָס אַלטע, ווענען וואָס ער האָט שוין מעהר נישט געוואָלט טראַכטען, און דערמאָנט איהם זיין יעצ־טיגע אונטערטעניגקייט. ער האָט זיך געשעמט און איז געבליע־בען זיצען ביי זיין אַרבייט.

ביי חיענקען זיינען זיי אָבער געוועזען גוטע געסט. זי האָט געוואָלט אַרויסווייזען פאַר זיי, ווי זי איז די בעל־הבית'טע און ווי ער ליעגט ביי איהר אונטער די פיס. און זאָל טאַקי זיין „פּאָליובוי־ניצע“ זעהן, ווי ער ליעבט זי, ווי ער קריכט צו איהר, און זאָל זי פּלאַצען.

„נו, וואָס הערט זיך ביי אייך?“ האָט די אַלטינקע געפרעגט. חאַשקע האָט נישט געוואָלט פרעגען. זי האָט שוין אַלץ

געוואוסט און דערפיהלט זיך פאַר איבעריג אין דראבקינ'ס שטוב.

„וואָס זאָל זיך הערען?“ האָט חיענקע געענטפערט מיט נצחון. „נישקשה, ער איז בעסער געוואָרען, מיין חכם, מיין געראָטענע כּפּורה. אָהאָ, היינט, דאַכט זיך, וואָלט ער וועלען...“

זי האָט נישט דערזאָגט, וואָס ער וואָלט וועלען, נור א מאַך געטאָן דערביי מיט'ן קאָפּף אויף איהם מיט אזא בליק און מיט אזא מיענע, וועלכע האָבען גערעדט בעסער פאַר אלע אַנדערע ווערטער.

ער האָט נישט אויפגעהויבען דעם קאָפּף און געמאַכט זיך פערטיעפט אין זיין אַרבייט. חאשקע איז פאַר איהם רויט געוואָרען. עס איז איהר געוואָרען ענג אין שטוב. ענטלויפען, ענטלויפען — — זי איז געזעסען, ווי אויף הייסע קוילען.

נור די אַלטינקע האָט זיך אריינגעלאָזען אין א שמועס.

„איך האָב איהם גלייך געזאָגט, אז אויף מיר אזא יאָהר, וואָס פאַר א חכמה איהר זייט און מיין חאשקע האָט איהם אויך געזאָגט, אז עס קאָן אַנדערש נישט זיין, אז ער איז א נאַר, ווען ער וויל אַנדערש.“

דראבקין האָט געוואָלט אויפהעבען דעם קאָפּף ביי די ווערטער. חאשקע האָט דאָך אַליין געזאָגט, אז עס קאָן אַנדערש נישט זיין. אָבער גלייך האָט ער זיך דערמאָנט, וואָס זי האָט ווייטער געזאָגט, און זיך ווידער פערשעמט און איז געבליעבען זיצען מיט איין אראָבגעלאָזענעם קאָפּף, אָהן לשון.

חיענקע האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען, ווי זי האָט „משלח געוועזען“ די אַרבייטער, ווי ער האָט זיך גאַנץ פריה אָבגעטראָגען פון שטוב — „כּלומר'סט, זיין האַרין פערטראָגט עס נישט.“

„און יעצט,“ האָט זי אויסגעפיהרט, „וועל איך שוין אַליין דינגען אַרבייטער און וועל מיט זיי אָבמאַכען, ווי איך וויל.“

זי האָט א קוק געטאָן מיט נצחון אויף חאשקען. דראבקין האָט געשוויגען.

„קום, מאַמע, א היים!“ האָט חאשקע געזאָגט, אויפהעבענדיג זיך פון אָרט.

„וואָס איילט איהר?“ האָט דראבקין געפרעגט און געלייגט.

חאַשקע וואַלט מיט פערגניגען א שפּיי געטאָן איהם אין געזיכט. די אַלטע האָט געענטפערט, אז זייער שכן וועט קומען און די טיר איז צוגעשלאָסען.

זיי זיינען אוועק.

דראַבקין האָט געפיהלט, אז חאַשקע איז ביי איהם דאָס געוועזען צום לעצטען מאָל און עס איז איהם געוועזען א ביסעל אונאַנגענעם. אָבער דאָס ביסעל אונאַנגענעמליכקייט איז באַלד פערלאָרען און פערשוואונדען געוואָרען אין דער גרויסער צופריעדענהייט, וועלכע האָט איהם בעהערשט. ער האָט זיך דערפיהלט פרייער, זעלבסטשטענדיגער; א יאָך איז איהם אראָב; עס וועט נישט זיין, ווער עס זאָל איהם שטעכען אין די אויגען מיט די אמאָליגע יאָהרען און די אמאָליגע רעד.

אוועק, אַלץ אוועק.

יעצט ערשט וועט ער ארבייטען. און עהרליך וועט ער ארבייטען. גאָט העלפט איהם, ער זאָל ווערען א מענש מיט מענשען צו גלייך, טאָ פאר וואָס זאָל ער דאָס נישט טון! און נאַטירליך וועט ער נישט זיין, ווי די הינד, זיינע אמאָליגע בעלי־בתים. ער וועט וויסען, אז איין ארבייטער איז אויך א מענש, וועט זיך מיט זיי אנדערש בעגעהן און בענעמען, זיי וועלען ביי איהם זיין, ווי אייגענע מענשען, ווי ברידער. חאַשקע איז טאַקי א נאַר — — —

„האָסט געזעהן, וואָס פאר א צוקאָכטע דיין חאַשקע איז אוועקגעגאַנגען?“ האָט איהם חיענקע איבערגעריסען די געדאַנקען.

„וואָס זאָגסטו עפּיס אַלץ „דיין“ חאַשקע?“ האָט ער געזאָגט מיט א שמייכעל.

„איך וויים, דו לויפסט דאָך אַלץ צו איהר.“

„פּאָ! קום בעסער, זעץ דיך ביי מיר אָט דאָ, אָ!“

ער האָט זיך א פּאַטש געטאָן אין קניע און אויסגעצויגען נאָך איהר די הענד. —

— — —

שווער איז געוועזען חאַשקען אויפ'ן הארצען, אזוי שווער, אז זי וואָלט זיך צוואָויינט. עס האָט איהר צונויפגעדריקט דער

האלז. זי איז געגאנגען שנעל, אז די אלטע איז נאך איהר קוים געלאפען.

„וועסט זעהן מיינע ווערטער," האט די אלטע גערעדט נאכ־לויפענדיג, „אין א פאר יאהר ארום איז דראבקין איין עושר פון עטליכע טויזענד רובעל. זי איז א קאפּ־מענש! וואלסטו כאטש געוועזען א האלב פון איהר, אך, וואלט איך שוין פון דיר קיין דאגות נישט געהאט! אך, אך, אך, אך..."

דאס האט אין איהר גערעדט דער פּערדרוס, וואס עס איז גאר נישט געווארען צווישען דער טאכטער און דראבקינען.

„וואס ווילסטו, מאמע, אז דו זאלסט אויפהערען צו רעדען?" האט חאשקע געזאגט מיט א ציטערדיגען קול, אויסדרעהענדיג איהר בלייך געזיכט צו דער מוטער.

די אלטינקע האט זיך דערשראקען פאר דעם ציטערדיגען קול און פאר דאס בלייכע געזיכט. זי האט א מאך געטאן מיט דער האנד און געשאקעלט מיט'ן קאפּ.

„ניין, מען טאר שוין אווארט נישט זאגען!" האט זי אבגע־זיפצט. זי האט שוין מעהר נישט גערעדט.

חאשקען איז געוועזען, ווי זי וואלט זיך אומגעקערט פון א בית־עולם, וואו זי האט בעגראבען איהר טייערסטען נפש.

דראבקין, דראבקין!... אט דאס איז איהר דראבקין!....

אך, און ביז היינטיגען טאג האט זי נאך אלץ גע'חלומ'ט און געפאנטאזירט!

ווינען, ווינען — — —

און אין יענער נאכט האט זי געזעהן א חלום. ניין, נישט קיין חלום, ווייל זי האט גאר נישט געקאנט איינשלאפען און איז געלע־גען מיט אפענע אויגען און געקוקט אין די געדיכטע פינסטערנים.

זי האט געזעהן, ווי דראבקין ווערט א דיקער בעל־הבית; אלע זיינע געדאנקען זיינען אנגעווענדט נור אויף צו פערגרעסערען זיין ווערקשטאט און וואס מעהר אנפילען זיין בייטעל. אלץ איז פער־געסען: יעדע מענשליכקייט, יעדעם מיטפיהלען מיט דעם ארמען

ארבייטער, יעדע אכטונג פאר דעם נידריגערען. די ארבייטער זיי־
נען ביי איהם געדונגענע קנעכט און — „אפרים דארף ארבייטען
אין אבענד ביז נייען א זייגער און ארבייט ביז עלף; אז ער איז
היינט אין דער פריה געקומען האלב אכט, איז מען אויף איהם אָנ־
געפאלען, ווי אויף א מיטוגענעם הונד“...

און עס האָט זיך איהר געדאכט אין דער שטילער פינסטערניס,
אז דראבקין האָט אראָבגעלאָזען א פייערדיגע פּאטש א יונג קינד,
וואָס געפינט זיך ביי איהם אין דער לעהרע.

זי האָט א ציטער געטאָן מיט׳ן גאנצען קערפּער און אָנגעהויבען היסטעריש צו וויינען.

א הערצרייסענדער, ביטערער געוויין. —

.1895—98

ערב יום כפור.

א שפיעל צווישען איין ציעג און א סך וועלף.
אין דריי טיילען.

ערשטער טייל.

די ציעג.

ערב יום כפור, ארום האלבען טאג.

ר׳ אליה דער טוך־פאבריקאנט גרייט זיך צו עהרליך פערנאנ־דערצאלען זיך מיט זיינע ארבייטער. לכבוד יום כפור! דער בוכ־האלטער מיט׳ן קאסיער מאכען די רעכנונגען און צעהלען אוים דאס געלד.

ער וויל זיך אפילו פ ר י י נ ד ל י ך צוזעגענען מיט זיי. אויפ׳ן גרויסען שרייבטיש שטעהט א גרויסע פלאש בראנפען, עטליכע גלעזלעך, עם ליעגט א סך אנגעשניטענער לעקעך. ער וויל זיי ווינ־שען, זיי זאלען נישט דארפען אנקומען צו פרעמדע הענד.

ער געהט ארום הין און צוריק איבער זיין קאנטאר. ער איז שטארק פערנומען מיט זיינע געדאנקען און דוקא נישט געשעפטס־געדאנקען — ערב יום כפור איז נישט א צייט פון געשעפט.

ר׳ אליה איז א פרומער איד. גאר אהן ספק. אין א לאנגליכען ראק מיט לאנגליכע פאות, וועלכע זיינען פערבארשטען צוזאמען מיט דעם באקענהאר פון זיין גרויסען, ברייטען בארד. און גלאט ר׳ אליה!

ער וויל קומען א ריינער צום מארגענדיגען משפט. ער ווייס אבער, אז די ארבייטער האבען איהם שוין נישט איינמאל פער־קלאגט ביים „מלך עליון“, וויל ער זיך מיט זיי אבטענה׳ן. ער ווייזט זיך אויף, אז ער איז שטענדיג גערעכט געוועזען: די ארביי־

טער זיינען פּשוט „קעשענע־גנבים“! זומער האָבען זיי פּלוצלונג געמאַכט „יד־אחת“ און אויפגעהערט צו ארבייטען. א גאַנצען חדש! א רציחה!

„שטרייק — שמייק!“ טראַכט ר׳ אליה, „שטרייק רופען זיי עס נאָך אָן! גנבה, גזלה, פון מויל דעם ביסען!... נישט שטרייק — שמייק. וואָס פאַר א נאָמען זיי טראַכטען נאָך אויס!“...

ער האָט געוואָלט אראָבנעמען א האַלב רובעל פון שטיק. ער האָט געוואוסט, וואָס ער טוט. ער האָט דאָס געמוזט טון: איהם אונטער דער נאָז וואַקסט אויס א קאָנקורענט.

דאָס איז אפילו נישט קיין שטאַרקע טענה, ער פיהלט עס. דערצו האָט ער נישט פּינקטליך געצאָלט, געפּרובט א פּאָר מאָל איינדרעהען, צושטעלען, פערשרייבען גוטע סחורה פאַר שלעכטע און גאָרנישט בעצאָלען — — נור ער האָט עס געמוזט, גאָט איז זיין עדות — געשעפט! ווי זאָגט מען עס — אין האַנדעלשאַפט, די גאַנצע וועלט טוט אזוי. אָבער דער שטרייק!

„און גלאַט,“ מיינט ר׳ אליה, „זיינען די יונגע ארבייטער נישט ווערט, וואָס די ערד טראָגט זיי. גוים, וואַהרע גוים, איין אידישער פונק איז נישטאָ אין זיי. עזות־פּנים׳ער, נישטאָ עלטער, אינגער — פון גאַנצען אויסגעטאָן.“

איין פענסטער פון קאַנטאָר געהט ארויס צו דער גאַס, און ר׳ אליה זעהט, ווי אין גאַס נעבען טויער העבען זיך שוין אָן צו קלייבען די ארבייטער. זיי מאַכען מיט די קעפּ אין דער זייט פון קאַנטאָר. אָט פערגלייסט א יונגער אַרבייטער, פון א יאָהר דריי און צוואַנציג, געציל לץ, די אויגען און גיט א וואָרף מיט די הענד, ווי ר׳ אליה, ווען ער זידעלט איין אַרבייטער. די יונגע אַרבייטער ארום געצלען צולאַכען זיך.

ר׳ אליה קערט אָב די אויגען פון פענסטער ברגז׳דיג.

„וועט שוין זיין א מאָל א סוף?“ ווענדט ער זיך אונגעדולדיג צום בוכהאַלטער מיט׳ן קאַסיער. ער וויל שוין מעהר אין פענסטער נישט קוקען און וועגען די ארבייטער נישט קלערען. „גאָרנישטען!“ בעשליעסט ער אין מח און וואַרפט אונגערן זיין בליק אויף די

גאַס: געציל שטעהט אין דער פּאָזע, ווי ר׳ אליה, ווען ער וויל איינשמועסען איין ארבייטער, אז ער האָט ביי איהם אָנגענומען מעהר געלד.

„וואָס ציהט זיך עס דאַרטען ביי אייך, ווי פון פּעך?“ שרייט אוים ר׳ אליה צו די קאָנטאָריסטען.

„ער וועט ישוין ביי מיר נישט ארבייטען,“ טראַכט ער וועגען לין. „אויסוואורפען זיינען דאָס עפּים, אין גם אחד צווישען זיי.“ איהם פאַלט איין, אז די לייטלעך האָבען גאָר קיין ווערט נישט ביי דעם „כביכול“. ער האָט גאָר לחלוטין נישט וואָס צו מורא האָבען פאר זייערע טענות.

ער נעמט זיך פאר׳ן תהלים. יעצט וועט ער זיך גאָר אין גאַנצען איינקויפען ביי׳ם רבונו של עולם — — —

צ ו ו י י ט ע ר   ט י י ל.

די וועלף.

אַ מאַן זעכציג ארבייטער שטעהען אין הויף און אין גאַס נעבען טויער, אַלע אָנגעטאָן יום־טוב׳דיג — אין ריינע העמדער און אין שבת׳דיגע בגדים. נור די אינגלעך, וועלכע דרעהען זיך צווישען זיי אַרום, זיינען אָבגעריסען און כמעט אַלע באָרפּוס.

מען שטעהט רעדלעכוויים. אַלטע מיט אַלטע, יונגע מיט יונגע. מען איז אונגעדולדיג, וואָס מען לאָזט זיי אַזוי לאַנג וואַרטען. די געשפּרעכען קלעבען זיך עפּים נישט. די אינגלעך העבען אָן צו שפּיעלען אין „כאַפּענים“, נור ברוך דער אַלטער, דער עלטסטער צווישען די אַרבייטער, שרייט אויף זיי אָן. „עס איז היינט נישט אַ צייט פון שפּיעלענים,“ מיינט ער. די קינדער רייסען איבער דאָס שפּיעלען. אין אַ ווײַלע ארום שלאָגען זיי זיך פאר אַ קנעפּעל.

נור אַרום געציל לין איז נאָך אַ ביסעל פרעהליך. ער זיצט אויף אַ טומבע נעבען טראָטואַר, העבט שטיינער פון דער ערד און ציעלט אין די פויגעל, וועלכע שפּרינגען אום אין מיטען גאַס, אָדער

אין פארבייגעהענדיגע מיידלעך. ער טוט עס לאַנגזאַם, אָהן חשק. מען דארף דאָך מיט עפּיס די צייט אראָבשטופּען. גלאַט איז ער יעצט אין כעס אויף ר׳ אליה׳ן, גיט ער נאָך מיט עפּיס דאָס הארץ.

די בחורים ארום איהם האָבען פערגניגען, נור די אַלטע אַרביי־טער, וועלכע שטעהען אָנגעשפּאַרט אָן טויער, קוקען אויף איהם אָנגערוקט.

„ביי איהם זיינען אַלע צייטען גלייך,“ מורמלען די אַלטע.

דער יונגער עולם קוקט געצלען אין מויל אריין: וואָס וועט ער ענטפערען? ער פיהלט אויף זיך די בליקען, נור ער ענטפערט גאָר נישט, כאָטש אין קאָפּ דרעהען זיך ארום אַלערליי ענטפערען. ער האָט שיער נישט געזאָגט, אז א מיידעל געפעלט איהם שטענדיג. אָבער ער האָט עס נישט געזאָגט, ער האָט זיך געפּוילט.

„וועסט מאָרגען קומען מיט מיר פאַסטען?“ פרעגט ער פּלוצ־לינג ביי א פארבייגעהענדיגער דיענסט.

„וואָס זאָגסטו צו זיין קאָפּ!“ ענטפערט אָב דאָס מיידעל און געהט פּאָראיבער. זי קוקט זיך דאָך אין איהם איין: צי וואָלט עס איהר געלוינט?

„מאַגסט זיך טאקי בעגראָבען לעבעדיגערהייט, פּראָסטער גוי דו!“ צובייזערט זיך דער אַלטער ברוך. „ערב יום כפּור, נישט ערב יום כפּור — נישטאָ קיין חלוק!“

„ר׳ אליה׳ס זכות וועט מיר ביישטעהן,“ ענטפערט געצעל פּויל.

„ער וועט זיין פאר מיר א גוטער בעטער...“

„אין גיכע צייטען נור,“ כאַפּט אונטער א בחור, „פאר מיר און פאר כל ישראל...“

„ונאמר אמן!“ זינגט אוים איין אנדער בחור.

„שאַרלאַטאַנעס!“ רעדען צווישען זיך די אַלטע ארבייטער.

„ערב יום כפּור, נישט ערב יום כפּור — גאָר נישט!“ מור־מעלט ברוך.

ער איז אויך נישט גאָר שלום מיט ר׳ אליה׳ן. עס ליעגען איהם גוט אין קאָפּ טויזענדערליי אונגערעכטיגקייטען, וועלכע ער האָט פערטראָגען פון איהם. דאָך וועט ער ערב יום כפּור נישט

מאַכען דערפון קיין רעד. מען טאָר נישט! א דם שונא אפילו איז ער מוחל במחילה גמורה, לכל הפחות אויף די ליפּען וועט ער קיין קללה נישט אַרויפבריינגען. די שקצים — זאָל גאָט נישט שטראָפען פאַר די רעד! — זיינען „פּשוט אסור לרחם“.

„אָבער וואָס געווערט עס דאָרטין אזוי?“ פרעגט מיט אונגע־דולד איין אַלטער אַרבייטער.

„ער צעהלט זיינע עברות,“ ענטפערט דער ליץ געלאַסען.

און אין א ווייַלע אַרום גיט ער צו:

„ער מוז גאָר אָנגרייטען פאַר אונז א דרשה, ווי פאַר א יאָה־רען. נו, קינדערלעך, האָט אייך א „שימע טויבע“, העבט ער אָן מיט ר׳ אליה׳ם קול. „דער אויבערשטער זאָל אייך צוברעכען די קעפּ... איך מיין די הערצער און איהר זאָלט האָבען א גרינגען תענית, כל זמן איהר וועט לעבען.“

דאָס יונגוואַרג צולעגט זיך פאַר געלעכטער, די אַלטע וואַרפען קרומע בליקען.

„ערב יום כפור, נישט ערב יום כפּור — ביזט א גוי, טאָ שמד זיך אין אל די רוחות!“ זידעלט זיך ברוך.

„אין קאַנטאָר! אין קאַנטאָר!“ דערהערען זיך קולות פון הויף.

די אַרבייטער ריהרען זיך.

„קומט אָנקוקען דעם כשר׳ן פּרצוף,“ זאָגט געציל אויפשטע־הענדיג פון טומבע. דאָס יונגוואַרג געהט מיט איהם, מיט א שמייכעל אויף די ליפּען. —

ד ר י ט ע ר ט י י ל.

דאָס שפּיעל.

ר׳ אליה זיצט אויף זיין אָרט ביים טיש און קוקט אַריין אין חשבון. דאָס גאַנצע געלד ליעגט פאַר איהם. היינט וויל ער בע־צאָלען מיט דער אייגענער האַנד. עס דאַכט זיך איהם, אז דאָס איז אַ מצוה... ער וועט נאָך בעגעהן זיך מיט די אַרבייטער וואָס

ווייכער. ער פיהלט א ווארמקייט אין גאַנצען קערפּער — עס ראַכט זיך איהם, אז ער איז א צדיק. און ער ווערט אלץ בעסער און בעסער. זיין קוק אויף די אַרבייטער בעקומט אַפילו א פריינדלי־כען אויסדרוק.

די אַלטע מיט די אינגלעך שטעהען פאראוים, די יונגע לייט פון הינטען. געציל שטעהט מיט איין ערנסטער מיענע אויפ׳ן גע־זיכט, נור זיינע אויגען קוקען איראָניש אויפ׳ן בעל־הבית. ער ווייס עפּיס נישט, וואָס פאר א שטאָכוואָרט ער זאָל זאָגען.

און דאָס יונגוואַרג קוקט אַריין געצלען אין די אויגען.

„נו, קינדערלעך," ווענדט זיך ר׳ אליה פריינדליך צו די אר־בייטער. „מיר וועלען זיך פערגאַנדערצאָלען און צוזעגענען. איהר דארפט דאָך מסתמא האָבען דאָס געלד."

„נאָך ווי," ענטפערט עמיץ.

„א ודאי, א ודאי!" זאָגט ר׳ אליה גאָר ווייך. „מיר וועלען דערפאר קיין שהיות נישט מאַכען. נו, ברוך!"

פון עולם טיילט זיך אָב ברוך דער אַלטער און געהט צו צום טיש.

„יעמוד ר׳ ברוך!" זינגט אוים געציל.

די ארומיגע פערדעקען די מיילער און קוקען אויף דער ערד.

ברוך בעקומט זיין געלד, בעהאַלט עס אין קעשענע און וויל אַוועק.

„האָט אייך א חתימה..." העבט ער אָן.

„וואַרט, וואָס ענטלויפסטו?" האַלט איהם אָב ר׳ אליה. „מיר וועלען אונז א פריער פערגאַנדערצאָלען מיט אַלעמען, דערנאָך ווען מיר אונז צוזעגענען, ווי געהעריג, מיר ווען נעמען א ביסעל „משקה"... וואָס ענטלויפסטו! ? עוזר!" רופט ער אוים א צוויי־טען אַלטען אַרבייטער. „מיר זיינען דאָך עפּעס אידען, היינט איז ערב יום כפּור," רעדט ער ווי פאר זיך, אַריינקוקענדיג אין חשבון.

„גרייט אָן דרשה־געשאַנק!" וויצעלט געציל.

ר׳ אליה וואַרפט א בליק אין געציל׳ס זייט. ער קאָן נישט ליידען די גאַנצע חברה, וואָס שטעהט דאָרטען. נור ער שטאַרקט

זיך און טרייבט פון זיך די שנאה. ער וויל יעצט אויף קיינעם קיין שנאה נישט טראָגען. און עס דאכט זיך איהם, אז דער „מלך עליון“ זעהט אַלץ, וואָס עס טוט זיך ביי איהם אין האר־צען, און ער ווערט אַלץ פרעהליכער און בעסער.

„איך האָב געוואָלט בעטען, איהר זאָלט מיר געבען עפּים מעהר געלד,“ זאָגט עוזר מיט א געבעט.

„מעהר געלט איז היינט נייטא,“ האָט ר׳ אליה ווייך נור אונ־גערן ארויסגערעדט. ער כאַפּט זיך אָבער באַלד: מען האָט נישט געדארפט אָבזאָגען. נור איהם פאַלט איין, אז נאָך יום טוב וועט ער עוזר׳ן נישט האַלטען מעהר, און עוזר וויל דאכט זיך אליין אוועקגעהן פון איהם. און גלאַט ער זאָל געבען עוזר׳ן, דארף ער שוין אַלעמען געבען, ווארום אַלע ווע־לען בעטען, זיי דארף מען דאָך נור בעווייזען א דרך.

„שמערעל!“ רופט ער אויס אָ דריטען אַלטען ארבייטער.

„איהר וואָלט מיר געטאָן א גרויסע טובה. איך דארף אזוי נויטיג!“ רעדט עוזר זיינס.

און ר׳ אליה וויצעלט גוטהערציג:

„איך דארף אויך, שמערעל דארף אויך. זאָג, שמערעל, דו דארפסט אויך?“

„אָ, נאָך ווי דארף איך!“ ענטפּערט יענער. „איך האָב טאַקי אייך געוואָלט בעטען...“

„זעהסט, האַ?“ ווענדט זיך ר׳ אליה צו עוזר׳ן. — „שמחה!“ רופט ער אויס א פיערטען. ער וויל שוין פערגעסען דעם גאַנצען פאַרפאַל מיט עוזר׳ס בקשה.

„אָבער איך מוז!“ שטעהט צו עוזר. „איך האָב מיך אָבגע־בעטען ביי ביינוש דעם וואָכערניק ביז היינט...“

„ביזט א קינד און גאָר,“ זאָגט ר׳ אליה ווייך, כאָטש עס פער־דריסט איהם שוין עוזר׳ס עקשנות. „אפרים!“ רופט ער אויס.

„ביזט א קינד,“ זאָגט ער ווייטער צו עוזר׳ן אזוי זיס, אזוי הארציג. „איך זאָל דיר געבען, דארף איך געבען ברוך׳ן, שמערלען, אפרים׳ן — — דארף איך אַלעמען געבען. אַלע דארפען. איך וויים דען

נייַט, אַז אַלע דאַרפֿען? ביי דיר, אפרים, איז, דאַכט זיך, אַ טאָכ־טער קראַנק? וואָס מאַכט זי?" פרעגט ער דעם ארבייטער מיט רחמנות.

„וואָס זאָל זי מאַכען? ליעגט! איך וואָלט געהאַט געלד...." ענטפערט אפרים אָהן חשק און פערצווייפעלט.

עוזר'ס געזיכט איז פערקרימט פון האַרצוועהטאָג. ער קוקט זיך אום מיט די חברים. די חברים שטעהען אַלע אָנגערוקט. אפילו ברוך איז יעצט אין כעס.

„געפונען דעם געבער," שעפּציעט ברוך.

„גלייך ער וואָלט איהם נישט געקאָנט," מורמעלט שמחה.

„ע, כע—כע!" זיפצט אָב אפרים.

„ערב יום כפור, נישט ערב יום כפור," ברומט אונטער געציל אין ברוך'ס טאָן.

עוזר זיפצט אָב און רוקט זיך ארוים פון קאַנטאָר.

„ערב יום כפור, ר' עוזר!" שיקט איהם נאָך אַ יונגער אר־בייטער.

„ע—ע—עך!" מאַכט עוזר מיט דער האַנד און געהט אוועק.

ר' אליה פיהלט, אַז די אַרבייטער פערמסר'ען איהם ווייטער פאַר דעם „מלך עליון". „דאָס איז אַ חברה," טראַכט ער, אוים־רופענדיג איין ארבייטער נאָכ'ן אַנדערן. „זיי האָבען דען ליעב אריינגעהן אין דעם בעל־הבית'ס לאַגע? גיב און גאָר! — מעהר ווייסען זיי נישט."

עס פערדריעסט איהם אפילו, וואָס ער האָט זיך אָנגעהויבען מיט עוזר'ן. נור, בדיעבד, אַז עס האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט — — ע!

„געציל!" רופט ער אוים ווייך. ער וויל זיך אפילו מיט זיין גרעסטען שונא זעהר פריינדליך בעגעהן.

„איך בין דאָ!" שרייט אוים דער ליץ און לאָזט זיך געהן צום טיש.

„מאָרגען איז יום כפור, געציל!" מוסר'ט ר' אליה. „געציל, מאָרגען — יום כפור!"

„אָ, איך ווייס!“ קרעכצט אָב געציל.

„ביזט א שייגעץ, געציל, א גרויסער שייגעץ,“ מוסר'ט ווייטער ר' אליה, אָבגעבענדיג איהם דאָס געלד.

„א שלעכטע וועלט, ר' אליה, ניטאָ זיך פון וועמען גוטס אָבלערנען, ר' אליה,“ שטעכט זיך דער לץ.

„ביזט א שייגעץ, א גרויסער שייגעץ,“ זאָגט ר' אליה מיט א האלבען מויל און רופט אויס איין אנדער יונגען ארבייטער.

געציל איז נישט צופריעדען. ער האָט צו וועניג און שלעכט אָבגעענטפערט. געדארפט איהם עפּיס ארייננלאָזען א שפּילקע, עס זאָל איהם פערכאַפּען ביי דער נשמה. די חברים זיינען אויך נישט צופריעדן. און זיי האָבען אזוי געווארט אויף דאָס ספּעקטאקל.

א שווייגענדיגער פערלאָזט געציל די קאַנטאָר, שווייגענדיגע געהען אוועק די יונגע לייט, אָבנעמענדיג זייער געלד

ר' אליה'ן שטעכט, וואָס זיי געהען אוועק, נור ער שטעלט זיי נישט אָב. ער ווייס, אז אומזיסט וועט זיין די טרחה. דער ערב יום כפּור מאַכט אויך נישט ווייך זייערע הערצער. רשעים! און ער ווערט אלץ ווייכער און ווייכער צו די איבעריגע. די קינדער גיט ער אפילו צושטייער אויף מחזורים — — ער בעקוקט מיט נצחון אלע ארבייטער. און ברוך'ן דאכט זיך, אז ר' אליה האָט פּאָרט א אידיש הארץ.

דאָס פערנאַנדערצאָלען זיך איז געענדיגט. ר' אליה שטעהט אויף פון דעם שטול מיט א זעהר פריינדליכער מיענע.

„נו, ברידערלעך,“ זאָגט ער לעבעדיג, „יעצט וועלען מיר אונז צוזעגנען, ווי עס דארף צו זיין, מאַכען לחיים, פערבייסען.“ ער העבט אָן אָנגיעסען די גלעזלעך. ברוך, שמערעל, אפרים און שמחה זיינען פון די ערשטע.

„לחיים, ר' אליה,“ ווינשען זיי. „דער אויבערסטער זאָל אייך געבען א חתימה טובה...“

„אמן, גם אתם!“ ענטפערט ר׳ אליה פרום און פריינדליך.
„נאט לעקעך... געהט געזונטערהייט א היים, האט א גרינגען תענית, און בעט עפּים אויס, ברידערלעך, א גוט יאהר, גוטע געשעפטען — — געה, בערקע, נעם א ביסעל בראנפען — — דאס נייע יאהר זאל זיין בעסער, ווי דאס אלטע — — וואס טרינקסטו נישט אויס אין גאנצען, שלים־מזל'ניק דו! נא, א שטיקעל לעקעך — — מען טאר נישט זינדיגען, א מענש דארף דאנקען גאט פאר יעדען טאג, וואס ער לעבט איבער...“

„ברוך ד׳ יום יום,“ זאגט אונטער ברוך מיט א זיפץ.

„א ודאי אזוי, רעדט ווייטער ר׳ אליה, „נור דאך מאג דאס נייע יאהר זיין א ביסעל בעסער — — געהט, קינדער, נעמט צו ביסלעך בראנפען — — נו, און איך בין אייך אלץ מוחל, אלץ. איהר זייט זיך אפילו נישט ארענטליך בעגאנגען מיט מיר, נור גאר נישט — — נא, לייבקע, וואס שטעהסטו פון ווייטען? — — נור גאר נישט...“

„איהר אויף אונז דארפט א ודאי נישט ברוגז זיין,“ האלט זיך אפרים נישט איין.

„ניין, איהר האט זיך זעהר נישט פיין בעגאנגען,“ שטעהט ר׳ אליה אויף זיינס. „דער שטרייק — נישטא וואס צו רעדען... ע — וואס ארט אייך! דאס הייסט מיט געוואלד ארויסגעריסען ביי מיר! נור גאר נישט. מוחל, אלץ מוחל. עס געהט א יום כפור, לאָ־מיר בלייבען גוטע פריינד.“

נור די אלטע ארבייטער פיהלען זיך בעליידיגט.
ער איז נאך געדעכט! ער איז נאך מוחל!
און ברוך דערפיהלט, אז ר׳ אליה האט אין זיך נישט א טראָ־פען אידיש בלוט.

ברוגז'דיגע העבען זיי אן צו פערלאזען די קאנטאר.
„געהט געזונטערהייט,“ רעדט זיי נאך ר׳ אליה און פיהלט, אז דער אבגרונד צווישען איהם און זיי איז נאך גרעסער געווארען.
„איך זאג אייך, איהר מאגט בעטען פאר מיר. זאל מיר נור גאט

אזוי העלפען, ווי איך וואָלט אייך ווען גוט צאָלען. איהר מאָגט בעטען פאר מיר — — און איהר, חברה," ווענדט ער זיך צו די קליינע, „זאָלט קויפען מחזורים, הערט איהר!"

„פאַרכעם, אלע פאַרכעם," בעשליעסט ער בלייבענדיג אליין אין קאנטאָר און קרעכצט פרום אָב:

„אָ—אָ—אָך!"

„ע — ע — ך!" קרעכצען אָב די אלטע ארבייטער אויף דער גאס.

.1895

צמח דער טישלער.

אַ טישלער איז ער געוועזען, אַ גאַנץ איינפאַכער ארבייטער. נור א „טרפ'ער" מענש האָט מיט איהם צוויי מאָל פערבראַכט — און ער איז אַריינגעפאַלען אין געפענגנים.

מען האָט ביי איהם געפונען א קליין, בלוי העפט, וואָס דער „טרפ'ער" מענש האָט ביי איהם איבערגעלאָזען. אין דעם קליינעם העפט האָט עמיץ פּראָטעסטירט, געוואַלט געשריען געגען דער אלין טויטענדיגער רעגיערונג און געגען דער ניעדערטרעכטיגער קאַפּי־טאַליסטישער וועלט און געלערנט אלע זיינע פריינד, די אונגליק־ליכע, פערהונגערטע ארבייטער, אז זיי זאָלען אויך פּראָטעסטירען. ער האָט דאָרטין גערעדט מיט פייער, מיט היץ, מיט'ן בלוט פון זיין הארץ האָט ער דאָרטין גערעדט, ווייל ער האָט שטאַרק גע־ליעבט די אונטערדריקטע און תכלית שנאה פיינד געהאַט די אונ־טערדריקער.

מיט מיה און מאַטער האָט צמח דער טישלער געלייענט דאָס געשריעבענע העפט, ווייל ער האָט ערשט זיך אָנגעהויבען צו לער־נען שרייבען און לייענען, ווען ער האָט אָנגעהויבען אליין אויף זיך צו פערדיענען. ער האָט גראָשענס געצאָלט און געדאַנקט גאָט, וואָס עם גיט אין שטאָדט א חאַציע דער לעהרער, וועלכער איז נאָך נישט ווערט געוועזען די גראָשענס. און יעדע שורה, וועלכע ער פלעגט בייקומען אין דעם קליינעם געשריעבענעם העפט, האָט ביי איהם אַרויסגערופען ליעבע און טרייהייט צו דעם, ווער עס האָט די שורה געשריעבען. אַ גאַנצע נאַכט איז ער אָבגעזעסען איבער דעם ביכעל, ביז ער האָט עס דורכגעלייענט פון טאָוועל ביז טאָ־וועל. אַז ער האָט געענדיגט, האָט ער אַרויסגעלאָזען נור איין „אַ!" — דאָס איז געוועזען דער אויסגעשריי פון פערוואונדערונג

צו דעם שרייבער, דער אויסרוף פון התפּעלות, פון ענטציקען, פון גרויס פערגניגען. און אין א ווײלע ארום האָט ער ארויסגערעדט: „אַך, אַ רוח אין זייערע טאַטענס אריין!" דערמיט האָט ער געמיינט די רעגיערונג, די קאַפּיטאַליסטען און אַלע מענשענאונטערדריקער און מענשענפרעסער. און באַלד האָט ער אויפגעעפענט נאָך אַ מאָל דאָס העפט און איבערגעלייענט אַ פּאָר ערטער, וועלכע זיינען איהם בעזונדערס געפעלען געוואָרען. ער האָט געקוקט אויף די געליעבטע שורות, נישט געקאָנט אָברייסען פון זיי די אויגען. ער האָט געוואָלט גאָר אין גאַנצען אריינגעמען זיי אין זיך, דורכפיהלען זיי, אריינזעצען זיי זיך אין דער נשמה. און ער האָט אַלץ בעגריפען, אַלץ דורכגעלעבט, און זיין הארץ האָט זיך שטאַרקער געשלאָגען. און דערנאָך האָט ער ווייטער געבלעטערט דאָס העפט און אריינגעקוקט אין נאָך עטליכע זייטלעך. יעדעס זייטעל האָט איהם אינטערעסירט, אויף יעדען זייטעל האָט ער געפונען נור אמת, דעם ריינעם טייערען אמת.

און נאָך אַ מאָל: „אַ!" און נאָך אַ מאָל: „אַך, א רוח אין זייערע טאַטענס אריין!"

עס איז ביי איהם געבליעבען, ער זאָל לאָזען ביי זיך דאָס העפט נאָך אויף א נאַכט, און ער איז איינגעשלאָפען מיט דאַנקבאַרקייט צום שרייבער. קוסען וואָלט ער איהם אין רעכטען מיטען גאַס! איהם האָט אפילו פערגניגען געטאָן, וואָס ער איז פון די איינציגע, וועלכע ווייסען, ווער דער שרייבער איז. דאָס האָט איהם געקיצעלט; דאָס האָט איהם גרויס געמאַכט

אין דעם גאַנצען אויף־מאָרגענדיגען טאָג האָט ער זיך געפיהלט, ווי א נייער מענש. אַ נייע הויט, א נייע נשמה. ער האָט פריינדליך צוגעשמייכעלט ביי דער אַרבייט זיינע זויפגעקלערטע חברים, ווי ער וואָלט זיי וועלען געבען צו פערשטעהן, אז ער ווייס שוין עפּיס, אז ער געהערט צו זיי. און זיין רייכען בעל־הבית האָט ער היינט פיינט געהאַט מעהר פאר אַלע מאָל

ער האָט געלאָזען ביי זיך דאָס העפט נאָך אויף א נאַכט, און

אין דער נאַכט איז ער אַריין אין געפענגנים אין אַ בעזונדער צימער, און דאָס ביכעל איז אריינגעפאלען צו דער פּאָליציי אין די הענד.

די טיר פון דעם שטייגעל האָט זיך הינטער איהם פערמאַכט, און ער איז געבליעבען אַליין אין דער פינסטערניס. די טרערען, וועלכע זיינען איהם דעם גאַנצען וועג געשטאַנען אין די אויגען און געוואָרגען אין האַלז, האָבען זיך פּלוצלינג אַ גאָס געטאָן. און באַלד האָט ער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען און צואוויינט זיך אויפ'ן קול. ער האָט געשפּירט אַ גרויס אונגליק, עס האָט איהם אָנגעכאַפּט אַ פערצווייפלונג. דאָס איינציגע, וואָס ער האָט גע־קאָנט, איז געוועזען גוט אויסוויינען זיך.

זיין היסטעריש וויינען האָט דורכגעדרונגען דורך די ווענד אין די דאַבייאַיגע קאַמערן און דורכגענומען יעדען אבר פון די אונ־גליקליכע, וועלכע זיינען דאָרטין איינגעשפּאַרט געוועזען. זיי איז געוואָרען אַזוי שווער, אַזוי דריקענד־ שווער! זיי האָבען צוגעלעגט דאָס אויער צו דער וואַנד. זיי האָבען געוואָלט דערקענען אין דעם וויינען אַ בעקאַנטע שטימע, אין דעם געוויין אָבלייענען אַ גערום פון דעם, וואָס עס טוט זיך דאָרטין אין דער אָפענער, כלומר'סט פרייער וועלט. דערנאָך האָבען זיי ליכט, גאַנץ ליכט אָנגעהויבען צו קלאַפּען אין די ווענד. זיי האָבען געוואָלט געבען צו ווי־סען דעם נייעם אונגליקליכען, אַז ער זאָל זיך בערוהיגען, אַז ער איז נישט אַליין, אַז עס זיינען פאַראַן מענשען, וועלכע פיהלען מיט איהם מיט, וועלכע ליידען יעצט גליידך מיט איהם...

דער זשאַנדאַרם, וועלכער איז געשטאַנען אין קאָררידאָר, האָט דערהערט דאָס ליכטע קלאַפּען. ער איז צו צו איין טיר און דער־נאָך צו דער אַנדערער און שאַרף אַרויסגערעדט: „רוהיג!“ און דאַן איז ער צו צו צמח'ס טיר, צוגעהערט זיך, רוהיג אַרויסגערעדט. „ווי עס ראָוועט, זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ!“ און איז ווייטער אַוועק זיין וועג.

צמח האָט גאָר נישט געהערט, וואָס עס טוט זיך אַרום איהם. ער האָט געוויינט, ביז ער האָט געקאָנט וויינען. ער איז געבליע־

בען ליגענען ווי א פלאַסט, גאַנץ אָהן כח, און אז ער איז שטיל געוואָרען, האָט ער דייטליך דערזעהען פאר זיך די שרעקליכע סצענע און דערהערט דעם ביטערען יאָמער, וואָס איז פאָרגעקומען ביי איהם אין דער היים. די שוועסטער איז געלעגען אין ספּאַזמעס און די אלטע, איינגעקנויטשטע, איינגעבויגענע מאַמע איז געלעגען ביי די זשאַנדאַרמען צו די פיס, געפּויזעט אויף ד'ר'ערד, געוואָלט כאַפּען די קאַצאַפּישע הענד קושען און געיאָמערט מיט א בענומענעם קול: „אָי, אָי, פּאַנאָציעק, טייערינקער, ליעבינקער פּאַנאָציעק!“...

עס שווידערט איהם דאָס וויינען, דער שרעקליכער יאָמער. ער הערט איהם דייטליך. ער קלינגט איהם אין די אויערן, נעמט איהם דורך יעדען אבר און ווידער עפּענט זיך אויף א קוואַל פון טרערען ביי צמח'ן.

די שכנים האָבען איהם שוין געוואָלט אָנזאָגען, ער זאָל קיין באַבע נישט זיין.

ענדליך איז ער שטיל געוואָרען. ער האָט שוין אויסגעוויינט אַלע טרערען. נאָך האָט ער געהערט דער מאַמעס וויינען און געזעהן פאר זיך דער שוועסטער'ס ספּאַזמעס און עס האָט איהם געשווידערט, געריסען דאָס האַרץ. אָבער ער האָט נישט געוויינט. און ביסלעכווייז דרינגט איהם דורך א נייע געפיהל. ער קוקט מיט אָפענע אויגען אין די געדיכטע פינסטערנים אַריין. ער וויל עפּיס בעטראַכטען, בעגרייפען, פערשטעהן.

וואָס וועט זיין מיט איהם?!... וואָס וועט זיין מיט איהם?!...

ביים „אָביסק“ האָט צמח דער טישלער נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן אויף דער פראַגע, וואָס איז דאָס פאר א ביכעל. ער האָט זיך געטרייסעלט מיט'ן גאַנצען קערפּער, עס האָט איהם געקלאַפּט א צאָן אָן א צאָן. „יאָ... ניין“... „ניין... יאָ“... ער האָט עפּיס נישט פערשטאַנען דאָס רוסיש. ער איז געוועזן אויסער זיך. „יאָ... ניין“... „ניין... יאָ“...

וואָס דען האָט ער געזאָלט ענטפערן? און וואָס וועט ער ענט־פערן מאָרגען?

ער וועט זיך מאַכען, אז ער פערשטעהט נישט אויף רוסיש. ער וועט זאָגען, אז דאָס בלויע העפט האָט ער אָבגעשריעבען פון א אידישען ביכעל, נור ער געדיינקט נישט פון וועלכען, ווייל דאָס איז שוין געוועזען לאַנג, ווען ער האָט זיך געלערנט שרייבען. אָדער זאָל ער זאָגען, אז ער האָט דאָס ביכעל געפונען אויפ'ן גאַס? און אפשר זאָל ער זיך מודה זיין, ווער עס האָט איהם געגעבען דאָס ביכעל און זאָגען, אז יענער האָט איהם איבערגערעדט, אז ער איז נישט שולדיג, גאָר נישט שולדיג, אז ער האָט איין ארמע, קראַנקע מוטער, וועלכע ער האָט אונטערגעהאַלטען, און איין אַלטע שוועסטער, וועל־כע ער האָט געוואָלט חתונה מאַכען פון זי־ן פרנסה...

און אין ד'ר־אמת'ן טאַקי, וואָס פאר א סאָציאַליסט איז ער? ער האָט איבערגעלייענט אַ ביכעל? ווער זאָגט, אז ער האַלט מיט דעם ביכעל? און ער וויל גאָר נישט האַלטען!

ביי דעם לעצטען געדאַנק פיהלט ער, אז ער לייגט. ער האָט דערשפירט דאָס ביכעל און דעם נחת, וואָס ער האָט געהאַט ביים לייענען.

אַך, וואָס וועט ער זאָגען? וואָס וועט ער זאָגען?

עס ווערט איהם אזוי שרעקליך אין דעם פינסטערן צימער און אזוי אומעטיג. ער וואָלט אויף זיך דאָס האָר געריסען און די צורה געדראַפּעט.

ער האָט דערהערט א בעוועגונג הינטער דער וואַנד. ער האָט איינגעהאַלטען דעם אָטעם, כדי בעסער איינצוהערען זיך.

און באַלד האָט ער זיך צוגערוקט צו דער וואַנד. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אז אויב ער וועט ליעגען הארט ביי דער וואנד, וועט ער נישט זיין אַליין, וועט איהם פרעהליכער ווערען.

ער איז געוועזען מיד, שרעקליך מיד, נור דער שלאָף האָט איהם נישט גענומען. דאָס האַרץ האָט איהם שטאַרק געדריקט, קאַלט איז איהם געוועזען, און דער קאָפּף האָט אָהן איין אויפהער און אָהן א סדר געאַרבייט. דאָס שטעלט זיך איהם פאָר, וואָס ע־

איז פאַרגעקומען אין דער היים, דאָס טראַכט ער, וואָס זאָל ער ענט־פערן, דאָס וויל ער דערגעהן, וואָס מיט איהם וועט זיין.

און אָט דערמאָנט ער זיך אָן דאָס קליינע, בלויע, געשריעבענע העפט און עס שוידערט איהם. די האָר שטעלען זיך איהם אויף פאר שרעק. מורא׳דיגע זאכען זיינען דאָרטין אָנגעשריעבען! ער האָט גאָר מורא ארויפצוברייינגען עס אויפ׳ן זינען, דאָ, צווישען די פיער ווענד פון דעם פערשפאַרטען שטייגעל, אין דער גערדיכטער פינס־טערניס.

„אוי, אוי, אוי, אוי!“ האָט זיך ביי איהם ארויסגעריסען מיט פערצווייפלונג, און דאָס געזיכט האָט ביי איהם געברענט.

ער האָט זיך אויסגעצויגען אויפ׳ן בעטעל מיט׳ן געזיכט אראָב און אריבערגעוואָרפען די הענד איבער׳ן קאָפּ. וואָס זאָל ער טון? וואָס זאָל ער טון? וואָס פאר איין עצה זאָל ער זיך געבען? אין קאָפּ איז געוועזען א רעש, א גערודער — א שטאַרקער גערודער, פון וועלכען עס איז געוועזען אזוי אונאַנגענעם, אזוי שרעקליך, אזוי ביטער. צום ווייגען! נור ער האָט שוין קיין טרערען נישט געהאַט.

און דאָס קליינע ביכעל שטעהט פאר די אויגען. ער זעהט די געשריעבענע שורות, ער זעהט די שריפט, וואָרט ביי וואָרט, אות ביי אות.

א פערפאַלענער איז ער!

בררררר!... אַ פראָסט געהט איהם דורך איבער׳ן לייב. ער דריקט איין דעם קאָפּ מיט די עלענבויגענס שטאַרק, שטאַרק.

ער וועט משוגע ווערען פון פערצווייפלונג! ער וועט זיך א מיתה אָנטון!...

ער האָט געטראַכט, געטראַכט... עס האָט שוין אָנגעהויבען צו טאָגען, עס איז שוין געוואָרען גרויסער טאָג, און ער האָט נאָך אַלץ נישט געשלאָפען און איז געוואָרען אלץ אונרוהיגער. אָט קומט מען איהם רופען צום פערהער, און וואָס זאָל ער זאָגען?!...

טויזענדער פּלענער! אין די פּלענער מישען זיך שטיקלעך פון אַלערליי געדאַנקען, וועלכע בערוהיגען איהם אויף א ווייל‌ע, נור

באלד קעהרט ער זיך אום ווידער צו זיינע פלענער און ווארט ווייטער אויסער זיך, פערצווייפעלט, אויפגערעגט.

מען האט אנגעהויבען אבריגלען זיין טיר. ער איז אויפגע־שפרונגען נישט טויט נישט לעבעדיג. א זשאנדארם האט אריינגע־טראגען טיי, אנידערגעשטעלט אויפ'ן טיש און איז אוועק. צמח איז געקומען צו זיך, צוריק אוועקגעלעגט זיך אויפ'ן בעט און ווייטער געטראכט. אין טראכטען האט ער אויסגעשטרעקט די האנד צו דעם גלאז טיי און אויסגעטרונקען דאס ביסעל אונריינע וואסער, און נישט געמערקט און נישט געפיהלט, וואס ער האט געטאן. ער איז באלד איינגעשלאפען. ער איז אבגעשלאפען ווי א גע'הרג'־עטער דעם גאנצען טאג און די גאנצע נאכט. מען האט איהם עטלי־כע מאל אויפגעוועקט צו וואַרמעס און וועטשערע — און יעדעס מאל איז ער אויפגעשפרונגען, מיט איין אפענעם מויל, דערשרא־קען. נור באלד האט ער זיך איבערגעקערט אויף דער אנדער זייט און איז ווידער איינגעשלאפען. דער הארטער שלאף פון דעם אר־בייטענדיגען טישלער האט מנצח געווען.

דער לאנגער און הארטער שלאף האט איהם נישט דערפרישט. ער איז אויפגעשטאנען א צובראכענער, א מידער, ווי ער וואלט אב־געטאן די שווערסטע ארבייט. אין הארצען האט געגאגט און גע־נאגט, נור דער קאפף איז געוועזען פוסט. איין זאך האט איהם נור אינטערעסירט: וויפיעל איז ער אבגעשלאפען — א טאג, צו צוויי, צו א האלבען? דער זשאנדארם, וועלכער האט איהם גע־בראכט טיי, איז געוועזען אזוי פריינדליך און געזאגט איהם, ווי־פיעל איז עס א זייגער און וועלכער טאג היינט איז, און צוגעגעבען, אז ער וועט נאך צייט האבען די טעג צו פערגעסען.

„וועסט זיך שוין אנזיצען!" האט דער זשאנדארם געענדיגט זיין ענטפער.

אויף צמח'ן האבען זיינע ווערטער קיין שום איינדרוק נישט געמאכט, זיי זיינען פארבייגעפלויגען פאר זיינע אויערן. מיד און אהן געראנקען אין קאפף האט ער געטרונקען דעם טיי און אהן א

זין ארומגעקוקט דאָס צימער. ער האָט בעקוקט די טיר, די וואַנד, דאָס פענסטער מיט די גראַטעס, דאָס בעט, דעם טיש; זאָגאַר דאָס צינערנע גלאָז, פון וועלכען ער האָט געטרונקען, האָט ער ווי שאַרפזיניג בעקוקט, און דאָך האָט זיין מח נישט געאַרבייט, און צמח האָט נישט געוואוסט, וואָס האָט ער געקוקט און אויסגעקוקט אין דער טיר, די וואַנד, דעם פענסטער און צינערנעם גלאָז. ער האָט נישט געקאָנט טראַכטען, ווייל ער האָט געדאַרפט א סך טראַכטען.

ער האָט אָבגעטרונקען דעם טיי, איז אויפגעשטאַנען, האָט אויסגעצויגען די הענד און געוואָלט א געניץ טון. נור זיין בליק איז געפאַלען אויפ'ן פענסטער מיט די גראַטעס און איהם האָט זיך פערוואָלט ארויפדראַפּען זיך אַהין און א קוק טון אויף די גאַס. ער האָט צוגערוקט דעם טיש צום פענסטער, ארויפגעקראָכען אויף דעם טיש, אָנגעכאַפּט זיך פאר די גראַטעס און ארויפגעצויגען זיך אויף דאָס משופּע'דיגע פענסטער. ער האָט דערזעהן דעם הויף און מענשען. דאָס הארץ האָט איהם אָנגעהויבען שטאַרקער צו שלאָגען. ער האָט געקוקט מיט שטאַרקער לוסט. ער האָט געוואָלט דערזעהען בעקאַנטע און דער הימעל איז איהם אזוי טייער געווען.

ער האָט געקוקט לאַנג. ער האָט נישט געקאָנט אָברייסען די אויגען פון דער „פרייער וועלט“. ליעגענדיג אויף דעם משופּע'דיגען פענסטער, אָנגעהאַלטען מיט די הענד פאַר די גראַטעס, האָט ער געפיהלט די געפענגנים, דעם שלאָס און ריגעל, די איינזאַמקייט. אָבער דער גאַנצער גוף האָט געצויגען אַראָב, די הענד זיינען פער'חלש'ט געוואָרען, און ער האָט געמוזט אראָב פון פענסטער. יעצט האָט איהם דאָס ענגע צימער אויסגעזעהען אַזוי וויסט, אזוי ישרעקליך, אזוי ווילד. עס האָט איהם פערקוועטשט דאָס הארץ און מיט א מאָל האָט ער דערפיהלט די אלע אומעטיגע, שווערע, שרעקליך שווערע געדאַנקען.

עס האָט איהם אָנגעהויבען ברענען אין מח און שוידערן דער לייב. ער האָט זיך געלאָזט אומגעהן איבער'ן חדר און טראַכטען,

פלוצלינג האָט ער בעמערקט אויף דער רעכטער וואַנד א אי־דישע אויפשריפט מיט א בלייפעדער. דאָס האָט איהם אָבגע־שטעלט. צוערשט האָט ער פערגעסען, ווארום איז ער שטעהן גע־בליעבען. ער האָט געלייענט די אויפשריפט און נישט געוואוסט, אז ער לייענט. נור אז ער האָט שוין געוואָלט אָבטרעטען פון דער וואַנד, האָט ער זיך דערמאָנט, אז עפּיס האָט איהם פעראינטערע־סירט און ערשט דאַן האָט ער דערזעהן די אויפשריפט:

„א קלאָג צו אייך, תליונים!"

ער האָט זיך עפּיס ווי פערוואונדערט: ווי קומט עס אהער? ווער האָט זיך דאָס געקאָנט אונטערשטעלען צו שרייבען אזעלכע מורא׳דיגע ווערטער, דאָ, אין געפענגנים גופא!... ער האָט גע־נומען זוכען מיט די אויגען נאָך אויפשריפטען און געפונען. מאַסען אויפשריפטען! אויף רוסיש, אויף אידיש, אויף פּויליש און אויף א סך שפּראַכען, וועלכע ער האָט נישט געקאָנט איבערלייענען. אָבער ער איז געווען זיכער, אז די אויפשריפטען, וועלכע ער פער־שטעהט נישט, זיינען אויך אזעלכע, ווי די, וועלכע ער פערשטעהט, און עס האָט איהם פערדראָסען, פאר וואָס פערשטעהט ער זיי נישט, און ער האָט מעהרערע מאָל שטאַרק געקוקט אויף זיי, גלייך ער וואָלט געהאָפט, אז סוף כל סוף וועט ער זיי דאָך פערשטעהן. עפּיס האָט ער זיך דערפיהלט היימליכער, דרייסטער, שטאַרקער און פרייער אין דער מאַסע קללות און חרמות אויף דער גאַנצער באַנדע אונטערדריקער און הערשער.

ער האָט דערהערט טריט און איז אָבגעשפּרונגען פון וואַנד. מען האָט געבראַכט דעם מיטאָג.

צמח האָט זיך איינגעקוקט אין די זשאַנדאַרמען: צו ווייסען זיי פון די אויפשריפטען? ער האָט בעשלאָסען, אז זיי ווייסען נישט, און עס איז איהם אנגענעם געוואָרען, וואָס ער ווייס אין זייער מלוכה פון א זאך, פון וועלכער זיי ווייסען נישט. ער וועט שוין אויך עפּיס אויפשרייבען! עפּיס אזוינס וועט ער אויפשרייבען, וואָס זאָל זיין שטאַרקער פאר אַלע אויפשריפטען. ער העבט זיך

אָן צו דערמאָנען אַלע האַרבע, שטאַרקע ווערטער פון דעם קליינעם, בלויען, געשריבענעם ביכעל.

הם!... דאָ גופא, וואו דער זשאַנדאַרם איז דער גאַנצער תקיף, קאָן ער איהם שעלטען, וויפיעל דאָס האַרץ געלוסט!... דער געדאַנק געפעלט איהם שטאַרק. און באַלד בעווייזט זיך ביי איהם א נייער געדאַנק, וועלכער רעגט איהם אפילו אויף: ער וועט אויסשרייבען אויף די ווענד דעם תוכן פון דעם קליינעם ביכעל!

נאָך האָט איהם געגאָגט דאָס האַרץ, נאָך האָט איהם עטוואָס אונרוהיג געמאַכט, נור ביסלעכווייז האָט ער פערגעסען אַלע אומעטיגע און שווערע געדאַנקען. ער האָט ווידער אָנגעהויבען אומגעהן איבער'ן צימער און דערמאָנען זיך דעם אינהאַלט פון דעם ביכעל. און ער פרעהט זיך: ער געדיינקט! א סך געדיינקט ער! ס'אַר'א טייערע, גאָלדענע ווערטער! יא, ער מוז עס אַלץ אויפשרייבען... זאָלען אַלע, וואָס פאַלען אהער אריין, זאָלען אַלע דאָס לייענען!...

און צמח איז געוואָרען דער אייגענער צמח, ווי אין דער נאַכט, ווען ער האָט צום ערשטען מאָל געלייענט דאָס ביכעל. ער וואָלט אַלץ אוועקגעגעבען, אבי צו האָבען ביי זיך דאָס ביכעל און לייענען און לייענען. און דעם מחבר, דעם מחבר, ווי וואָלט ער וועלען זעהען!

אין דעם ביכעל האָט ער געפונען זיין טרייסט.

ער געהט אום איבער'ן צימער, בייסט זיך די נעגעל און דערמאָנט זיך:

„די בעסטע פון אונז ווערען אומגעקומען דורך דער אכזריות, וועלכע וויל אונטערדריקען יעדע זעלבסטשטענדיגקייט, יעדען פרייען געדאַנק. מיט הונדערטער יאָהרען צוריק פלעגען זיך מענשען מקריב זיין על „קדוש השם“, פאַר וואָס זאָל מען היינטיגע צייטען נישט מקריב זיין זיך לטובת הכלל, פאַר מענשענליעבע, פאַר פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט? ווער עס פיהלט און איז מודה די היינטיגע ווילדע אונעהרליכקייט און אכזריות און ציטערט פאַר זיין הויט און בעהאַלט זיך, פעררוקט זיך אין א לאָך, יענער

איז א טויגעניכטס אָדער אויף׳ן בעסטען אופן אַ גאַנץ קליין, קליינ־טשיק מענשעלע, וואָס איז נישט ווערט צו טראָגען דעם נאָמען מענש.״

„מענשען דארפען מיר זיין!״ שטעהט ווייטער אין ביכעל. „מענשען פרייע, נישט אראָבגעפאלענע ביי זיך! און ווען די גאַנצע וועלט וויל אונז אָנזעהן און רעכנען פאר איינפאכע מאַשינעס, טאָ לאָמיר איהר בעווייזען, אז מיר זיינען מאַשינעס, וועלכע קאָנען פלאַצען, ווען זיי ווילען — פלאַצען און צורייסען און צוברע־כען אלץ, וואָס בינדט אונז, שמיעדט אונז, אונטערדריקט אונז!״

און יעדעס וואָרט דרינגט אריין אלץ טיעפער און טיעפער אין צמח׳ס מח און הארצען, גיט איהם צו כח, דערפרישט זיין נשמה, לעבט איהם אויף. און ער מאַכט נאָך א סך פּרושים, גיט צו זיינע אייגענע געדאנקען, זוכט ביישפּיעלע אין דעם, וואָס ער האָט זיך אָנגעזעהן און אָנגעהערט אויף זיין לעבען.

אך, ער וועט שוין אָנשרייבען עפּיס אזוינס... עפּיס אזוינס... שעלטען וועט ער זיך!... ווי א מארק־אידענע וועט ער זיך שעלטען!

ער קאָן נישט פערשטעהן, וואָס ער האָט זיך געוועזען אזוי דערשראָקען, אזוי אראָבגעפאלען ביי זיך. און ער קוקט מיט ליעבע און דאנקבארקייט אויף די אלע אויפשריפטען, אפילו אויף יענע, וועלכע ער פערשטעהט נישט. אין די אויפשריפטען זעהט ער די מענ־שען, וועלכע האָבען זיי געשריעבען, ער פיהלט זיי נעבען זיך, ווי גוטע חברים, וועלכע האָבען איהם אויפגעמונטערט און געראַטעוועט.

דער זשאַנדאַרם, וועלכער האָט איהם געבראכט די וועטשערע, האָט נישט געקאָנט פערשטעהן, וואָס איז עפּיס דער נייער ארעס־טאַנט אזוי לעבעדיג און אויפגערעגט.

און צמח האָט שוין געוואוסט, וואָס צו ענטפערן. ער וועט נישט זאָגען, אז ער פערשטעהט נישט קיין רוסיש. ער וועט אויך נישט זאָגען, אז ער האָט דאָס ביכעל געפונען און ווייס נישט, ווער דער מחבר איז. ניין, פע! ער האָט א בעסער׳ן תירוץ. ער וועט זאָגען, אז ער האָט דאָס [illegible] געשריעבען. „אויפגעלאָפען וועלען

זיי ביי איהם מענגען ווערען," און ער וועט זיך האַלטען זיינס! ער און ער... ער איז דער שרייבער — „און מאַכט מיט מיר, וואָס איהר ווילט!"... און מען וועט איהם גלויבען. פאר וואָס זאָל מען איהם נישט גלויבען? מען וועט איהם דערפאַר... נור זאָלען זיי טון, וואָס זיי ווילען! אין סיביר איז אין סיביר...

„ווער עס פיהלט און איז מודה די היינטיגע ווילדע אונער־ליכקייט און אכזריות און ציטערט פאַר זיין הויט, איז... א גרויסער פּאַדליעץ, א פּאַרך פון פאַרכענלאַנד!" לעגט ער איבער די ווער־טער פון ביכעל אויף זיין לשון און פיהלט, אז ער וועט קיין „פּאָדליעץ" נישט זיין, ווייל ער וועט אַלץ טון, ווייל ער איז אויף אַלץ קאַפּאַבל.

די מאַמע, די שוועסטער... עך, זיי וועלען נישט פערפאַלען ווערען. זאָל דוכטען, אז מען האָט איהם אָבגעגעבען אין סאָלדאַ־טען... זאָל דוכטען, אז ער האָט זיך אָבגעהאַקט אַ האַנד, אָדער אז ער איז גאָר געשטאָרבען... זאָל דוכטען... מאַלע, וואָס עס קאָן מיט אַ מענשען פּאַסירען! עך, זיי וועלען נישט פערפאַלען ווערען. און גלאַט — „חברה" וועט זיי שטיצען, ער ווייס, „חברה" אונטערשטיצט.

ביים פערהער איז מען נשתומם געוואָרען: אָט אָ דער אר־בייטער מיט די גראָבע מאָזאָליעדיגע הענד זאָל קאָנען אָנשרייבען אַזאַ ביכעל! מען האָט איהם געהייסען שרייבען, נור ער האָט שוין געוואָרט אויף דאָס.

„דאָס ביכעל האָב איך געשריעבען, ווען די הענד זיינען מיר נאָך נישט געוועזען אַזוי פערגרעבט פון דער אַרבייט. יעצט שרייב איך גאַנץ אנדערס, א סך ערגער," האָט ער גאַנץ רוהיג געזאָגט, נע־מענדיג די פען אין האַנד.

דער חלוק צווישעןביידע האַנדשריפטען האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען, נור צמח האָט רוהיג און קאַלטבלוטיג גע'חזר'ט זיינס: „איך האָב עס געשריעבען" — און גאָר.

מען האָט איהם מתרה געוועזען, אז ער וועט מיאוס אָבשניי־דען פאַר אַזאַ חיבור: זאָל ער בעסער אָנרופען דעם מחבר. נור צמח האָט מעהר נישט געצוקט מיט די אַקסלען.

„איך וועל דאָך נישט אויסטראַכטען אויף עמיצען א בלבול,“ האָט ער געזאָגט תמ'עוואטע.

קומענדיג פון דעם פערהער, האָט ער אָנגעהויבען ביי זיך אין צימער צו טאַנצען, שפּרינגען, זינגען, שטעלען פייגען, מאַכען נעזער. אויסגענאַרט! אויסגענאַרט! אויסגענאַרט!

און גלייך האָט ער געקריצט מיט א טשוואָק אויף דער וואנד: „ברידער, פאר איין אַנדערן וועל איך אוועקגעהן אין סיביר, ווייל איך האָב עס אַליין געוואָלט. איך האָב זיי אין ד'ר'ערד די שכורים! אוררא!“

נאָך איינִיגע פערהערען האָט מען איהם אריבערגעזעצט אין איין אַנדער געפענגנים מיט א סך אַרעסטאַנטען צוזאמען אין איין זאַל. ער האָט געביינקט נאָך זיין צימער, נאָך די אויפשריפטען, זיינע בעסטע און טייערסטע פריינד. נור דאָס אריבערזעצען האָט איהם דאָך געפרעהט. דאָס האָט געהייסען, אז באלד וועט ער זיך שוין דערוויסען זיין פסק. און איהם האָט זיך אזוי שטארק גע־וואָלט וויסען, אויף וויפיעל יאָהר וועט מען איהם פערשיקען.

און אז מען האָט איהם אָנגעזאָגט, אז ער געהט אוועק אויף דריי יאָהר אין דער ווייטער סיביר, האָט ער עפּיס דערפיהלט א מאָדנעם נחת. אך, עס האָט איהם געגאָלטען אָבטון א גוטע, וואוילע, טייערע זאך! ער האָט קיינעם נישט ארויסגעגעבען, דער מחבר איז געראַטעוועט!... אויפשרייען וואָלט ער פאַר שמחה, די ווענד פערנאַנדערטראָגען, פּאטשען אין די הענד און טאַנצען דעם פייערסטען „קאָזיק“!...

די איבריגע ארעסטאַנטען האָבען געמיינט, אז ער איז משוגע געוואָרען.

און מיט א לייכטען הארץ און פרעהליכען געמיט איז צמח אוועק אין דעם ווייטען וועג, נישט טראַכטענדיג און נישט זאָר־גענדיג וועגען דעם, וואָס מיט איהם וועט זיין. זיינס האָט ער שוין אָבגעטאָן!...

.1897

„אונזער“ ערשטער מאַי.

איך האָב בעגייסטערט דערצעהלט פּערלמאַן דעם פאַרבער פון די ערשטער־מאַי מאַניפעסטאַציעס אין פערשיעדענע פרייע לענ־דער. איך האָב איהם געוואָלט פעראינטערעסירען, אריינטון א ביינקענים אין זיין האַרצען נאָך פרייהייט.

ער האָט צוגעהערט און איראָניש געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּף און געשמייכעלט. אין מיין בעגייסטערונג האָב איך מיך נישט געקאָנט אָבשטעלען און פרעגען, וואָס בעדייט זיין שמייכלען. נור גע־וואונדערט האָט עס מיך שוין. ענדליך האָב איך דאָך אָבגעהאקט דאָס דערצעהלען.

„פערשטעהט איהר מיך,“ האָט ער געזאָגט, „אָט דאָס אַלץ ווייס איך שוין לאַנג. איך האָב א סך וועגען דעם געלייענט און א סך געהערט, נור איך זאָג אייך דעם אמת, איך ווער פון דעם נישט נתפעל. פרייע מענשען אין א פרייען לאַנד געהען זיך דורך אין א מאניפעסטאַציע מיט פאָהנען — וואָס איז דאָ די גבורה? אָבער דער עיקר פעהלט דאָ, די נשמה, מיין איך, דער... דער... דער... אזוי צו זאָגען, דער חיות! זאָגט אַליין, פון וואָס איז דאָ פאַראַן נתפעל צו ווערען. דער טייטש איז דורכגעגאַנגען אין א מאַ־ניפעסטאַציע, אויסגעטרונקען א פּאָר קופעל ביער און געקומען א היים און געלעגט זיך שלאָפען. צו אַזוי דאַרף מען דאָס פייערן דעם ערשטען מאַי? צו אזוי דארף מען זיך דאָס פיהרען אין א וועלט־יום־טוב?“

פערלמאַן האָט גערעדט מיט די הענד, מיט די אקסלען און מיט אַלע אברים. ער האָט געפיהלט מעהר, ווי ער האָט געקאָנט ארויס־געבען מיט ווערטער. נור פון זיינע בעוועגונגען האָט מען שוין

געקאָנט פערשטעהן, וואָס ער וויל פון דעם יום־טוב, וואָס איהם גע־פעלט נישט ביי די „טייטשען".

דער נערוועזער איד קאָן נישט פערטראָגען די געמיטליכקייט, די רוהיגקייט. ער דאַרף האָבען „נשמה", ער דאַרף זעטיגען זיינע נערווען. דאָס אייביגע „כל עצמותי תאמרנה אדני" — אלע זיינע ביינער דארפען לויבען גאָט.

פערלמאַן האָט געמאַכט דעם פּירוש צו מיינע געדאַנקען.

„ניין, ביי אונז איז גאַנץ אַנדערס, עפּיס לעבעדיגער, פרעהלי־כער, יום־טוב'דיגער."

און ער האָט דערצעהלט, ווי „מיר" האָבען געהוליעט דעם ערשטען מאַי.

א מאַן פינף און צוואַנציג זיינען זיי געוועזען, בחורים און מיידלעך. אַלערליי בעלי־מלאכות פון בעזונדערע ווערקשטאַטען, אַלע גוטע פריינד, פערבונדען און פעראייניגט דורך איין אידעע. פּסח־צייט נאָך האָבען זיי אָנגעהויבען אויסצוקוקען א פערבאָרגע־נעם אָרט ערגיץ אין וואַלד ארום שטאָדט, אז קיין שד זאָל זיי נישט קאָנען געפינען. און גאַנצע צוויי וואָכען... ניין, נאָך איבער צוויי וואָכען! פון פּסח ביז דעם ערשטען מאַי האָבען זיי נור גערעדט וועגען זייער יום־טוב. דאָס האָט זיי בעשעפטיגט טאָג און נאַכט. און נישט דערפאַר, וואָס זיי געהען טון א געפעהרליכע זאַך. דאָס דוקא איז זיי אין דער לינקער פּאָה נישט געלעגען. ווער מורא? וואָס מורא? דאָס איז געוועזען א חברה, וואָס האָט שוין לאַנג אראָבגעוואָרפען פון זיך יעדע מורא. נור דער געדאַנק, אז היי־יאָהר וועלען זיי פייערען צום ערשטען מאָל דעם וועלט־יום־טוב צוזאַמען מיט אַלע פּראָלעטאַריער פון דער גאַנצער וועלט, אָט דער גע־דאַנק האָט זיי אַזוי אויפגערעגט, אז זיי האָבען פשוט געצעהלט די טעג ביז צום ערשטען מאַי.

די גאַנצע נאַכט אויף דעם ערשטען מאַי און אין דער פריה ביז א זייגער אַכט האָט גערעגענט. א זייגער ניין האָבען זיי זיך גע־דארפט ריהרען אין וועג, און אין דער לופט זיינען נאָך געהאַנגען

געדיכטע וואָלקענס, און א ווינד איז געווען. האָט מען אָבגע־זאָגט דעם פסוק „וישא יעקב את רגליו“ און געלאָזען זיך אין וועג. אי, וואָס, עס וועט רעגנען ? פטור, נו, אויך א זאַך — מען איז דאָך נישט פון צוקער. וויפיעל מאָל האָבען איינינע פון זיי געדאַרפט אַרבייטען אונטער׳ן פרייען הימעל אין א שלאַגסרעגען ?

„דערפאַר וועט אונז גאָט געבען א גרעסערען שכר הליכה,“ האָט זיך געוויצעלט בינקין דער שלעבער, ביי ווענען דער עולם האָט זיך פערזאַמעלט. און מען איז אוועק אקוראַט ווי עס וואָלט געווען דער שענסטער טאָג. נור די „איידעלע נשמות“ האָבען פערכאַפּט מיט זיך א פּאָר גרויסע טיכער, עס זאָל נישט אזוי נאַס זיין צו זיצען אויף דעם נאַסען גראָז.

„נור איך קאָן אייך זאָגען, אז איך ווייס נישט, צו איז דאָר־טין געווען נאַס, צו נישט, וואָרום ווען איז עס גאָר אין קאָפּ געלעגען ?“

ווייל אין וואַלד זיינען זיי געווען ווי שיכור און ווילד פון דעם פרייהייטס־געפיהל, וואָס האָט זיי דורכגענומען. אין שטאָדט זיינען זיי געגאַנגען צו פּאָרלעך און צו איינציגווייז — ווי האָט דאָס זיי געדריקט ! דאָ פיהלען זיי זיך פעראייניגט מיט דער גאַנ־צער וועלט און עס ווילט זיך זיי רווישען, זינגען, טאַנצען און אי־בערקערען א וועלט — און דאָ געה גאָר צו איינציגווייז און גנב׳ע זיך ארוים פון שטאָדט ווי א גנב ! נור ווי זיי זיינען אַריין אין וואַלד, האָבען זיי דערפיהלט, ווי זיי וואָלטען אראָבגעוואָרפען פון זיך די שווערסטע קייטען. אויף די געזיכטער האָט זיך צוגעאָסען א גרויסע פרייד, א שטאָלצע פרייד, א העזה׳דיגע פרייד.

פּערלמאַן האָט נישט געקאָנט מעהר רוהיג דערצעהלען. ער האָט אָנגעהויבען צו רעדען מעהר מיט די הענד, ווי מיט׳ן מויל. ער האָט נישט געפונען די רעכטע אויסדריקען.

פאַר די פרייעסטע מענשען האָבען זיי זיך געפיהלט, פאַר די פרייעסטע ! און ליעדער האָבען זיי געזונגען, און רעדעס האָבען זיי געהאַלטען, און ארויסגעזאָגט אַזוינע ווערטער און געדאַנקען, אז די

רוסישע בוימער האָבען געדאַרפט ציטערן. און וואָס זיי האָבען די וועלט איבערגעקערט, און וואָס זיי האָבען צוטאַנצט און צושפּרונ־גען! קיין זאך איז זיי נישט צו קליין געוועזען.

אין זיי איז געזעסען דער שמחת־תורה גייסט. דיזעלבע פיינע בריה'שאַפט און שקאַציקעריי, דיזעלבע שמחת־תורה'דיגע העזה און שטאָלץ. יעדעס גליעד האָט אין זיי געזונגען, געשפּרונגען, גע־טאַנצט. עס האָט זיך געדוכט, אז דער וואַלד איז צו ענג. א פּלאַץ האָבען זיי געדאַרפט האָבען ברייט ווי די וועלט, לאַנג ווי דאָס פּראָלעטאַרישע עלענד.

„וואָס מיר מאַניפעסטאַציע! ווער מיר מאַניפעסטאַציע!“ האָט פּערלמאַן געשריען. „הוליען וויל איך, פּיהלען, אז עס איז יום־טוב אויף דער וועלט. א מאַניפעסטאַציע איז טאַקי א גוטע זאך, אָבער נאָכדעם, נאָכדעם...“

ער האָט ווידער קיין ווערטער נישט געפונען און נור פער־נאַנדערגעשפּרייט די אַרמס און צוזאַמענגעדריקט זיינע דיקע אויס־געאַרבייטע הענד אין פויסטען.

„און זעהט איהר,“ האָט ער ווייטער אָנגעהויבען מיט היץ, „פאַר א יאָהרען האָבען מיר שוין נישט געקאָנט הוליען. פּאָליציי איז געוועזען אויף די פּיס. זי האָט שוין דערשמעקט פון דעם ערשטען מאַי און אויף גאַנצע פונפצעהן וויאָרסט איז דער וואַלד געוועזען ארומגערינגעלט מיט שפּיאָנען. האָבען מיר געמוזט געהן צו דער אַרבייט. נישט געהן וואָלט הייסען אָבגעבען זיך דער פּאָ־ליציי אין די הענד. דאָס האָט זיך נישט געלוינט. איז בקיצור, וואָס זאָל איך אייך זאָגען, מיר האָבען געאַרבייט מיט דעמזעלבען געפיהל, ווי א פרומער איד, ווען ער וואָלט געמוזט אַרבייטען אום שמחת־תורה. דער יום־טוב איז געלעגען אין אלע אברים. אַרביי־טענדיג האָב איך געשפּירט הינטער זיך די גאַנצע גרויסע אַרמיי פון דעם פּראָלעטאַריאַט. איך האָב געלעבט מיט איהר צוזאַמען, דורכ־געמאַכט מיט איהר אלע מאַניפעסטאַציעס, און געטאַנצט און גע־זונגען ווי דאַמאָלסט אין וואַלד. און וויפיעל מאָל האָט זיך מיר

געוואָלט אַ שמיים טון די ארבייט איך טשאָרטו, קאָ ווסיעם טשערטיאם!"

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט א מין גרויסקייט און התפעלות, און איך האָב נישט ווילענדיג א שמייכעל געטאָן.

„אי, געהט," האָט ער געזאָגט און א מאך געטאָן מיט דער האנד, „איהר האָט זיך פערדייטשערט... מ־נא, קאליע געוואָרען..."

און פלוצלינג האָט ער אָנגעהויבען צו טרייסלען די הענד אין דער לופטען און שרייען:

„ווייסט איהר דען, וואָס דער ערשטער מאי איז?... ווייסט איהר... ווייסט איהר..."

.1898

ליעדער אין פּראָזא.

.1

שיר המעלות.

א קאָרעספּאָנדענט אפילו, איין איינפאכער קאָרעספּאָנדענט וואָלט זיך נישט איינגעהאַלטען און וואָלט זיך צושריעבען מיט התפּעלות, מיט אויסגעשרייען, מיט הויכע ווערטער.

ביי מיר גיסט זיך עס אויס אין א ליעד אָהן גראַם, אין א פּראָזא־ליעד, אָבער דאָך אין א ליעד. זינגען וויל איך! א שיר השירים.

שוואַרץ איז מיין העלד און ווי שיין! שוואַרץ פון קאָפּף ביז די פיס. אויפ'ן געזיכט נור זעהען זיך וואו נישט וואו געלע, פּאַר־מיט־געלע פלעקען און געלבליך זיינען די ווייסלען פון די שוואַרצע אויגען. אָבער ווייטער איז אַלץ שוואַרץ.

א קוימענקערער איז מיין העלד.

א איד אין מיטעלע יאָהרען — עטליכע און פיערציג. א הויכער, איין איינגעאָרבעטער. די שווער אָבגעלעבטע יאָהרען, די אַכט קינדער, דאָס קראַנקע ווייב האָבען איהם די פּלייצעס גע־בויגען. א טרויעריגער שמייכעל רוהט שטענדיג אויף זיינע ליפּען. מיט דעם שמייכעל און מיט זיינע געלבליכע גוטע אויגען וויל ער זאָגען, אז ער איז נישט שולדיג, וואָס אויף דער וועלט לעבט זיך אַזוי שלעכט. ער וואָלט געוויס אנדערס מאַכען, ווען ער וואָלט גע־קאָנט, נור ער קאָן נישט.

ער לאַכט זעהר גערן, כאָטש עס בעווייזען זיך נישט צוויי ציילען ציינער, ווייס ווי די שעפּסען נאָכ'ן וואַשען. ער לאַכט זעהר גערן, ווייל ער איז א זעהר גוטער מענש. א מענש אָהן א

גאַל, אַ שם־דבר אין שטאָדט. מאיר דער קוימענקערער! — ווער קען איהם נישט דעם גוטען, דעם אָהן אַ שיעור גוטען מאַן?

יעצט געהט ער אַוועק אין סיביר. נישט פאַר אַ גנבה, חלילה, נישט פאַר אַ גזלה, נישט פאַר פאַלשע אַסיגנאַציעס. ער געהט אין סיביר, ווייל ער איז געוועזען אַ גוטער מענש, דאָס איז זיין איינ־ציגער חטא.

ער פלעגט אונטערשטיצען סטרייקענדע קוימענקערער, זוכען פאַר זיי מלאכה און אַוועקגעבען זיי זיין אַרבייט — דאָס איז זיין פערברעכען.

און עס האָט זיך געפונען איין אַנדער קוימענקערער־מייסטער, וואָס האָט נישט געקאָנט פערטראָגען זיין גוטסקייט און גע׳מסר׳ט איהם.

די זשאַנדאַרמען האָבען גע׳פסק׳נט, אַז ער איז אַ געפעהרלי־כער מענש.

אַ געפעהרליכער מענש דאַרף געהן אין סיביר.

די שטאָדט־לייט זאָגען אויף איהם: זעהר רעכט, זאָל ער זיך נישט מישען נישט אין זיינע זאַכען.

דער מסר האָט אַ סך הנאה און אַ ביסעל חרטה.

די אַרבייטער שווערען, זיי וועלען זיך נוקם זיין פאַר א י ה ם.

און איך זינג אַ שיר השירים.

שוואַרץ איז מיין העלד און ווי שיין, און ווי שיין!...

.2

דער אַרבייטער שרייבט!

פאַר מיר ליעגט אַ צייטונג. דאָס פּאַפּיער איז שלעכט און נאָך שלעכטער איז דער דרוק. אין די שורות פעהלען ווערטער, אין די ווערטער פעהלען אותיות, און אין גאַנצען איז עס פערשמירט, איינ־געריכט, פערפלעקט. די ערגסטע מאַקולאַטור פון אַ היינטמאָדי־שער דרוקעריי איז פיעל ריינער און דייטליכער.

און איך האלט די צייטונג, בלעטער זי, ווענד זי אום הין און צוריק, קוק זיך איין אין די פערשמיערטע שורות און לייען און לייען. פאר וואס קלאפט מיר דאס הארץ? ווירקליך, עס קלאפט מיר דאס הארץ. מיט הונדערטער יאהרען צוריק האט ביי די לע־זער פון דעם ערשטען געדרוקטען בלאט אויך אזוי געקלאפט דאס הארץ. בעשטימט. זיי האבען געשפירט די נייע צייט, וועלכע איז אנגעקומען מיט די נעדרוקטע שורות.

איך שפיר עס אויך.

ארבייטער אליין האבען זי געשריעבען, די פערשמירטע צייטונג, וועלכע איך האלט מיט ציטערדיגע הענד און לייען מיט אזא כונה. ארבייטער אליין האבען זי געשריעבען און בעהאלטענער־הייט געזעצט און געדרוקט.

ארבייטער אליין!

וואו נעם איך דעם מאלער, וועלכער זאל מיר אבמאלען דעם ארבייטער־שרייבער, ווי ער זיצט שפעט ביי נאכט פאר א דונקעלער לאמפ איבער א פיערטעל פאפיער און שרייבט און שרייבט?!

איך זעה איהם. דעם ארבייטער. איך פיהל איהם, איך פיהל איהם!...

אין א גרויסער שטאדט איז עס. א סך צעהנדליגע טויזענד איינוואהנער געפינען זיך אין איהר. אונטער זיי דער שפיץ פון היינטיגער געזעלשאפט — די איבערזאטע עשירות, און דער טיע־פער אבגרונד — דער הונגריגער דלות. אין די ריינע רייכע גאסען — גרויסארטיגע מויערן, אין די שמוציגע ארמע גאסען — שרעק־ליכע חורבות. אלץ ווי געהעריג. און ווי געהעריג, געפינען זיך אין איהר א סך בעלי־בתים און נאך מעהר ארבייטער. און יאהר־רען־לאנג האבען די בעלי־בתים געוואוסט, אז וואס מען צאלט וועניגער דעם ארבייטער, בלייבט מעהר דעם בעל־הבית, און די ארבייטער האבען געדאנקט און געלויבט גאט, וואס די בעלי־בתים האבען צו געבען ארבייט.

עס זיינען יענמאלט געוועזען גוטע צייטען. די בעלי־בתים

און זייערע פּועלים האָבען צוזאַמען שולען געבויט און אין איינעם אין זיי געדאַווענט. פון די בימה׳ס האָט מען גע׳מגיד׳עסט ווע־גען אייביגען דלות און אייביגע עשירות, וועגען אייביגען הונגער און אייביגע זאַטקייט. אומזיסט דיין בעמיהען, מענש! די וועלט מוז איינגעטיילט זיין אויף אָרמקייט און רייכקייט. זי מוז! אזוי וויל גאָט.

גוטע, אַלטע צייטען...

נור די צייטען זיינען אַוועק. אין דעם שטענדיגען קרעכצען האָט זיך דערהערט א פרעהליכער טאָן, אויף דעם פון פערצווייפ־לונג פערקרימטען פּנים האָט זיך בעוויזען א שמייכעל פון האָפ־נונג. דאָס האָבען די ארבייטער זיך אויסגעלערנט מלחמה צו האַל־טען געגען דעם אייביגען דלות, געגען דעם קיינמאָל נישט אויפהער־רענדיגען הונגער! דאָס האָבען די ארבייטער אָנגעהויבען צו גלוי־בען, אז מיט זייער נצחון קומט אָן א נייע צייט, אז אויף זיי ווערט אויפגעבויט א נייע וועלט, און זיי האָבען אָנגעהויבען מלחמה צו האַלטען פאַר פערבעסערען זייער לאַגע, פאַר מענשען־רעכטע און דערמיט געהן טריט ביי טריט פאָרווערטס, אַלץ פאָרווערטס און פיהרען מיט זיך די גאַנצע וועלט, די גאַנצע מענשהייט.

דאַן האָט זיך דער ארבייטער גענומען פאַר דער פען.

דעם גאַנצען טאָג ביי דער ארבייט האָט איהם נישט אָבגעלאָ־זען דער געדאַנק, אז היינט ביי דער נאַכט וועט ער ע נ ד ל י ך שריי־בען. שוין א סך טעג און נעכט אז ער בעקלערט, וואָס ער וועט שרייבען. און היינט טראָגען זיך איהם ארום אין קאָפּ די אַלע געדאַנקען, לויפען ארום, יאָגען, שטופּען איינער דעם אַנדערן.

ער זאָל זיי נור נישט פערגעסען!

און ער חזרט איין יעדען געדאַנק, טראַכט איהם ארום, און עס בעווייזען זיך אַלץ נייע און נייע. ניין, ער וועט נישט פערגע־סען. זיי ליעגען איהם שוין צו גוט אין מאַרך, אין די ביינער, אין׳ם בלוט.

ער טראַכט און טראַכט. מיט וואָס פאַר א פערגניגען וואָלט ער געוואָרפען די ארבייט און זעצען זיך שרייבען. ווייס ער דען, וואָס ער ארבייט יעצט? זעהט ער דען, ווי עס פליהט אום דאָס שיפעל?

קוים דערלעבט די נאַכט!

געקומען איז ער פון דער אַרבייט טויט־מיד, און קוים איז ער אריבער די שוועל פון זיין וואָהנונג, האָט ער שוין גענומען זיך פאַר די טינט־און־פעדער.

פערשימעלט די פען, פערשטויבט די טינט, נור דאָס איז אַלץ פון די קלייניגקייטען. ער איז סיי ווי סיי נישט פון די פלינקע שרייבער.

אָנגעארבייטע הענד, מיט מאַזאָליעס די דלאָניעס, די פינגער פערמאַטערט. נור שרייבען וועט ער, אַך, וועט ער שרייבען!...

מיט די שפּיץ פינגער האָט ער איינגעדריקט דאָס הענטעל און גע־נומען זיך צו דער אונגעוועהנליכער אַרבייט.

ער האָט געשריעבען פון סטרייקען, פון נצחונות, פון ארעס־טען; ער האָט גענידעלט די בעלי־הבתים, געשאָלטען די רעגיערונג, געפלוכט יעדען אונטערדריקער; ער האָט בעקלאָגט די אונגליקליכע שקלאַפען, גערופען צו אחדות, געפאָדערט צום קאַמפּף.

אין קאָפּף האָט איהם געטראָגען, געקלאַפּט, געזעצט. ער האָט פערגעסען דעם גאַנצען מידען טאָג, די שווערע הענד, די וועהטאָגדיגע פינגער. ער האָט דערפיהלט, אז זיינע פלייצעם ווערען ברייטער, זיינע הענד — געזינדער און געזינדער.

און ער שרייבט! אַך, מיט די ברייט געוואָרענע פלייצעם און מיט די געקרעפטיגטע הענד וואָלט ער דאָך יעצט אויפגעהויבען אַלע זיינע פערקנעכטעטע, פאַר׳ן טאָג־ברויט פערקויפטע ברידער, און זייערע קייטען צוריסען, דעם פיינד וואָלט ער צושלאָגען, יעדע אונ־טערדריקונג פון דער וועלט פערטריבען!...

ער פיהלט אין זיך דעם כח, ער האָט די גבורה.

און ער שרייבט און שרייבט.

אין דעם געפּלאַצטען לאָמפּ־גלאָז איז א לאָך; דאָס לאָך איז

פערקלעבט מיט פאפיער. דאָס צוגעקלעבטע פאפיער איז אָנגע־ברענט, דאָס גלאָז איז פערראויכערט, דער טיש איז קוים בעלויכטען.

די מאמע ליעגט אין בעט און קלאָגט זיך: ער וועט אויסברע־נען די גאנצע לאָמפּ און קעראָסין קאָסט טייער. די עלטערע שוועסטער ליעגט נעבען דער מאמען און בייזערט זיך, זי וועט אראָבגעהן און פערלעשען די לאָמפּ, ווייל זי קאָן נישט שלאָפען פאר פייער. דער טאטע ליעגט אויף דער האָלצערנער באנק און סטראשעט, ער וועט אויפשטעהן און צורייסען די גאנצע כתיבה.

און אויף דער פאָדלאָגע ליעגען די פינף אנדערע ברידער און שוועסטער און ווארפען איהם אונטער דער פּען אלץ, וואָס עס פאלט זיי ארייז אין האנד, און שלעפען און ציהען איהם פון אונטען פאר די פיס, און שלאָגען זיך צווישען אנאנד און לאכען און וויינען...

ער הערט גאָר נישט, ער זעהט גאָר נישט. ער... שרייבט און שרייבט. סטרייקען, נצחנות, ארעסטען... בעלי־בתים, רעגיערונ־גען, אונטערדריקער... שקלאפען, אחדות, קאמפף...

איך זעה איהם, דעם ארבייטער. איך פיהל איהם, איך פיהל איהם!...

.1898

קאטאלאג

פון דער

אינטערנאַציאָנאַלער ביבליאָטהעק פערלאַג קאָמפּ.

		פרייז.
פיליפּ קראַנץ,	קולטור געשיכטע, 8 בענדער, 1000 זייטען, 100 בילדער, שיין געבונדען, פרייז יעדער באנד	75 ס.
" "	דיא געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, 8 טהיילען אין איין באנד, שיין געבונדען	75 "
" "	יציאת מצרים, מיט איין קארטע פון מצרים	15 "
" "	אַריסטאָטעל, זיין ביאָגראפיע	10 "
" "	וואָס הייסט נאַציאָן — זיינען אידען אַ נאַציאָן?	10 "
י. גארדין,	גאָט, מענש און טייוועל, דראמע אין 4 אקטען	25 "
" "	וואָלטער, זיין ביאָגראפיע	10 "
דר. קאספּע,	מעכאַניקע, נאך סיר אייזאק ניוטאָן	10 "
" "	אַסטראָנאָמיע " " "	15 "
" "	אָנפאַנג פון כעמיע	15 "

פרייז.

מ. באראנאוו, דער מענש און דיא נאטור.........10 "

ל. טאלסטאי, פאַטריאָטיזמוס און רעגירונג, 05 "

" " דער איינציגער מיטעל............05 "

ביידע בראָשורען איבערזעצט פון מ. קאטץ.

מאקסים גארקי, ערציילונגען, איבערזעצט פון ח. אלעקסאנדראָוו.......................15 "

ח. אלעקסאנדראוו, טאָלסטאָי, זיין ביאָגראפיע 10 "

ב. פייגענבוים, רמב"ם, זיין ביאָגראפיע..............10 "

מ. וויערניק, רב סעדיה גאון, זיין ביאָגראפיע...10 "

מ. פרומקין, ר' ישראל בעל שם טוב, זיין ביאָגראפיע..............................10 "

מאררים ראזענפעלד, געזאַמעלטע ליעדער פון מאָררים ראָזענפעלד, 337 זייטען, אילוס-טרירט, שעהן געבונדען, פרייז.............. $1.00

פיליפ קראַנץ, אַמעריקאַ פאַר קאָלומבוס. א קולטורגעשיכטליכע נאכפארשונג, 169 זייטען מיט 44 צייכנונגען, שיין געבונדען, פרייז.................50 ס.

פ. וויערניק, דער ווילנער גאון, זיין ביאָגראפיע 10 "

ד. מ. הערמאלין, יצחק בער לעווינזאָהן, זיין ביאָגראפיע.. .... 15 "

פרייז

פיליפ קראַנץ, ברוך ספינאָזא, זיין לעבען און זיין פילאָזאָפיע.....................15ס.

״ ״ שבתי צבי, זיין ביאָגראפיע...... 15 ״

״ ״ יאזעפוס פלאוויוס, זיין ביאָגראפיע 15 ״

״ ״ בר־כוכבא, זיין ביאָגראפיע...... 15 ״

״ ״ לעססינג און מענדעלססאָהן, זייער לעבען, שריפטען און טהעטיג־קייט. 185 זייטען.................. 25 ״

מאררים ראזענפעלד, היינריך היינע, זיין ביאגראפיע, 85 זייטען.......... 15 ״

דוד פינסקי, ערצעהלונגען, צוויי בענדער, 546 זייטען, פרייז יעדער באנד.... 50 ״

״ ״ זרבבל, ערצעהלונג............ 05 ״

דר. ש. פעסקין, סטרייקס און זייער ניצ־ליכקייט פיר דיא ארבייטער.. 05 ״

צו אדרעססירען:

The International Library Pub. Co.,
23 Duane St., New York, U. S. A.

Rack

LIBRARY AND READING ROOM OF THE
Jewish National Workers' Alliance

3903 - 3

Toronto Jewish Public Library

THIS BOOK MAY BE KEPT
21 DAYS

and may be renewed once, if no application has been registered for it.

A fine of 4 cents a day is charged, if the book is kept after the last date stamped below. No book will be issued while a fine remains unpaid.

PLEASE ADVISE CHANGE OF ADDRESS

ספריה עממית בטורונטו
יידישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

ספריה עממית במונטריאל
JEWISH

ברענט.

ד. פינסקי.

רעוואָלוציאָנער
#2628

JUN 24 '66	6067		
MAY 15 '72	1954		
JAN 23 '79	[illegible]		

ברענט.
107

#2.628

MAY 15 '72

JAN 23 '79
AUG - 5 1986
DEC 21 1986
JAN 11 1987
FEB 28 1988
JAN 4/2000
MAR 6/2000